STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00019

# DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dana Lauren Podell*
*in memory of*
*great-grandparents, Frank & Rose Wloch Berlin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

אכטער באנד.

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.
תר"פ — 1920

י. ל. פּרץ

# ערצעהלונגען. מעשה'לעך. פּאָעמען אין פּראָזאַ

אַרויסגעגעבען פון פּאַרלאַג „אידיש", ניו-יאָרק.

Copyright 1920 by

JEWISH BOOK AGENCY

# ערצעהלונגען

# וועגוס און שולמית.

אין קלויז הינטער'ן אויווען זענען געזעסען צוויי ישיבה־בחורים. ח י י ם און ז ע ל י ג. ח י י ם האט געלעזען הויך פון א געשריבענעם ביכעל, און זעליג הערט צו און פארריכט א שוך מיט א פראסטען נאדעל־פאדעם.

„...און שעהן איז חנה געווען ווי וועגוס...“

— זאג מיר, זעליג, איך בעט דיך, וואס מיינסטו מיט'ן ווארט ו ו ע נ ו ס ? — האט חיים א פרעג געטאן.

— וועגוס איז א מיטאלאגישער גאט — האט איהם זעליג געענטפערט, שמעכענדיג אין שוך אריין.

— וואס איז אזוינס מ י ט א ל א ג י ע ?

— דאס ווייסט דו אויך נישט, חיים?... דו געדענקסט יענע וואך איז געקומען צו פאהרען א משונה'דיגע בריאה מיט א לאנגען פארטוך און מיט א רויט מיצעל, און האט פארקויפט בזיל־הזול לאקרעץ־פלעצעל מיט נאך אנדערע זיסע זאכען?

— אהא !

— דאס איז געווען א גרעק, און עס איז דא אזא גאנץ פאלק, וואס הייסט מיט'ן נאמען „ג ר ע ק ע ן“.

— און אלע פארקויפען לאקרעץ־פלעצעל?

— נעה, דו נאר, זיי האבען זייער אייגען לאנד — „ג ר י כ ע נ־ל א נ ד“... די גרעקען זענען אן אלט פאלק... זיי ווערען דערמאנט אין תנ"ך. זייער לאנד הייסט „א ר ץ י ו ן“, זיי אליין — „י ו נ י ם“.

— וואסער י ו ן ? נישט פון דעם קומט ארויס „איוואן“ ?

— חס ושלום! י ו נ י ם זענען גאר גרעקען — „מ ל כ ו ת י ו ן“. אט די יונים זענען אמאל געווען זעהר א שטארק און א געבילדעט פאלק... דו האסט אודאי געהערט: א ר י ס ט ו,

ס א ק ר א ט; זיי ווערען דאך געבראכט פון אונזערע חכמים, ווי פונ׳ם ר מ ב " ם... א ר י ס ט ו, למשל, האט געגלויבט, אז די וועלט איז א קדמון... דאס אלץ זענען גרעקען. נאר די גרעקען, כאטש זיי זענען געוועזען געבילדעט, געקאנט מאלען, זענגען, שניצען און אלע שעהנע מלאכות, זענען זיי פארט געווען פראסטע גע־צען־דינער, האבען זיי פראסט געדינט עבודה זרה.

— או ווא!

— זעהסט דאך! און אט די מעשיות, די ספורים פון די גע־צען, פון די אפגעטער, הייסט מ י ט א ל א ג י ע.

— אהא! נו, און וואס איז ו ו ע נ ו ס?

— אין דער מיטאלאגיע איז ווענוס די געטין פון שעהנקייט...

— וואס הייסט ג ע ט י ן?

— פארשטעהסט דו: ביי זיי האט יעדער פאך, יעדע מלאכה א באזונדערען גאט. ווי, למשל, מען זאגט ביי אונז, אז יעדע אומה האט א־הר שר... למשל שניצעריי, פאעזיע, שעהנהייט, געזונטהייט, גבורה...

— האט דאס אלץ געטער? נאר וואס מיינט מען געטין? א ק ל י י ן געטעל?

— ניין, גאט איז און „ע ר", געטין איז א „ז י".

— הא? נקבות? זיי האבען אריינגעזעצט אין הימעל אריין נקבות?

— ע, חיים, פארוואס מענער יא און נקבות נישט?

— אמת; איך האב אבער געמיינט, זעליג, אז געטער דארפען זיין נישט זכרים און נישט נקבות...

— דו מוזט וויסען, חיים, אז די גרעקישע געטער זענען גלייך צו מענשען; דער חלוק איז נאר דאס, וואס זיי לעבען אייביג. דער־פאר האבען זיי גלייך ווי מענשען קינדער, ווייבער און פלגשים, נאר שטארבען קאנען זיי באין אופן נישט! אט, למשל, דער העכסטער פון זיי, י ו פ י ט ע ר אליין, דער גרעסטער גאט, וואס האלט דעם דונער אין דער האנט און אלע געטער ציטערען פאר איהם אימת מות; ער אליין איז פונדעסטוועגען א פאנטאפעל, א גאר־נישט ביי זיין ווייב יונאנא, ווי א פראסטער מלמד ביי דער רבי׳־צין. איך האב דיר שוין אמאל דערצעהלט פון דעם פילאזאף סאקראטעס׳עס ווייב, פון דער מרשעת ק ס א נ ט י פ ע; זי איז

געוועזען א הונט קענגען דער יונאַנאַ! הײַנט שטעל דיר פאָר, וואָס פאַר א צרות יופּיטער האָט געליטען; ער האָט זיך אודאי צעהן מאָל אין טאָג געוואונשען דעם טויט... נאָר נייז, שטאַרבען קאָן ער נישט!

— הכלל — ו ו ע נ ו ס ?

— אַט ווענוס איז די געטין פון דער שעהנקייט! אַצינד וועל איך דיר פאַרלעזען איהר געשיכטע.

זעליג האָט אוועקגעלעגט דעם האַלב־פאַררינכטען שוך, ארויס־געשלעפּט א ברודיג פּאַפּיר פון בוזעם און אָנגעהויבען לעזען:

— ו ו ע נ ו ס, א פ ר א ד י ט א, א פ א ג ע נ ע נ א, פ א נ ט א ג ע נ ע א, א נ ד י א מ ע ט א...

— דאָס איז דייטש? איך פאַרשטעה דאָך נישט קיין וואָרט— האָט זיך חיים געוואונדערט.

— נאַרעלע, דאָס זענען די נעמען, וואָס ו ו ע נ ו ס האָט געהאַט אין פאַרשידענע ערטער אין גריכענלאַנד און דערנאָך אין רוים.

זי האָט מעהר נעמען, ווי יתרו; וואָס טויגען מיר די נעמען. לייען די מעשה בעסער!

זעליג לעזט:

„אונטער די פאַרשידענע נעמען איז ווענוס געווען היילינג אין די פאַרשידענע שטעדט, אַלס געטין פון דער ליעבע.“

— שוין נישט שעהנקייט?

— אַלץ איינס! „זי איז נישט געבוירען געוואָרען פון א מאַ־מען. זי איז ארויסגעשפּרונגען פון ים. זי איז א בילד־שעהנע נקבה, זעהר א רייצענדע...“

— א רייצענדע? וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט. זי האָט יעדען גערייצט. אויפגעקאָכט דאָס בלוט. וכדומה.

— אהא!

— „זי האָט מען פאַרגעשטעלט גאַנץ אָדער האַלב נאַקעט...“

— פע!

— „איהר מאַן איז געווען ו ו א ו ל ק א ן...“

— וואָס איז דאָס פאַר א מין חיה?

— אויך א גאָט, דער גאָט פון פייער... עהנליך צו אונזער

ת ו ב ל ־ ק י ן ; ער האָט ערפונדען די מלאכה פון אייזען קאָוועז. דאָס הייסט אויף דייטש די „שמידע־קונסט“, פאַרשטעהסט?

— אַביסעל.

— „נאָר מיט איהם האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט...“

— געטער גט'ן זיך נישט און האָבען חתונה אָהן חופה וקדושין. „דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט קינדער מיט אַנדערע געטער און מיט מענשען אויך.“

— ווי הייסט? גלאַט אַזוי, ממזרים הייסט עס?

— זיי־זשע נישט קיין שוטה, חיים! אַז געטער זענען פּטור פון חופה, קדושין און גט, איז ביי זיי נישט דאָ קיין ערוה און קיין ממזרים...

— יאָ, אודאי, אַז מען וואַשט זיך נישט, דאַרף מען נישט בענשען; דו זאָגסט דאָך אָבער מיט מענשען אויך?...

— נו, וואָס ז:יע איז? הלמאי אונזערע בני־אלהים, וואָס זענען דערמאָנט אין פּסוק...

— נו, נו, לייען ווייטער.

„מיט מ אַ ר ס 'ן האָט זי געהאַט צוויי קינדער...“

— ווי זאָגסט דו? מ ר ס צי מ ר ס נ א?

— נישט מרס, נישט מרסנא, נאָר מיט מאַרס'ן, מיט'ן גאָט מאַרס, דאָס איז דער „איש מלחמה“, דער גאָט פון מלחמות, דער קריגס־גאָט.

— „צוויי מיט באַקכוסען, מיט'ן גאָט, וואָס האָט צו שאַפען איבער וויין און אַנדערע משקאות.“

— דאָס מוז זיין אַ מין ל ו ט, אַ גוטער שכור!

— „צוויי מיט מ ע ר ק ו ר“...

— ווער איז דער?

— מערקור איז דער גאָט פון גנבים, סוחרים, משולחים!

— זעהר אַ געמיינער שדוך.

— מיט איינעם אַ נ כ י ז ע ס, אַ פּראָסטען בשר ודם, האָט זי זיך געטראָפען ערגעץ לעבען אַ טייך, זייענדיג פאַרשטעלט אין אַ פּאַסטושקע; פון דעם וויזיט איז געבוירען געוואָרען אַ אינגעל... אַמאָל האָט זיך איהר געטראָפען אַזאַ מעשה: עס האָט זי נאָכגע־יאָגט אַ חברה רוצחים — האָט זי זיך באַהאַלטען אין אַ הייל און האָט גערופען ה ע ר ק ו ל ע ס 'ן.“

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז אַ שטאַרקער גאַט, נישט אפילו אַ גאַנצער נאָר אַ האַלבער גאַט; איינער אַליין האָט ער אויסגערייניגט אין איין טאָג זעקס־און־דרייסיג פערד־שטאַלען...

— ווייטער, ווייטער, זעליג; עס הויבט שוין אָן צו נודיען און קאַפּויר צו געהן. כ׳לעבען.

— „הערקולעס איז געקומען אין דער הייל אַריין, ער האָט אַריינגעלאָזט די רוצחים איינציגווייז, איינעם נאָכ׳ן אַנדערען, מען האָט זיי צורעכט געמאַכט"...

— פע, חלשות!

— „די ווענוס פלעגט זיך שטאַרק נוקם זיין אין די, וואָס האָבען געלאַכט אויס דער ליעבע. איינוואוינער פון שטעדט האָט זי פאַרוואַנדעלט, דאָס הייסט מגלגל געווען, אין אָקסען."

— גענוג! — האָט חיים אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג, — עס קעהרט זיך די גאַל! ווענוס, אַ געטין, כאַ, כאַ, כאַ! געהאַט טויזענט מאַנען, גע׳הרג׳עט, געשטאָכען, געקוילעט — נאוף, זנות, רציחה, פע!

חיים האָט אויסגעשפּיגען און זעליג איז אויפגעשטאַנען אין איין צאָרן.

— ע! — האָט זיך זעליג אָנגערופען באַליידיגט — דו ווייסט וואָס דו רעדסט און וואָס דו שפּייסט... דו נעמסט אַ טייער, שעהן מלבוש, און טוסט עס אָן אויף דער לינקער זייט, דרעהסט איבער דעם ספּאַדעק און מאַכסט אַ פּורים־שפּיל!... ווענוס איז נאָר אַ משל, אַזאַ מין אידעאַל, אויף אַזאַ־נ׳אַרט, למשל, ווי אין שיר־השירים ש ו ל מ י ת...

— אַקוראַט, כאַ, כאַ, כאַ! שעמען מעגסט דו דיך, זעליג! פּונקט גלייך! שולמית אין שיר השירים איז אַ געזונטע, אַ פרישע, אַ שטיק אייזען! די ברידער האָבען איהר געהייסען היטען זייערע וויינגערטנער, האָט זי איהר וויינגאָרטען נישט געהיט; דאָס פּנים איז איהר אָפּגעברענט, נאָר זי איז נישט קיין ציגיינערין; דער האַלז איז ווייס ווי מירמעלשטיין; זי שמעקט מעהר, ווי אַלע פעלדער, וועלדער און גערטנער צוזאַמען. זי קוקט נישט אַראָפּ פאַר בושה און בלאָזט זיך נישט, ווי אַן אינדיק; זי קוקט גלייך, זי האָט זיך נישט וואָס צו שעמען. זי האָט אַזוינע גוטע, וואַרעמע האַרציגע

אויגען, ווי צוויי גוטע טויבען! און ליפען האט זי — צוויי דינע, רויטע פעדים. און זי שנירט נישט דאס פיסקעל און מאכט נישט קיין מאוס'ע עויות; זי רעדט גלייך, און האניג גיסט זיך איהר פון מויל!... אז דו זעהסט זי, קומט דיר קיין שלעכטער געדאנק נישט אריין אין קאפ; נאר פארקעהרט: דו פארלירסט גאר די געדאנקען. זי גיט אויף דיר א קוק מיט אן אויג, לאזט דו דיינע אראפ ווי א גנב; דיין הארץ אין דיר הויבט אן ציטערען און צאפלען, ווי א געקוילעטער האהן. זי איז איינפאך, ריין און ציכטיג, ווי ערשט געפאלענער שניי! אט קומט אן דער זומער, א ניי לעבען אויפ'ן פעלד און אינ'ם גארטען, די טירטעל־טויב הויבט אן צו ברומען, די בלומען הויבען אן שפראצען, דער פייגענבוים בליהט. די וויינטרויבען בלישטשען! אלץ ווערט אויפגעלעבט, אלץ האט זיך אויפגעכאפט צו נייעם לעבען און איהר הארץ האט ערפילט א ניי געפיהל! פלוצים איז דאס געפיהל נעקומען און באלד מיט'ן גאנצען שרעקליכען כח! שטארקער ווי דער טויט איז איהר ליעבע, טיפער ווי דער גיהנום איז איהר קנאה. און איהר ליעבע איז אייביג, טייכען וועלען זי נישט פארפליסען, דער י ם אליין וועט זי נישט פארלעשען... און ליעב האט זי נאר איינעם: א יונגען, שעהנעם פאסטוך; זי ווייסט נישט, אז דער פאסטוך טראגט א קרוין אויפ'ן קאפ, אז ער איז דער גרעסטער מלך אויף דער וועלט! זי איז פראסט, אפען און עהרליך, זי קאן נישט שפילען קיין ראמאן, קיין „טשיטשיבאבע", איהר טוט וועה, וואס ער איז נישט איהר ברודער פון איין טאטען און פון איין מאמען, זי זאל איהם קאנען קושען פראנק און פריי אין אלע גאסען! אט! דאס איז שולמית! דאס איז, ווי דו זעהסט, אן אידעאל פון אן אמת'ער אידישער טאכטער, וואס האט א טאטען און א מאמען, נישט ווי דיין ווענוס, די אויסגעלאסענע.

— דו פארגעסט אבער איין זאך — האט איהם איבערגעשלאגען זעליג — דו פארגעסט, אז דאס אלץ, דאס הייסט די מיטאלאגיע איז נאר משלים; דערונטער שטעקען פילאזאפישע און רעליגיעזע געדאנקען.

— אדרבא, פארקעהרט! גאר פארקעהרט די סברא! ווי פארקליידט מען הויכע געדאנקען אין נידעריגע משלים? ווי פארבינדט מען בריליאנטען אין א ברודינער שמאטע? און וואס הייסט?

איז דען ביי אונז אידען שיר השירים נישט קיין משל? איז דען נישט של מה דער רבונו של עולם אליין, דער מלך שהשלום שלו? און שולמית איז דען נישט די כנסת ישראל? די ריינע, נאר פארשווארצטע כנסת ישראל?! נאר סודות אהין, סודות אהער, שולמית איז טאקע שולמית, און וועגנוס, להבדיל אלף אלפי אלפים הבדלות, איז אזוינס, וואס איז נישט ווערט די רעד! הערסט דו, ועליג, ימח שמה!!! מעק אוים איהר נאמען פון דיין ספר, און שרייב — ווי הייסט דאס מיידעל, וואס דו באשרייבסט? חנה, ראכט זיך?

— חנה.

— נו, שרייב, אז זי איז אזוי שעהן געוועז, ווי... אדער נייז, שרייב נישט! הערסט דו! זאלסט דיך נישט דערוועגען, עס וואלט געוועז א העזה פון דיר; לאז דיין חנה מיט די פיסלעך, ווי די שפילקע־קעפלעך גלייך זיין צו וועמען דו ווילסט, צו מרים׳; מיט דער פויק, צו אביגיל׳ן, צו רחב׳ן, צו דלילה׳ן. לאז זיין צו וועמען דו ווילסט, אפילו צו אסתר המלכה; נאר נישט צו שולמית, קיינע קאן נישט גלייך זיין צו איהר, קיינע נישט. הערסט?!...—

## פון חאַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַר'ן טייוועל"

עס האָט געקאָנט זיין אַ קלעזמער, וואָס האָט זיך אין אַ מיי־דעל אויף אַ חתונה פארליעבט. ער האָט זעלטען, זעלטען שעהן און טרויעריג געשפּילט. ווייל ער האָט באמערקט, אַז זי הערט, פיהלט און פארשטעהט איהם.

אויף דער חתונה, וואו זי איז געוועזען, האָט ער געשפּילט שטענדיג וויינענדיג, שטענדיג האַרץ־רייסענדיג; שטענדיג האָט זיך זיין וועהטאָג געגאָסען און געגאָסען.

און דער עולם האָט נישט פארשטאַנען, וואָס עס איז, און האָט דערביי „מצוה־טענץ" געטאַנצט; זי איינע האָט פארשטאַנען, און די ליכט אין איהרע אויגען, אָדער דער פייכטער טוי אין זיי, האָט אויף זיין שפּילען געענטפערט.

איז אָבער זי אויף דער חתונה נישט געוועזען, האָט ער גלייך ווי אַלע אַנגעהויבען גרימפּלען און רופען:

— שבת, שבת!

עס האָט געהילכט, געשאַרפעט, געריסען, די געדערים איבער־געוואָרפען...

און דער עולם האָט געזאָגט:

— היינט שפּילט ער וואויל! ער רייסט איין סטרונע נאָך דער צווייטער!

דערנאָך האָט ער אויף איהר אייגענע חתונה געשפּילט.

זי איז אַ יתומה געוועזען, און ביים אל־מלא־רחמים האָט די פידעל אַזוי יאָמערליך געוויינט, אַזוי געקלעמט, אַזוי געקרעכצט, אַז...

אַז די מענער האָבען געוויינט ווי ווייבער, און ווייבער האָבען גע'חלש'ט.

— דער טייוועל שטעקט אין זיין פידעל, — האט מען גע־זאגט.

און ערשט, אז די כלה האט אנגעהויבען חליש'ען און ווייבער האבען זיך מיט קרעמפען צולאכט, האט מען איהם די פידעל פון די הענט ארויסגעריסען.

דאמאלט ערשט האט מען באמערקט, אז ער האט גלעזערנע אויגען...

דערנאך האט ער א צייט לאנג נישט געשפילט.

ער איז ערגעץ פארפאלען געווארען, אפשר ערגעץ קראנק גע־לעגען... אין א צייט ארום האט מען איהם ווידער אין קאפעליע געזעהן, נאר — קוים דערקענט... בלאס, אויסגעמאגערט, מיט פאר־לאשענע אויגען; גארנישט דער מענש, און גארנישט דאס שפילען. ער האט שוין מעהר קיין שטייגער נישט געשפילט, אפילו נישט פרים געהאלטען. אז אנדערער האט געשפילט פרים, און ער האט צוגעהאלפען, זיצענדיג, נישט ריהרעוודיג...

איינמאל האט ער זי דערזעהן ביי א „וועטשערע". ער איז אויפגעשפרונגען, אויסגעריסען די פידעל ביים פרים און אנגע־הויבען שפילען. שפילען ווי אמאל: דאס אויג פלאמט, דאס הארץ דריקט, די פידעל וויינט —

נאר קיינער הערט נישט... זי הערט אויך נישט! זי האט זיך צוריק פארמישט צווישען די ווייבער, ער זעהט זי נישט, איהר בליק ענטפערט נישט —

— העי! קלעזמער! — שרייט א מחותן — שפילט עפעס פרעהליכס צו דער וועטשערע! —

כאפט ער די פידעל, ווארפט צו דער ערד און אנטלויפט.

— אין דעם יונג שטעקט דער טייוועל, — האט מען געזאגט.

פון דאמאלט אן האט ער גאר אויפגעהערט צו שפילען אויף חתונות. דער עול פון פרנסה איז אינגאנצען אויפ'ן ווייב געפא־לען; ער איז געזעסען אין שטוב, שטענדיג מיד, בלאס, אהן כח.

דאס ווייב האט געזאגט: א דבוק, און געמאכט זיך א שטעל אויפ'ן מארק מיט געקאכטע ארבעס.

זי דאנקט און לויבט דעם אויבערשטען, וואס האט זי גע־שטראפט מיט רחמנות, וואס האט איהר א גוטען דבוק געשיקט. אז אנדערער שלאגט און הרג'עט און האקט אויס שויבען. דער דבוק

איז כאַטש אַ גוטער. אַ שטילער... וואָלט זי געהאַט געלט, וואָלט זי צו אַ גוטען איד געפּאָהרען.

— ער איז אַזוי גוט, — ריהמט זי זיך, — אַז ער שילט אַפילו נישט. אַמאָל פלעגט איהם גיבער אַ קללה אַרויס פון מויל; היינט איז ער שטיל ווי אַ טויב. ער וויל אַפילו נישט עסען... גיט מען איהם, עסט ער, נישט — נישט!

נאָר טיילמאָל, האַלבער נאַכט, מעהרסטענטיילס אין אַ לבנה־נאַכט — הויבט ער זיך אויף, נעמט אַראָפּ די פידעל פון וואַנט, זעצט זיך צום פענסטער און שפּילט.

ער שפּילט אַמאָל וויינענדיג, אַמאָל לאַכענדיג; אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך, אַמאָל רייסט ער די סטרונעס, אַמאָל גלעט ער זיי אַזוי איידעל, אַזוי פיין, אַזוי האַרצערדיג־ווייך, אַז עס צוגעהט אין אַלע גלידער...

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּילט פאַר'ן טייוועל.

# צוריקגעקומען.

דאמאלט האט נאר אנגעהויבען צו יעהרען ביי אונז, און גע־יעהרט האבען מיר אויף דער לאנגער גאס אין א קנייפע, אין א באזונדער צימער ביי א קיילעכדיגען שטאם־טיש. מיר האבען ביר געטרונקען, ביים קעלנער קרעדיט געהאט און גערעדט וועגען קונסט, וועגען אויפלעבונג פון דער קונסט א. ד. גל.

איין שטול איז א געוויסע צייט געשטאנען לער. א יונגער דיכטער האט געפעהלט. און יעדען אווענט האט מען איהם אויס־געקוקט: ער מוז קומען. צושטעלענדיג דאס ביר, האט דער קעל־נער געפרעגט: נאך נישט דא אונזער יונגער הער דיכטער? און פאר דעם לערען שטול דאך א גלאז געשטעלט. ער האט אויך גע־וואוסט, אז דער יונגער דיכטער מוז קומען.

און ווירקליך איינמאל, שוין צימליך שפעט — ער איז גע־קומען!

אלע זענען אויפגעשפרונגען, אלע הענט האבען זיך אויסגע־שטרעקט צו זיין הוט, צום מאנטעל, און אלע מיילער האבען גע־פרעגט:

— עפעס באשאפען?

— א סקיצע?

— א בינטעל ליעדער?

— א פאעמא?

— א ראמאן?

מען איז זיכער געווען, אז איהם האט אז „ארבייט" פאר־האלטען.

ער אבער ענטפערט:

— א שטיק לעבען איבערגעלעבט!

עס ווערט נאך אינטערעסאנטער. מען קוקט איהם אין געזיכט אריין:

— ווי געענדערט...
— מאדנע אויגען באקומען...
— א נייער שרומפּ אין שטערן.
— בלאס —
— א מאדנע גרימאסע ארום די ליפּען...
— עפּעס ווארפט זיך א זילבער־פאדעם אין די האר...
עמיץ אבער פרעגט:
— מיט וועמען?
מען בויגט זיך צו איהם איבער:
— א ברונעטע? א בלאנדינע?
און דער נאהנטסטער:
— איך קען זי נישט?
— חברים, — הויבט ער די ברעמען אויף, — נאך וואס פרעגען? איהר האט מיך נישט איינמאל מיט איהר צוזאמען באגעגענט; מיך געגריסט, זי אפילו נישט באמערקט... איהר האט צו איהר געשטאלט קיין שליסעל נישט געהאט — פאר אייך גארנישט געווען, פאר מיר — אלץ...
ער בויגט זיך איבער דעם אנלעהן:
— צו ארעם, ברידער, איז די מענשליכע שפּראך; עס האט דערפאר קיין נאמען נישט. שטארקער פאר ליעבע, צערטליכער פאר פריינדשאפט —
„עס, א יום־טוב געווען!"...
„נישט קיין תמוד־זון, פון שייך ארויסגענומען, און נישט קיין שטראל־ און שאטען־שפּיל אין א פאר'כשופ'טער לבנה־נאכט"...
עמיץ רוקט זיך מיט א שטילען געראוויש פון טיש אפּ — באליידיגט. קיינער אבער מערקט עס נישט און ער רוקט זיך שטיל צוריק.
און ער מאכט:
— א דיכטערישע ווירקליכקייט!
„א שטיק צייט אהן א וואכען־טאג, א שכינה־אפּגלאנץ אהן א שאטען פון אן אויסען־וועלט..."
— אויגען אזוינע?
— אויגען! זי קוקט אויף דיר, און טיף אין דיר הויבט פּלוצלונג אן שטיל און זיס צו רוישען. דאס ציטערען די פליגעל פון

דיין נשמה יתרה... עס איז שבת, עס איז יום־טוב ביי דיר אין הארץ... קליינע גאלדענע הארפען קלינגען: מזמור שיר ליום השבת...

ער שטעלט זיך אויף, ווארפט מיט א קאפ־באוועגונג די האר אויפ'ן נאקען ארונטער —

— ווייסט וועך אויף קלאר, וואס „אפרסמון“ — וואס „שמן אפרסמון“ איז?

מיר שוויגען; ער זעצט זיך צוריק; ער ווייסט אויך נישט אויף קלאר.

— און דאך, איבער דער גאנצער צייט בין איך מיט איהר איבער א טייכעל פון שמעקענדיגען שמן אפרסמון געשוואומען.

א וואונדערבארער שמייכעל ווייזט זיך ארום זיינע ליפען:

— אויף א לייכטען זילבערנעם שיפעל אין געשטאלט פון א פרומען, ערנסטען ווייסען שוואן, וואס האט זיך געטראגען, אהן פון „וואנען“, אהן „וואו אהין“ און מיר האבען נישט געפרעגט. א וויים סאמעטען פענדעל האט קוים געוועהט מיט א י י ן גאלדען געשטיקט ווארט: שטיל!

און נאך אפעטמען:

— צווישען צוויי רייהען שטילע ציפרעסען איז עס, דאס טייכעל, געפלאסען. — אין דער הויך קושען זיך די קרוינען מיט די גרין־פארטרוימטע בלעטער, אונטער א ליעב־אראפגעלאזטען הימעל; אונטען — א גאלעריע פון ליכט־ארקאדען, אויף בלומען, אויף בשמים־פעלדער ארום...

איך האב נאך געברויכט איהר האנט צו נעמען, די אויגען צו שליסען — — —

— און?

— זי איז אוועק...

מען פרעגט:

— צו טאטע־מאמע?

— צום מאן?

— צו קינדער?

— אלץ איינס! אוועק האט זי געמוזט...

און צוריק יונגיאנער:

— איך האב זי נישט פארהאלטען...

עס איז אווענט געווען. אין דרויסען געהט אונטער די זון

און איהרע אפגלאנצען שפילען ארום די וועגט. זי נעהם, זיי— נאר... זיי רייסען זיך אפ פון די וועגט און ציהען זיך צו איהר און פארשווינדען. און מיר ווערט גרוי, גרוי... איך האב די אויגען גע־שלאסען...

איך זיץ און איך פיהל, אז נאך עמיץ נעהם איהר נאך — מיין נשמה יתרה... גוט...

— געה — טראכט איך — מיט איהר! ביי מיר וועט שוין קיין שבת און קיין יום־טוב נישט זיין —

ער בלייבט שטיל. עמיץ איז אויפגעשפרונגען מיט א פולען גלאז אין דער האנט:

— לעבען זאלען אונזערע שבתים און ימים טובים!

און ארייגשפארענדיג דעם דיכטער דאס גלאז אין דער האנט אריין:

— מאך הבדלה, ברודער!

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער קעלנער האט אנגעהויבען לעשען. —

# אן אומבאקאנטע.

אין א קליינער מענער־געזעלשאפט האט מען וועגען פרויען און זייער איינפלוס אויפ'ן מענער־לעבען גערעדט.

— אויף מיר — האט זיך אפגערופען א יונגער ארצט — האט א גרויסען איינפלוס געהאט נאר איין פרוי און דערצו — אן אומבאקאנטע.

געבעטען, האט ער די קליינע געשיכטע דערצעהלט.

אלס יונגער סטודענט איז ער אמאל פארבעטען געווארען אויף א טאנץ־אווענט אויף א זומער־וואוינונג. דער אווענט האט זיך פארצויגען ביז פאר־טאג. עס איז א משוגע'נע, לוסטיגע נאכט געווען. די טאנץ־ און פלירט־אטמאספערע האט איהם בארוישט. און אלס יונגער מענש, אהן פאראורטיילען, האט ער פון לוסטיגען בעכער אין איין אטעם געטרונקען: נישט איין טענצעריז, מעהר אלס מען האט געברויכט, צוגעדריקט צו די פארזילבערטע מונדיר־קנעפ, נישט איינער מיט קוים אויסגעשפראצטע וואנסען־שפיצען די פלאמענדיגע בעקלעך געשטרייפט. די, וואס ער האט אפגע־פיהרט אהיים, קעגען דער אויפגעהענדיגער זון געקושט, און צו איהר אונטערגאנג א ראנדעוואו באשטעלט. א פרעהליכען וויר־וואר אין קאפ, א קאפעליע לוסטיגע זומער־פייגעלעך אין יונגען הארץ— און די פרישע זון טרינקט מיט צופלאסענעם גאלד די שמעקענדיגע לופט אין וואלד, די אויפגעכאפטע פייגעל אויף די טוי־באפערעלטע בוימער צוויטשערען און ער טאנצט־אונטער זיין פרעהליכען וועג. פלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען.

אין א זומער־וואוינונג האט זיך א טיר געעפענט. עס איז ארויס א בארוועסע און קנאפ־געקליידעטע געשטאלט, האלב מיידעל, האלב קינד, מיט גרויסע גאזעל־אויגען און א באל צום שפילען און די לאנגע דינע הענט... א ווייל איז זי שטעהן געבליבען, פאר־

וואונדערט פון שעהנעם מארגען, פארבליפט... און אז זי האט איהם, זיך אומקוקענדיג, דערזעהן, האט זי זיך נישט פארשעמט; נאר אנגעשטעלט אויף איהם צוויי ריינע קינדער־אויגען, וואס האבען, קוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט אריין, געפרעגט: דיך האט אויך איפגעוועקט די זון? ביסט א גוטער מענש? — ווילסט מיר נישט טון קיין שלעכטס? ווערסט שפילען מיט מיר אין באל?...

און ער האט זיך פלוצלונג פאר'ן ריינעם קינד טיף אין טיפסטען הארץ פארשעמט און איז אנטלאפען גלייך צו דער סטאנציע און אפגעווארט דעם צוג אהיים. —

---

דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז ער וועט זי נאך אמאל טרעפען, און ער האט זיך צום לערנען גענומען... ער האט זיך געלערענט. לערנענדיג, אנ'ם קינד פארגעסען און זיין דיפלאם באקומען. ער מוז זיך איינריכטען אלס פראקטיצירענדער ארצט. ער האט אנגעהויבען „ביוען" אין הייזער און אין קורצען באקומען א גאנצען אויסוואהל פון כלות מיט נדן. אויף צוויי האט ער זיך ערנסטער אפגעשטעלט... און עס איז אויך געקומען דער טאג, ווען ער האט זיך געלאזט דעצידירען. ער געהט איבער דער מארשאלקאווסקא אין דער ריכטונג צום זאקסישען גארטען; לענקט אפ רעכטס ביים גרינעם פלאץ, טרעט אפ אין א בלומען־געשעפט, קויפט א בוקעט און געהט אין גארטען אריין. פאסירענדיג דעם גארטען, וועט ער באשליסען, וואוהין דעם בוקעט צו טראגען: אויפ'ן טעאטער־פלאץ — א לוסטיגע בלאנדינע מיט געזאנג און קלאוויר — אדער אויף סענאטארען־גאס — א בלאסע דעקאדאנס מיט פארצעלאן־מאלעריי און פאטאגראפיע... א שווערע וואהל. פלוצלונג גיט איהם עפעס, ווי א קלאפ אין הארץ. ער הויבט די אויגען אויף און דערזעהט — זי! שלאנק, אנגעשפארט אן א בוים איז זי געשטאנען. בלאס, ווי נאך א גליקליך איבערגעקומענער קרענק... פון אונטער די אראפגעלאזטע ברעמען שטראלט ארויס און צושפרייט זיך איבער'ן בלאסען געזיכט דאס ריינסטע, שטילסטע גליק, מיט וועלכען זי האט אויף איהר קינד געקוקט, אויף איהר קינד אין א וויג — — — —

און ער האט זיך פלוצלונג אין טיפסטען הארץ פארשעמט. אוועקגעווארפען דעם בוקעט און איז צוריק אהיים — ארבייטען...

---

צום דריטען מאל האט ער זי אין שפיטאל אויפ'ן טויטען־בעט געטראפען.

אין די אומרוהיגע טעג האט מען זי פון גאס מיט א דורכ־געשטאכענער ברוסט געבראכט... אהן דאקומענטען, אן אומבא־קאנטע, צופעליג געשאסענע, מיט אפענע, צושראקענע גאזעל־אויגען, וואס האבען דעם גאנצען טומעל נישט פארשטאנען...

# זינדיג בלוט.

איך בין שוין דא דעם דריטען טאג, און קיין דאקטאר אלץ נאר פאר די אויגען נישט געזעהן.

נעכטען האב איך נאר איין געדטעל שפאצירט: די קראנקע חבר'טעס מיינע פארצעהלען. ווי דער דאקטאר איז א גוטער דאק־טאר, קורירט אויסגעצייכענט, נאר א נערוועזער איז ער. שרייט, בייזערט זיך, ווארפט מיט די הענט. קריגט טיילמאל אזוינע שפי־ציגע אויגען, מענשען דורכצושטעכען. און אז ער ווערט שוין גאר ווילד, ווערט ער אויף א צוויי־דריי טעג פארשוואונדען און קומט צוריק א באַרוהיגטער...

זיי זאגען, אז ער איז פארליעבט אין מיין בארעמהארציגער שוועסטער. שעהן איז זי, א העלע בלאנדינע, לאנגע ברעמען, שטענ־דיג אראפגעלאזטע.

ווער ווייס, צי זי באהאלט נישט אונטער די ברעמען די גוטע פלעמלעך. בלאנדינען שפריצען אמאל מיט גאלדענע פונקען.

איך פראפאניר דער בארעמהארציגער שוועסטער, זי זאל רו־פען אן אנדער דאקטאר און זאג איהר, אז איך קאן באצאהלען. ענטפערט זי אויף זיכער:

— היינט, מארגען קומט ער.

— אבער א דאקטאר זאל פארשווינדען פון א שפיטאל.

לאזט זי לעננער די ברעמען אראפ:

— ווער ווייס, וואס ביי א מענש קאן זיין אויפ'ן הארץ...

— און וואס טוט ער דאמאלט, ער טרינקט?

זי ענטפערט נישט; געהט שטיל ארויס.

זי האט איהם אויך נישט פיינט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אז איך האב געבעטען ביי דער בארעמהארציגער שוועסטער

טינט־און־פעדער און פאפיר. האט זי מיך געפרעגט, צו וועמען איך וויל שרייבען.

— צו א חתן?

— איך האב קיין חתן נישט — ענטפער איך איהר — איך האב אלע מענער גלייך ליעב.

— גערענק, וואו דו ביסט!

איך וועל שוין נישט פארגעסען, אז עס איז מיר שווער פון בעט אראפ.

איך וויל גלאט עפעס שרייבען. אביסעל פון מיר אליין. די מענער האבען נאר ליעב אויסגעטראכטס. לאמיך אמאל שרייבען. אויב איך האב נישט מיט וועמען צו רעדען, א ווארט אמת ווענען זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מען דארף פארשרייבען, ווי אזוי איך בין אהערגעקומען.

אז דער נייער „פעטער" האט מיך איבערגעקויפט און אהיים געפיהרט, האט ער אריינגעשריען אין צווייטען צימער אריין:

— א גלאז טיי!

און מיך געהייסען זיצען.

איך קוק מיך אום — א זאל, געבעט מעבעל. א פיאנא. דא וועט זיין פרעהליכער. אין נעבען־צימער הויבט זיך אן שליאפען אין שטעק־שיך. עס וויגט זיך אריין די „מומע" — א מאשין פון פלייש, מיט'ן גלעזעל טיי. זי שטעלט עס פאר מיר, קוקט אויף מיר א ווײלע מיט אויסגעלאשענע אויגען. קומט זי צו נעהנטער, קוקט מיר אין פנים אריין, הויבט מיר אויף מיט די פעטע פינגער די ברעם און באטראכט די אויגען, גיט פלוצלונג א שארף אראפ די בלוזקע ביים קראגען, און ווערט אויפגעפלאמט און גיט צום פעטער א ירגזון־געשריי:

— אקס!

שפרינגט ער אויף פון א קאנאפע:

— וואס איז?

— פרעג נישט. נאר געה מיט איהר גלייך צום דאקטאר, זאל ער זי באטראכטען און ארויסגעבען א צייגעניש. אניט וועט ער דיר דאס געלט נישט אפגעבען!

און געהט צוריק ארויס מיט'ן גלאז טיי.

ער פארענטפערט זיך פאר איהר אין ברייטען רוקען אריין:

— ווער האט זיך געזאלט ריכטען — אזא צנועה'דיג פנים'ל...

און אויף מיר גיסט ער זיך אן מיט בלוט:

— אוי, א רוח אין דיין טאטענס טאטען אריין...

וואס ער שילט מיין אנטלאפענעם טאטען, וואס איך קען נישט, טוט מיר הנאה. ער לויפט אבער צו מיר מיט די פויסטען. זי האט עס אבער, די נישט דערגאנגענע מומע, דערפיהלט, אפגע־שטעלט זיך אויף דער שוועל:

— ריהר נישט! אנגעריהרטע סחורה נעמט מען נישט אפ...

א „פעטער" פאלגט, ריהרט ער מיך נישט אן און שילט אלץ מיך און מיין טאטען... מיין טאטע, ווי געזאגט, ארט מיך נישט... מיך אליין האב איך אבער אויך פלוצלונג פיינט געקריגען; איך האב הנאה פון זיינע קללות. און זאלען זיי — טראכט איך — מקוים ווערען! גיך און באלד, טאטע־פאטער! — בעט איך צום הימעל ארויף.

און עס באטראכט מיך א דאקטאר און קלינגט באלד אן אהער. און מען קומט נאך מיר...

איך האב א שפיגעלע געבעטען; די בארעמהארציגע שוועסטער שאקעלט נישט צופרידען מיט'ן קאפ; גיבען, גיט זי. א גוטע איז זי. זעהר א גוטע...

מיין צנועה'דיג פנים איז נאך ריין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— פארוואס קומט צו דיר קיינער נישט? — פרעגט בארעמ־הארציג די שוועסטער.

— איך האב נישט קיינעם...

— האסט נישט קיין פאטער?

— ער איז, נאך איידער איך בין געבוירען געווארען, ערגעץ אוועק. קיינער ביי אונז הערט נישט פון איהם. אפשר לעבט ער נישט.

— און ברידער, שוועסטער?

— איך בין דאס ערשטע און לעצטע קינד געווען...

— און א מאמען?

דרעה איך מיך אפ צו דער וואנט און שלוכץ.

— א מאמען...

אַז עולה, נישט נעדאַרפט איהר נאָמען דערמאַנען, אויפשריי־
בען... ווי קומט זי, די פרומע, די ציכטיגע, די הייליגע אהער?

אָבער אויסמעקען קאַן איך נישט, די האַנט וויל נישט...

אַט ליגט זי אומבאַהאָלפען, די האַנט איבער'ן טישעל... א
בלווּיליכע, רויטליך געשפּרענקעלט...

און געמיינט האָב איך, אַז דאָס וועט מיך מיידען...

אַז איך בין זינדיג געוואָרען מיט'ן זינדיגען לייב, האָט זיך
מיין גאַנצע נשמה אומגעקערט צו גאָט. אין גימנאַזיע פון חברים
און חבר'טעס אַזויפיעל שלעכטס און אויסלאַכעניש וועגען גאָט גע־
הערט, אַזויפיעל געגען איהם אין ביכלעך געלעזען, — און איך
האָב אַלץ מיט אַמאָל פון קאָפּ, פון האַרץ אַרויסגעוואָרפען — האָב
אָנגעהויבען צו דאַוונען. אַלע תעניתים געפאַסט, יום־כפור זיך אָפּ־
געשלאָסען, קיינעם נישט אַריינגעלאָזט... און אַזויפיעל צוליעב דעם
צדקה געגעבען, אַלע מתנות, וואָס איך פלעג באַקומען, אַלע קליי־
דער, וואָס איך האָב אויסגעטאָן, אַרעמערע חבר'טעס אַוועקגעגע־
בען. און אַלץ אינאיינעם זיך געבעטען: באַרעמהאַרציגער פאָטער,
איך זינדיג, איך האָב שלעכט און זינדיג בלוט, שטראָף מיט וואָס
דו ווילסט, נעם מיך אינגאַנצען צו, נאָר דאָס נישט, דאָס נישט!

ער איז נ י ש ט קיין גוטער!

און אפשר בין איך מיר שולדיג אַליין. נישט געדאַרפט
אַוועקגעבען חבר'טעס, זיי זאָלען בעסער געפעלען אין גאָס... גע־
דאַרפט שענקען אַלמנות, יתומות. אויסזוכען אַמאָל אַן אָרעמע
כלה און געבען אַ חופּה־קלייד...

ציינד וועל איך שוין וויסען. זאָל נאָר דער דאָקטאָר קומען.
לאָמיך נאָר אַרויס פון דאַנען.

און אפשר קומט עס מיר פאַר א י ה ר טויט...

נישט געקאָנט איבערטראַגען, די פרומע, די הייליגע... דאָס
וואָרט, וואָס יאָגט זיך פון האַרץ אַרויס צו די ליפּען, וויל איך נישט
אַרויסזאָגען, דאָ שוין מעהר נישט אויפשרייבען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ענדליך געקומען דער דאָקטאָר...

אַ ברונעטעל, עטוואָס פאַרזילבערט, גאָלדענע פענסנע, אַ צו־
געשפּיצט בערדעל, פון וועלכען ער הערט נישט אויף צו צופּען,
שטעהענדיג מיט דער באַרמהאַרציגער שוועסטער, שליגנט ער זי

מיט די אויגען. און זי, קוים — קוים זי רוימעלט זיך און רייסט אלץ די האנט אוים פון זיינע.

ער שעפטשעט איהר:

— אלץ ווענדט זיך אן אייך! נאר אן אייך!

זי אבער ענטפערט נישט און שטויסט איהם צו מיין בעט צו.

ער ווערט אויך ערשטוינט:

— טאקא סקראמנא נא טווארזשו!

— א פנים פון א הייליגער, — גיט ער צו.

— לעסטער־מויל! — שרייט איהם אן די שוועסטער.

— פארדאן, — און הויבט מיך אן באטראכטען.

ארויסגעהענדיג נאכ'ן פארשרייבען, מאכט ער צו דער שוועסטער אין טיר:

— פול גיפט!

אזוינע, ווי איך, באקומען שארפע אויערען...

זעהר גוט; איך וויל אן מיר א נקמה דערלעבען...

דאס פנים וואלט מיר דאך א שאד געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאס פנים האב איך פון דער, וואס איך וויל דא נישט דער־מאנען... פון דער הייליגער, וואס האט מיין שאנד און זינד נישט געקאנט איבערלעבען...

מיין זינדיג בלוט פון וועמען?

געוויס פון אנטלאפענעם טאטען...

איך דערמאן מיך, אונטערגעהערט אמאל א געשפרעך צווישען צוויי חברים שילער אין גימנאזיום־גערטעל. זיי זענען אויף דער באנק געזעסען, איך בין הינטער־ארום צוגעקומען, געוואלט איי־נעם, דעם, וואס איז מיר אזוי געפעלען, הינטען־ארום די אויגען פארשטעלען. הער איך, ווי דער צווייטער זאגט:

— אוי, האב איך ליעב מאניע'ן!

דאס האט ער מיך געמיינט. און דער, וואס איך האב כמעט ליעב געהאט, ענטפערט:

— נו... נישט ווייט פאלט דאס עפעלע פון בוים...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— פארוואס ביסט דו צו מיר אזוי גוט, שוועסטער?

— דו האסט געוויס אזוי פיעל געליטען...

— אבער נישט נאר נעליטען... געוועז פרייד אויך... אפילו שאמפאניער...

— רעד אויף זיך נישט קיין בייז. איך בין זיכער, מען האט דיך פארגוואלטיגט...

— אמת, אין גימנאזיום, דער רעליגיאנס־לעהרער!

— אוממעגליך! — שרייט זי אויס.

— דיר, שוועסטער, וועל איך קיין ליגענס נישט זאגען. דא, איבערהויפט, זאג איך און שרייב קיין ליגענס נישט. פאר ליגנע־רינס מאכען אונז די מענער... אבער דאס נאר אז אנהויב געווען...

און אויך — ווילסט הערען, שוועסטער?

זי זאגט, זי מוז!

— שולדיג, שוועסטער, איז מעהר מיין זינדיג בלוט.

איך האב דאך געוואוסט, אז ער וויל מיך...

בעט זי זיך: זאגט נישט ארויס!

— איך האב עס, ווי אין א בוך אויף זיין ברוין־היציג געזיכט געלעזען. — אין זיינע ווילד־פלאמענדיגע אויגען, מיט וועלכע ער פלעגט אויף מיר... זיינע ווילדע הענט און פארציטערטע פינגער, מיט וועלכע ער פלעגט טאפען ארום מיר די לופט... אז זיין ברע־נענדיג אטעם, מיט וועלכען ער פלעגט, ביים אויסהערען, אויף מיר בלאזען...

— און?

— און גאנצע נעכט געפיבערט פאר טויט און שרעק פאר דעם, וואס קאן, וועט און דארף קומען...

— האסט איהם ליעב געהאט!

— פיינט געהאט...

— וואס דען?

— זינדיג בלוט!

נעוואוסט און אנגעהויבען אליין אווענט־צייט ארומגעהן אין פארק, וואו ער פלעגט אמאל שפאצירען, אדער זיצען ערגעץ אין די אפגעלעגענסטע אלייען... טאמער וועט ער מיך באגעגענען... געזע־סען און געפיבערט...

— פארוואס האסט דו דיך פאר דער מאמען נישט פארטרויט?

— פאר דער היילינער? אויף קיין פאל!

— פאר א חבר'טע?

— נישט נעהאט... אלע האבען מיך נעמירעט... אלץ, נעווים, דער טאטע מיינער...

און איינמאל — ער נעהט.

מיך באפאלט א שרעק און פאל אויף א באנק; ער נעהט פאר־ביי און זעהט מיך נישט; אין שאטען פון אן אקאציע בין איך נע־זעסען... ער נעהט פארביי, און פון מיר, אהן מיין ווילען, אהן מיין ווילען רייסט זיך ארויס עפעס א פרעמד, הייזעריג נעשריי, נישט מיין שטים! ער קערט זיך אום, דערקענט און גיט אויך אזא ווילד נעשריי... עס שניידט מיך דורך א קאלטער שרעק... און איז שוין ביי מיר...

ווי א ווילד טיר ברומט ער. מיט די משוגע'נע הענט רייסט ער פון מיר די קליידער אראפ, בריהט מיך מיט'ן אטעם, רייסט מיך, קושענדיג מיט די ציין...

און איך, פאר עקעל און שרעק, וועהר מיך, וועהר מיך מיט ציין און נעגעל, וויקעל זיך ווי א שלאנג און טיף, טיף אין האר־צען ברענט עפעס ווי א פייערל דער וואונש, ער זאל זיגען...

ער זיגט און די אקאציע באשיט אונז ביידע מיט איהרע שנייעלעך...

דערנאך... אהיים נעהן נישט נעקאנט...

— פארוואס? א מאמע איז אלץ מוחל...

— נישט וועגען דעם נעהט עס, שוועסטער. נישט נעקאנט צו איהר קומען א פ א ר ז י נ ד י נ ט ע... אויף קיין פאל; בע־סער דער טויט. איך האב מיר גארנישט נעקאנט פארשטעלען, אז איך זאל פארגיפטען מיט מיין זינדיגען אטעם איהר לופט... איך טאר נישט זיין מיט איהר אין איין שטוב; דאס האב איך געוואוסט!

צו דער הוים, אן אפגעריסענע, צוקראצטע, מיט אקאציען־שנייעלעך באשיטע בין איך נעלאפען, אבער נאר צום פענסטער, צו דער שויב מיט די ליפען צונעפאלען...

זי איז אין שטוב ביים טיש נעשטאנען. די פרומע, די הייליגע, גאט געבעטען האט זי... איהרע ליפען האבען נעווים נעמורמעלט: טאטע־פאטער, בארעמהארציגער פאטער, דערבארעם זיך איבער אונז... דערבארעם זיך, ווי א טאטע דערבארעמט זיך איבער זיין קינד... פאטער אין הימעל...

— ביי איך זאגט מען אויך אזוי?

זי וואונדערט זיך.

— און בין אנטלאפען, שוועסטער...

— וואו אהין?

— אויס דער שטאָדט ארויס, אין דער וועלט אריין... ווייטער און ווייטער פון איהר, זי נישט צו באלײדיגען, זי נישט צו פארשעמען... זאָל זי מיינען, כ'בין ערגעץ פארפאלען געווארען, א חיה האט מיך צוריסען... און בין ווייט ווייט הינטער'ן שטעדטעל, אויפ'ן שאסיי געפאלען...

איז עמיץ דורכגעפאהרען, אפשר מיין אייגענער טאטע...

— וואס רעדסט דו, קינד!

— קאן זיין...

אן אלטער מאן מיט קאצענע אויגען. זיך אפגעשטעלט, מיך אויפגעהויבען און אין וועגעלע אריינגענומען... באלד נאך אמאל מיך געשענדט... צו דער סטאציע צוגעפאהרען, בילעטען געקויפט, אהער מיך געבראכט, ביי זיך געהאלטען א צייט און דערנאך פארקויפט...

א בלאסע, א צושיטערטע וויל זי אוועקגעהן...

—ווארט, שוועסטער, טרינק אויס ביז צו ענד:

— זי, די פרומע, די הייליגע מיינע, איז געוואר געווארען, מיך נאך די שפורען נאכגעקומען, אוועקגעפאלען און — געשטארבען...

און זי ליגט הי אויפ'ן בית־עלמין באגראבען...

און איך האב געוואוסט, און ביי איהר בעט נישט געשטאנען... נישט איך האב איהר די אויגען פארמאכט... איך בין נאך איהר לויה נישט געגאנגען, איהר קבר נישט געזעהן...

נישט געקאנט. איך קאן נישט, איך טאר נישט!

און געגאנגען ביז איך פון האנט צו האנט, פון הויז צו הויז און — געטרונקען פיעל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער דאָקטאר האט אויך משוגע'נע הענט. לאנגע פינגער און טאפט אויך די לופט ארום דער הייליגער שוועסטער.

— שוין, דאס געזיכט פארנעמט זי אויך...—מאכט ער צו דער שוועסטער, אהן א פונק רחמנות...

זי גנב'עט מיר דערווייל דאס שפיגעלע פון אונטער'ן קישען אפיר, איך זעה און מאך מיך נישט זעהענדיג...

הײנט האָט ער געזאָגט, אַז עס װעט שױן לאַנג נישט גע־דױערן...

— קינד, — מאַכט זי צו מיר נאָך זײַן אַװעקגעהן — צײַט זיך „אױסצוגלײַכען" — שלום צו װערען מיט גאָט...

— באַ, — גיט זי טרױעריג צו — װאָלסט דו פון אונזער רע־ליגיע געװען...

און זי דערצעהלט, װי גוט, װי באַרעמהאַרציג איהר גאָט איז. אַלץ איז ער מוחל... אַבי מען טוט נאָר תשובה, אַבי מען האָט נאָר חרטה... ער אַלײן עפנעט די טױערען פון הימעל...

— כ'װיל נישט אין הימעל אַרײַן, שװעסטער!

— װאַ—אַס?

— דאָרט איז מײַן מאַמע!

שרײַ איך אױס מיט טױט־שרעק. פאַרגעסענדיג דאָס װאָרט, װאָס איך האָב מיר געגעבען, ז י דאָ נישט צו דערמאָנען...

שטעהט זי אַ װײַל און געהט דערנאָך געריהרט און לאַנגזאַם אַרױס, זאָגענדיג:

— דאָך, טראַכט דעריבער, קינד...

און כאַפּט די הענט צו די אױגען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך טראַכט.

גאַנצע נעכט טראַכט איך. איך שלאָף אַזױ װעניג און אַזױ שלעכט...

אָבער נישט װעגען תשובה און חרטה טראַכט איך... אין גיהנום פאַרפאַלען װערען װ י ל איך... מיט א י ה ר זיך נישט טרעפען! און מיך האָב איך אַזױ פײַנט, אַזױ פײַנט! אַז מיר װאָלט איך אַן אײביגע נקמה דערלעבט... איך װיל קײן תשובה טון. איך האָב דאָך דאָ אױפגעהערט צו דאַװנען, װאָס עס איז בײַ גאָט צו בעטען... איך זאָל איהם קאָנען נאָך מעהר דערצערנען, זאָל ער נאָך מעהר, נאָך האַרטער שטראָפען!

מיט טױט־שרעק טראַכט איך, אָבער גאָר װעגען עפּעס אַנ־דערש.

איך װעל דאָ שטאַרבען, װעט מען מיך הי באַגראָבען...

אין אײן ערד מיט איהר ליגען װיל איך נישט... איך װיל די

ערד, וואו זי ליגט, מיט מיר נישט פאראומרייניגען... באין אופן נישט...

ארויס מוז איך, ארויס פון דאנען אין דער וועלט אריין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— דאקטאר, שרייבט מיך אויס פון שפיטאל...

— נו, פרואוו אראפ פון בעט...

— דאקטאר, — שלאגט איבער די שוועסטער, — פארשרייבט איהר בעסער א מיטעל צו שלאפען, זי שלאפט אזוי ווייניג און שלעכט.

ער פארשרייבט און זי ברענגט מיר — מארפיום.

— דאס איז א שרעקליכער סם, — זאגט זי — מעהר ווי צוויי, דריי טראפען מיט אמאל — זאל גאט היטען!

און דאס פלעשעלע איז אזוי אומשולדיג ווייס, און די שטראַלען פון דער אונטערגעהענדיגער זון שפילען זיך דערמיט...

ווייטער אין גערטעל צושפילט זיך א פויגעל...

איך האב קיין טראפען נישט גענומען און קיין אויג נישט צוגעטאן...

אויפ'ן אידישען בית־עלמין באגראבען ווערען, — נישט און נישט!

און באלד צו־מארגענס:

— שוועסטער!

— וואס, קינד! — וויפיעל רחמנות פאר שטארבענדיגע!

— שיק נאך א גלח...

— וואס הייסט?

— איך וויל אננעמען דיין רעליגיע. איך וויל צו דיין גאט, צו דיין בארעמהארציגען גאט...

דערפרעהט, פייל פון בויגען לויפט זי; איך שריי איהר נאך; פון מיר ארויס שרייט עס, איך קאן מיך נישט איינהאלטען:

— געשווינדער! איך טאר נישט ליגען אויפ'ן אידישען בית־עולם...

צום גליק, הערט זי שוין נישט.

און נאך דעם זעלבען טאג איז עס געשעהען...

פאר'ן טויט איילט מען זיך, א נשמה נישט צו פארלירען...

קומט צו־מאָרגענס דער דאָקטאָר, ווייסט ער שוין און וואַרפט מיר צום בעט צו, נאָך פון טיר:

— פּאַסקודסטוואָ!

ווי האָב איך באַלד נישט דערקענט, אַז עס איז אַ איד? אָבער ווי קומט ער צו דער הייליגער שוועסטער?

— אַזאַ שווייַנערייַ פאַר'ן טויט!

— געשווינגען זאָל זיין! — שרייט אויף איהם די שוועסטער.

אַ איד! אַ איד! אַזוי שרייט מען אויף אַ איד... און וואַרפט איהם צו אַ בליק פול מיט האַס... און ווי שעהן זי איז אין צאָרן.

ער קאָן אָבער נישט שווייגען; שוים שפּריצט איהם פון מויל:

— ווען אויף דער שוועל פון לעבען... אַ יונגערמאַן... פאַר־ליעבט זיך...

— דאָס איז ביי אייך געווען דער פאַל?

איך דערקען איהר שטימע נישט; אַ סיק פון אַ שלאַנג...

ער מיטיגירט זיך נישט:

— און ווען צוליעב קאַריערע? ! נישט כדאי. צוליעב אַ נאַ־רישקייט, צוליעב אַזאַ אידיאָטיזם, ווי רעליגיע איז, אַ גאַנץ לעבען צו ליידען...

— שווייג!

פער „דו"!

איך קריג רחמנות אויפ'ן דאָקטאָר, וואָס ציטערט פאַר אויפ־רעגונג אויפ'ן גאַנצען לייב.

— אַ שאָד, — שרייט ער הייזעריג — אַ שאָד!

עס איז אַ שאָד, וואָס עס איז קיין גאָט נישט דאָ, קיין הי־מעל, קיין גיהנום, וואָס דאָס אַלץ איז אַן אויסגעטראַכט שפּינ־וועבס, נשמות־פליגען צו כאַפּען... מיר צוליעב, פאַר מיר און פאַר אַזוינע, ווי איך, וואָלט געדאַרפט זיין אַ הימעל און אַ גאָט אין הי־מעל, און אַ גאָט, וואָס שטראָפט. פאַר אונז דאַרף זיין אַ גיהנום, אַן אמת'ער גיהנום, מיט קעסלען מיט סמאָלע, און אַן אייביג פייער זאָל אונטער זיי ברענען, נישט אויפגעהערט...

— חלואי, דאָקטאָר!

קוקט ער מיך אן צומישט און אנטלויפט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די בארעמהארציגע שוועסטער האט איהר קריסטליכע פליכט געטאן און צו וויסען געטאן וואו מען דארף, אז דער דאקטאר, אליין געטויפט, רעדט אפ פון דער הייליגער רעליגיע.

זי קומט צו מיר מיט אן אנדערען... מיט אן אלטען, גאלען ציטער־קאפ, א צושמייבעלטען. זי האט רויטע, אנגעשוואלענע אויגען — וועה טוט איהר! זיינע אלטע אויגען גלעטען אזוי נישט איבער'ן געזיכט...

— ערגער! (עס הויבט זיך נישט אן) אומזיסט מיין היציגער קאלעגע איבערגעשראקען... אייערע זענען אזוי פאנאטיש. און מערק־ווירדיג — די געטויפטע נאך מעהר... נישט וואונדערליך, שוועס־טער?

זי שווייגט.

— עס וועקט אין זיי נאך שטארקער...

— אבער — ווענדט ער זיך צו מיר — באמת — אלץ איינס... אונזער גאט איז דער גאט פון אלע באשעפענישען, זיין רחמנות וועקט זיך אויף אלע גלייך. אלע איינס, וואס פאר א רעליגיע... אלע זענען מיר גאטס קינדער... איין הימלישער פאטער פאר אלע... און פאר אלע, אויב מיט גאט זיך פאראייניגט, איז אפען דער הי־מעל... פריהער אדער שפעטער...

ער פארשרייבט א נייעם רעצעפט, געהט, שמייכלענדיג, ארויס

— איך פארהאלט די שוועסטער. און אין טויט־שרעק פרעג איך זי:

— אמת?

— אמת, קינד?

— און קיין זינד איז נישט אימשטאנד אויף אייביג אין גיהנום אריין צוווארפען...

— קיין? פאראן... צום ביישפיל, אז מען נעמט זיך דאס לע־בען אליין... מען שטארבט אהן ודוי, מען באקומט נישט קיין קריסט־ליך באגרעבעניש... ווי א הונט ווערט מען באגראבען...

— איך בין שלעפעריג, שוועסטער!

זי קושט מיך אין שטערן אריין (זי האט קיין מורא נישט), נעהמט ארוים און איך כאפ מיך צום מארפיום...

— אויף אייביג אין גיהנום אריין! לכל הדעות! מיט מיין מאמען (צום לעצטען מאל איהר נאמען דערמאנט) זיך אין ערגעץ נישט טרעפען...

באשולדיגט קיינעם נישט אין מיין טויט!

# אויפ'ן געלעגער.

צוויי חברים זענען זיי געווען, אין איין צימער געוואוינט, יע־דען אווענט אויפ'ן באלקאן פון צימער געזעסען, אין לבנה־שיין זיך און די נשמות געבאדען, און פון שטילער זיסער פריינדשאפט און איהר סימבאל די לבנה גערעדט. און מעהר מיט די אויגען ווי מיט'ן מויל. זיי האבען נישט געדארפט רעדען. איין נשמה האט ביי דער צווייטער דאס שטילע נחת פון דער שטילער פריינדשאפט פון אויג געזויגען.

אין אבער געקומען דער טאג פון בענקשאפט...

אין יענעם אווענט האבען ביידע נשמות דערפיהלט, אז לבנה־שיין און שטילע פריינדשאפט איז נישט דאס גאנצע לעבען. און עס האט זיך זיי פארבענקט צום גאנצען לעבען.

ביידע האבען עס דערפיהלט מיט אמאל. און יעדער פון זיי, — אז דעם צווייטענס נשמה איז פאר איהם שוין נישט אפען, נישט אנטפלעקט, נאר ווי איינגעהילט אין עפעס, ווי אין עפעס פאר־שלייערט.

און דערפיהלט האבען ביידע, אז פון היינט אן וועט שוין איינער דעם אנדערען נישט גענוגען, אז אין הארץ פון יעדען וועקט זיך עפעס נ י י ע ס. עפעס א וואונדערליך פרעמדס, פון וועל־כען עס וועט אויסשפראצען ביי יעדען פאר זיך אליין דאס לעבען אין זיין גאנצקייט, און דער צווייטער וועט דערינען קיין חלק נישט האבען.

און זיי האבען, נישט וויסענדיג און נישט ווילענדיג, אפגע־ווענדט די קעפ איינער פון צווייטען. דערנאך האט זיך איינער אויפגעהויבען און, נישט מעלדענדיג דעם צווייטען, ארויס — פון באלקאן, פון צימער, פון די טרעפ אראפ, אין גאס אראפ געצויגען. און באלד האט זיך אויפגעהויבען דער צווייטער, שטיל אין צימער

אריינגעגאנגען, אויפ'ן געלעגער זיך אויסגעצויגען און די אויגען פארמאכט...

דער וואס איז אין גאס אריין האט זיך אומגעקוקט און פלוצ־לונג אויסגערופען:

— לער, לער! עפעס פעהלט, עפעס מוז מען באקומען, עפעס מוז מען דערגרייכען.

און ער האט פלוצלונג דערפיהלט, אז לעבען איז נאר א גאנץ לעבען, און אז ער־קאן קיין גאנץ לעבען נישט האבען, ווייל ער האט נאר א האלבע נשמה. די צווייטע העלפט פעהלט, זי מוז מען זוכען, געפינען, א גאנץ לעבען צו באקומען, און דאס גליק פון גאנצען לעבען...

און ער לויפט ראש איבער דער גאס, און פון איין גאס אין דער צווייטער; קוקט אלעמען אין די אויגען אריין, זוכענדיג זיין צווייטע העלפט נשמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט דעם צווייטען טאג איז ער צוריק אהיים געקומען... מיט א פרייד אין שטוב אריינגעפאלען:

— געפונען, געפונען!

דער חבר, וואס איז נאך אלץ אויפ'ן געלעגער צוצויגען, פרעגט:

— וואס?

— מיין צווייטע העלפט נשמה!

— ווי אזוי?

דער אריינגעקומענער זעצט זיךביים חבר צוקאפענס:

— זעה, ווי איך שטראל! איך פיהל, מיינע אויגען גיסען ליכט...

און צו זיך קומענדיג:

— ווי אזוי, פרעגסט דו? איך האב געזוכט... איך בין א מאן, מוז, טראכט איך, מיין צווייטע העלפט נשמה זיין ביי א פרוי. געה איך אין די גאסען און זוך ביי פרויען... פון פרויען־אויגען, טראכט איך, מוז צו מיר ארויסקוקען מיין צווייטע העלפט נשמה, נאך וועל־כער איך בענק. און טרעף איך די אויגען, וועל איך זיי דערקע־נען. יענע העלפט בענקט דאך אויך נאך מיינער... זי וועט א ציי־טער טון... בין איך געגאנגען, געגאנגען, געגאנגען — — —

— און געטראפען!

— אויגען, זאג איך דיר! אך, אויגען! מיין צווייטע העלפט נשמה קוקט ארויס, מיט אזא הארציגקייט... זי האט מיך באמערקט; אונזערע אויגען — זיך געטראפען. זי האט, ווי איך האב פריהער געוואוסט, א ציטער געטאן: אויפ'ן גאנצען לייב א ציטער. זי האט זיך דאך באהערשט, מיט געוואלד פון מיינע דעם בליק אפגעריסען און ווייטער געגאנגען. איך געה איהר נאך. ווי א שאטען געה איך איהר נאך. פון גאס צו גאס. זי קלאפט אין א טויער... מען עפענט. איך ציטער — דאס הויז וועט מיר איינשלינגען מיין צווייטע העלפט נשמה. און אזוי איז געשעהען. נאר פאר'ן אריינגעהן האט זי זיך אויף א סעקונדע צו מיר אומגעקערט, א בליק געווארפען, א גוטען, א הארציגען. מיין צווייטע העלפט לעבען האט זיך מיט מיר געזעגענט, אויף איבער נאכט געזעגענט... אזוי האב איך געפיהלט, אזוי האב איך געמוזט פיהלען, און א גאנצע נאכט אויף און אפ פאר'ן טויער געשפאנט, מיט מיין העלפט נשמה ביי דער צווייטער אויף דער וואך...

דער מארגען גרויט, דער מארגען בלייכט... דער טאג וועקט זיך, — — —

— זי האט זיך באוויזען...

— געוויס! מיך מיט א לייכטער קאפ־באוועגונג באגריסט! מיט א קוים־קוים גערויטעלטען שמייכעלע ארום די זיסע ליפען. איך בין צונעגאנגען.

— גוט מארגען...

— גוט יאהר! דער שטילער ענטפער...

איך האב זי באגלייט... דערנאך ערלויבניש באקומען, זי צו באזוכען, איהרע עלטערן וועלען באשטעהען... היינט אוועגט געה איך! ווינש מיר גליק! איך האב ליעב, בין געליעבט, מזל־טוב זאג...

— נאר! — ענטפערט דער צווייטער — דו האסט קוים א כלה... איך, ליגענדיג דא, האב מעהר דורכגעלעבט... א כלה געהאט, אונטער דער חופה געשטאנען... קינדער געהאט... דריי, פיער, פינף... דערנאך קינדס־קינדער...

ביי דיין אריינקומען און אייניקעל באגראבען...

# אהן גרן איז ערגער ווי פאקען.

אין קופע איז געווען פינסטער און צוויי מענשען האבען גע־כראפעט. זיי האבען זיך פארדריסליך אויפגעכאפט, ווען דער אבערקאנדוקטאר איז אריינגעקומען מיט דער לאמטערנע רעווידי־רען די בילעטען. ערשט דאמאלט האבען זיי זיך איינס דאס אנ־דערע דערזעהען.

— יאש? ! — האט פרעהליך אויסגערופען א פיסטעל.

— אנדרזשעי! — האט געענטפערט א טענאר.

זיי האבען אפגענומען די בילעטען און זיך צוקושט.

— וואוהין? — פרעגט יאש.

— אין דער וועלט אריין! — ענטפערט טרויעריג דער טענאר.

— איך אויך! — זאגט דער פיסטעל — א שעהנע וועלט! דאקטאריי איז אויך שוין קיין געשעפט נישט... אוים גוטע ציי־טען.

— מיך האט אן אומגליק געטראפען! — קרעכצט דער טענאר.

— מיך אויך... שערשע לא פאם... א „זי״?

— א זי!

— נו, א ליעבע?

— אן אומגליקליכע ליעבע, — קרעכצט דער טענאר — גאט זאל היטען... אזוינס טרעפט זיך איין מאל אין הונדערט יאהר!

— איך האב אויך א ליעבע, איך אנטלויף אויך דורך איהר אין דער וועלט אריין — ענטפערט דאס פיסטעל — נאר ביי מיר איז אזוינס, וואס עס טרעפט זיך יעדען טאג זעהר אפט, אומאינ־טערעסאנט... וואס איז דיר געשעהען?

דער טענאר האט אפגעקרעכצט, מיט'ן טיכעל זיך אפגעווישט דעם שטערן און דערנאך די נאז מיט די ברילען. ער האט זיך פאר־ריכט די לאצען, אויסגעגלייכט די ט'שופרינע, נאך אמאל א קרעכץ גענעבען און פארצעהלט:

— געדענקסט דאָס הויז צימרינג אין פּלאַצק?

— אויב איך געדענק? אַפּט אַ קערטעל, אַמאָל אַ טענצעל און שטענדיג גרויסאַרטיגער טיי מיט פּראַכטפולע שינקע!... אַ רייך הויז, עטליכע מיידלעך... פאַניאַ... פּראַניאַ, און... און...

— אננאַ, — האָט דער טענאָר אַרויסגערעדט מיט געפיהל.

— יאַ! יאַ! ווען נישט, וואָס איך בין אַריבער קיין קאַליש, וואָלט איך זיך זיכער אין איינער פאַרליעבט! נאָר איך האָב אַלץ געקלערט צו וועלכער אויפהויבען מיינע ראָמאַנטיש־קעלבער־נע בלויע אויגען. און איידער איך האָב געהאַט אַ ישוב, האָב איך געכאַפּט אַ צוויי פון לאַטיין. וואָס מאַכען זיי?

— דער אַלטער צימרינג איז געשטאָרבען.

— אַ שאָד אַזאַ פאַרטנער! שטענדיג אַ פּאָר רובעל פאַר־שפּילט. ער שטעהט מיר פאַר די אויגען. „ווער ליגט?" „איהר!" „אויף וויפיעל?" „אַהן צוויי!" און ער האָט פאַרשריבען. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אויף וואָס ער האָט אַנגענומען און ווי־פיעל לעזען ער האָט געמאַכט. ווען האָט מען עס דאָס לעצטע מאָל אַריינגעלעגט און... פאַרשיט?

— ערשט אַ פּאָר יאָהר.

— זי, די צימרינג, וואָס מאַכט? אודאי איינגעמאַכטס? גע־דענקסט, זי פלעגט נאַנצע סלאָיעס דערלאַנגען. מען פלעגט מיט אַ פּאַריזער לעפעל שעפּען?

— זי איז דערנאָך בלינד געוואָרען.

— בלינד? און די קינדער?

— פאַניאַ איז אויך געשטאָרבען.

— פאַניאַ. אַזאַ ריז?

— אויף סוכאָטע!

— און פּאַניאַ?

— האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכען קאָמיסיאָנער.

— און אננאַ. די בלאָנדינע מיט לאַנגע זיידענע האָר. ווי געהט עס איהר?

— אויך קראַנק אויף סוכאָטע, זיצט היינט אין די בערגער.

— אננאַ?

דער טענאר וויטער א קרעכץ געגעבען. ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ אויף דער ברוסט.

— דו האסט זיך פארליעבט אין אננא׳ן ?

— מיר האבען זיך אמת און שטארק ליעב געהאט, — ענט־פערט טרויעריג דער טענאר.

— טעמפעראטור ? — שמייכעלט יאש.

— נאר אהן חוזק, אהן דיינע מינעס. איך בעט דיך, שוויג ! עס טוט מיר נאך צו שטארק וועה. איך האב זי אמת, אמת גע־ליעבט...

— נארעלע, דו מיינסט איך וועל לאכען פון דיר ? איך האב אויך געליעבט. דו אין פלאצק, איך אין קאליש. דיינע, אננא, האט זיידענע, מיינע — סאמעטענע האר. די לבנה האט אונז ביידען גלייך געשיינט. געקושט האבען מיר ביידע גלייך. דו אפשר נאר די וויסע האנטשוה, איך — די רויטע ליפען אויך... עס איז נישטא וואס פון דיר צו לאכען !

— נישט אוים מיר, אוים דער ליעבע מיינער לאך נישט. דאס איז מיין איינציג פאמיאנטעק אין מיין לעבען. איך וועל שוין מעהר נישט ליעבען. איך שווער דיר !

— שווער נישט ! איך האב אויך געשוואוירען, איך האב מיין אמאליע, כ׳ליעבען, גאנץ ערענסט, גאנץ ערענסט, מיט׳ן גאנצען הארצען געשוואוירען. איך בין אזוי גליקליך געווען !

דאס פיסטעל האט געציטערט.

— איך בין אויך גליקליך געוועזען, יאש ; באלד נאכ׳ן עק־זאמען האבען מיר זיך דאס ווארט געגעבען ! אך ! עס איז געווע־זען אזא שעהנע, אזא ליכטיגע נאכט ! מיר האבען שפאצירט אין גארטען...

— נו, האבען די פייגעל געזונגען, די בוימער זיך גע׳סוד׳עט און אייערע הערצער האבען געקוואלען ?

— וויטער ? לאך נישט, איך בעט דיך ! פייגעל האבען טאקע גאנץ אנדערש געזונגען, מיר האט זיך באמת געדאכט, אז די בוי־מער סוד׳ען זיך און ווייזען אויף אונז מיט די צווייגען... דאס הארץ האט מיר געקוואלען און זי האט געוויינט... זי האט יאמערליך געוויינט...

— געוויינט ?

— דאמאלט האט שוין דער פאטער נישט געלעבט. די עלטע־רע שוועסטער אויך נישט. די מוטער איז אוועקגעפאהרען מיט'ן מאן. זי איז געבליבען איינע אליין מיט דער בלינדער מוטער, זי האט זיך מיט מיר געזעגענט. אך, ווי שעהן זי איז דאמאלט געוועזן!

— ווארט, איך וועל זי אויסמאלען. מיינע האט מיך אויך געזעגענט, זי האט אויך געוויינט. זי האט מיך ארומגענומען מיט איהרע דינע הענטלעך און אויפגעהאנגען זיך מיר אויפ'ן האלז! דורך די טרערען האט זי מיר געקוקט אין די אויגען אריין. עס איז דונקעל געוועזן, נאר איך האב געזעהן אין די אויגען א תהום פון ליעבע, פון גליק! איהר אטעם האט מעהר געשמעקט, ווי א גאנץ יאהר... כ'האב זיך דאמאלט דערמאנט אן מיין טאטענס „בשמים־שקעטעלע", וואס איך פלעג עס האלטען צו דער הבדלה. די האר... נאר דיינע איז א בלאנדינע, מיינע האט געהאט לאנגע שווארצע האר. זי האט זיי מיר פארווארפען איבער'ן קאפ, מיר האבען זיך אונטער דער נעץ געקושט!... עס איז נאך דונקעלער געווארען, נאר איהרע אויגען האבען געלייכט, געברענט! איך האב זי גע־כאפט אויף די הענט, ווי א קינד. איך האב זי צוגעדריקט צום הארץ אזוי שטייף, אזוי שטארק, אז זי האט אזש א געשריי געטאן פאר וועהטאג, און באלד נאך געבעטען זיך: נאך אמאל, נאך אמאל! זי וויל, עס זאל איהר נאכאמאל אזוי דער אטעם פארפעה־לען, אזוי וועה טון!

ער האט אראפגעלאזען דעם קאפ און געריהרט צוגעגעבען:

— גלויב מיר, איך האב עס גאנץ ערענסט געמיינט!

— ניין! — ענטפערט דער טענאר, — דאס האב איך קיינ־מאל נישט געטאן! איך האב זי נישט צוגעדריקט צום הארץ. ניין, איך האב עס קיינמאל נישט געקאנט, קיינמאל נישט געוואלט. פאר מיר איז גענוג געווען, אז איך בין געזעסען צופוסענס און זי האט מיר געגלעט די האר! עלעקטרישע פונקען זענען מיר דורכגעפלוי־גען דורך די נערוון... און איהרע אויגען, איהרע אויגען — האסט נישט אביסעל בראנפען?

נאכ'ן ביסעל בראנפען האט ער ווייטער דערצעהלט:

— דעם זעלבען אווענט זענען געווען מיינע תנאים.

— צו דעם האב איך ווייטער נישט צוגעלאזט — ווארפט אריין דאס פיסטעל, — נאר דער טענאר מאכט זיך נישט הערענדיג.

— מיר האבען זיך ביידע געזעצט צופֿוסענס דער אלטער מאמען. די ברענענדיגע טרערען פון די בלינדע אויגען זענען אונז אויף די קעפּ גערונען.

— א, — ווערט דעם פּיסטעל גרינג אויפ'ן הארץ — שטילע תנאים, דאס איז עפּעס אנדערש! דאס שאדט נישט!

— די אלטע איז אזוי איינגעשלאפען, און מיר זענען זיך אזוי געזעסען ביז אין גרויען טאג אריין. מיר האבען גערעדט פון אלץ אין דער וועלט, פון אונזער צוקונפט.

— מיינע — פאלט אריין דאס פּיסטעל — האט דוקא געוואלט א גרינגעם איבערצוג אויפ'ן מעבעל! א וואוינונג נים אנדערש, ווי מיט דרייערליי גענג.

— האק מיר נישט איבער! מיינע האט פון דעם נישט גע־רעדט... ווערהערענד די פינף יאהר, וואס איך האב שטודירט, האט זי געוואלט אסך לעזען, אסך שטודירען, כדי מיר זאלען דערנאך קא־נען ארבייטען צוזאמען.

— צוזאמען אויסשניידען די אלטע „פלוימען“? — האט זיך נישט איינגעהאלטען דאס פּיסטעל.

דער טענאר איז אויפגעשפרונגען, גלייך א שלאנג וואלט איהם געביסען.

— יאש!!!

— אנדרזשעי, אנדרזשעי! מיין ליעבער חבר! צי לאך איך דען אויס דיר? אויס איהר? אויס דער ליעבע? גאט זאל היטען! איך לאך אויס מיר. האב איך דען נישט דאס אייגענע געטאן? האט זיך דען מיר דער הימעל נישט געעפענט אין איהרע אויגען? און ווען עפענט זיך נישט דער הימעל, ווען מען קריגט דעם אטעסטאט? און וועלכער פארליעבט זיך דאן נישט? אנדרזשעי — מאכט ווייטער דאס פּיסטעל — בייזער זיך נישט. זעהסט, דו האסט זיך געבעטען, איך זאל נישט לאכען, פארוואס איז דיר איינ־געפאלען, אז איך וועל לאכען? לעג נאר די האנט נישט אויפ'ן הארצען, נאר גראבעל דיר אין מוח... פארוואס האסטו געוואוסט, אז מיר קאן איינפאלען, אז עס איז גאר מעגליך צו לאכען?

אנדרזשעי לאכט.

— אויף מיין ווארט — בעט זיך ווייטער דאס פּיסטעל — איך לאך נאר אויס מיר! ביי מיר איז גאר קיין תנאים, אפילו

קיין שטילע נישט געווען! איהרע עלטערען האבען גארנישט גע־וואוסט דערפון. דער טאטע, עפעס א מין שלאק, א גולם; די מאמע, א כיטערקע, אן איינגערערטע חכמה, א פראסטע אידענע! נאר זי אליין איז געווען א ווארילע מויד! פלאם־פייער! זי האט פון קיין תנאים נישט געררעדט. זי האט מיר צופיעל געגלויבט. איך בין אויך זיכער געווען. און מיר האבען אויך גערערט פון צוזאמען צו ארבייטען. אויף אלע וואקאציעס בין איך געקומען.

— יאש! — האט אנדרזשעי געשריען. — איך רער נישט מעהר מיט דיר!

— פארוואס?

— דו האסט חתונה געהאט מיט איהר? — פרעגט דער דאק־טאר.

— ניין!

— פארוואס?

— דו ווילסט וויסען פארוואס? גוט, כ'וועל דיר פארצעהלען.

— ניין! איך וועל דיר פריהער מיין געשיכטע דערצעהלען— ענטפערט דער טענאר ערגעגט. הער!

דאס פיסטעל האט צוגעלעגט דאס אויער צום אנלעהן, ער זאל בעסער הערען.

— איך האב זי א גאנצע צייט נישט געזעהן, ווי דו... איך בין אויף וואקאציע אהיים נישט געקומען, איך האב לעקציעס געגעבען א גאנץ יאהר, איך האב געארבייט אכטצעהן שעה אין מעת־לעת.

— ווארום?

— זי איז ארעם געווען... צימרינג האט באנקראטירט באלד נאך זיין אוועקפאהרען.

— און דו האסט געוואוסט?

— יא, איך האב געוואוסט, יא. איך האב געשיקט יעדען חודש די העלפט פון מיין פארדינסט. הערסט? וועהרענד די פינף יאהר האב איך פון איהר, און זי פון מיר, אויסער דורך א געלע־גענהייט, קיין באגריף נישט באקומען. עס איז א שאד געווען מארקעס. איהר מוטער איז א פאר מאל קראנק געווען. וועהרענד די פינף יאהר האב איך געארבייט שווער אכטצעהן שעה אין מעת־לעת און די רעשט צייט פאר וועהטאג נישט געשלאפען. ענדליך

איז די אלטע געשטארבען, איך האב פארזעצט מיין פאלטא, איך האב טעלעגראפירט, זי זאל קומען.

דער טענאר האט ארא פגעלאזען דעם קאפ און האט זיך פאר־טראכט אביסעל.

— דאס איז געווען דעם זעקס און צוואנציגסטען מאי, — האט ער נאכהער אנגעפאנגען. — איך בין געזעסען אין שטוב, איך בין שוין איינינע טעג גאנץ פריה געווען אויפ'ן וואקזאל און זי איז נישט געקומען. איינמאל האט זיך מיר געדאכט, אז דאס איז זי. איך האב געזעהן א וואאלירטע דאמע: עס האט זיך מיר געדאכט זי... נאר די דאמע האט זיך אומגעדרעהט און געגאנגען אין אן אנ־דערער זייט. איך בין געזעסען אין שטוב, אויפ'ן בעט, קיין בענ־קעל איז ביי מיר נישט געווען... ביינאכט, דאס ליכט איז אויסגע־גאנגען.

— פארוואס האסטו זיך נישט געלעגט? זיך נישט אויסגע־טון?

— איך האב עס שוין א חודש נישט געטאן... איך בין גע־זעסען און געשלאפען.. די ערגסטע חלומות האב איך געהאט. דאס שטיבעל איז אהן פענסטער, געדענקסט? דו ביסט אמאל ביי מיר געווען, איך האב מיך רואינירט אויף ליכט בייטאג!... די ערגסטע חלומות האב איך געהאט... מיר האט זיך געדאכט, אז זי האט גע־מוזט קראנק ווערען, זי מוז נאך קראנק זיין... גאט! דו קאנסט קיין באגריף נישט האבען.

דער טענאר האט געציטערט און דאס פיסטעל האט שטילער־הייט אפגעגעבען —

— אינמיטען האב איך זיך אויפגעכאפט. איך זעה, עמיצער קניט פאר מיר, אימיצער האלט מיך ביי דער האנט און קוקט מיר אין פנים אריין. זי! זי! זי איז עס געווען! — נאר זי איז אויפגעשפרונגען און אנטלאפען אין צווייטען עק צימער אריין.

— א האלב איילענדיגער שפרונג, — מאכט דאס פיסטעל; אבער דער טענאר הערט נישט און דערצעהלט ווייטער.

— אננא, אננא! — רוף איך זי מיט פרייד און שרעק צוזא־מען; איך האב דערקענט די וואאלירטע דאמע... איך האב געפיהלט, אז עפעס דרעהט זיך מיר שרעקליכעס אין מח.

— אננא! וואס אנטלויפסטו פון מיר? — זי רוקט זיך אלץ אפ.

איך וויל אויפשפרינגען. דאס הארץ קלעמט. איך שטרעק אוים די הענט.

— זיץ! — האט זי אויסגעשריען, — אום גאטעס ווילען, זיץ! ריהר זיך נישט פון ארט. אויב דו הויבסט זיך אויף, שטארב איך!

דאס בלוט האט מיר געשטארט אין די אדערען. איך האב גע־פיהלט, אז יעדעס ווארט איהרס שניידט מיך אין הארצען, אז מיין מוח ווערט מיר דול, פארווירט —

— אננא! אננא! — האב איך קוים ארויסגערעדט — אננא!

— איך האב צו דיר א בקשה, — מאכט זי אזוי טרויעריג און מיט אזויפיעל טרערען אין דער שטימע, אז איך האב געמיינט, עס פלאצט אין מיר עפּעס, אז אט, אט איז און עק מיט מיר.

— זאג...

— שווער מיר צו, אז דו וועסט טון, וואס איך וועל דיך בעטען. — איך האב איהר געשוואוירען.

— זיץ, ריהר דיך נישט... איך וועל צו דיר צוגעהן. איך וועל דיר געבען א קוש. נאר דו זאלסט מיר נישט צוריקגעבען. הערסט? דערנאך...

— וואס דערנאך? וואס דערנאך? — האב איך געפרעגט דערשראקען.

— דערנאך וועסטו זעהן, — האט זי געענטפערט מיט א וועה־טאג — שווער מיר!

— איך שווער!

זי איז צוגעגאנגען. זי האט אינגאנצען געציטערט. זי האט זיך געוואקעלט. זי האט פאר מיר געקניט; געקוקט מיר אין די אויגען אריין, כאטש עס איז פינסטער געווען. ראפּטום האט זי זיך אויפ־געהויבען, מיר א קוש געגעבען און א געשריי געטאן פון הארץ אזוי הויך, אזוי שטארק, אזוי שניידענדיג. איך — זעהסטו — האב פארגעסען אן דער שבועה, איך האב זי געכאפּט אויף דער האנט— און זי האט גע'חלש'ט! איך האב זי געקושט, גערופען — זי הערט נישט. איך האב זי געלעגט אויפ'ן בעט... איך האב קוים געפונען שוועבעלעך, קוים אנגעצונדען און...

— און וואס?

— הערסט! הערסט! זי איז געווען געשטופּעלט, זי האט

געפאקט. זי האט א פנים ווי א ריב־אייזען! איך בין אנטלאפען פון שטוב!...

— און זי?

— אז איך בין צוריקגעקומען, איז זי שוין נישט געווען.

— און עד היום?

— עד היום...

— דו זוכסט זי?

— איך זוך זי.

— ביי מיר — ענטפערט יאש, נאך א ווײלע שווייגען — איז נאר פארקערט! זי זוכט מיך, איך אנטלויף... אפשר האט מיינע אויך געפאקט, נאר איך ווייס נישט... פארשטעהסט? מיין שיער־געווארענער שווער האט באנקראטירט...

— נו?

— אהן גדן, ברודער, איז ערגער ווי פאקען.

# דער סימן.

מיט שטאלצע גרינע בוימער־קעפּ און לוסטיג־פארביגע בלו־מען־אויגען קוקט דער רייך־אויפגעבליהטער גארטען צום אפּאלען־בלויען הימעל ארויף.

און אפשר נאר צו די ווייסע, זילבער־ווייסע טויבען, וואס שווימען א ו נ ט ע ר איהם.

צו די זילבער־ווייסע טויבען, וואס וויגען און הויבען זיך אונטער׳ן בלויען, טיפען הימעל, אויף די ציטערדיגע ליכט־װעלען אין דער לופט.

און, אז די טויבען הייבען זיך העכער, שלאגען זיי זיך פון דער ליכט־אנגעזאפּטער לופט נישט אפּ, פארשווימען זיי אין איהר און פארשווינדען, גלייך דער בלויער הימעל האט זיי צו זיך געצויגען, ארויפגענומען צו זיך...

זיי בלייבען אין דער הויך נישט לאנג...

זיי פארבענקען זיך און פליהען צוריק אראפּ צו די שטאלצע גרינע בוימער־קעפּ, צו די לוסטיג־פארביגע בלומען־אויגען פון רייך־אויפגעבליהטען גארטען... און לאזען זיך אראפּ, און עס בליצען די זילבערנע פליגעל און זיי רוישען אזוי ווייך, אזוי ווייך...

און דריי מענער שפּאצירען אין גארטען, אין גרין־גאלדענעם ליכט, אויפ׳ן געל־גאלדענעם זאמד פון א לאנגער אלעע.

שווארצע שפּאצירען זיי און מיד שלעפּען זיי זייערע שווארצע שאטען אונטער זיך.

און איינער מיט זיין שאטען שטעלט זיך פלוצלינג אפּ און פרעגט:

— ווער שטארבט פון אונז פריהער?

— וואס פאלט דיר איין? — וואונדערט זיך דער צווייטער.

און דער דריטער ענטפערט.

— איך!

— יונגערהייט — דערצעהלט ער — האב איך א הארץ־פעהלער באקומען. דאקטוירים האבען געהיילט, אבער נישט אויסגעהיילט. איהר קוקט מיך אן? אויפ'ן פנים געזונט און פריש; אינווענינ, אין הארץ, שפאצירט ארום דער טויט...

דער צווייטער לאזט אראפ דעם קאפ און מיינט, אז דער ע ר ש ט ע ר וועט ע ר זיין!

— אז עלענד־נאריש לעבען געלעבט — פארטייטשט ער — אויסגעוועבט פון וועהטאג און פינסטער מזל. מיין נשמה מוז זיין א שווארצע, א שווארצע, ווי א קראה... פליגעל האט זי אפשר, נאר שווארצע, קיין איינציגער ליכטיגער בליק פון ליעבע, געטרייע אויגען איז אויף איהר נישט געפאלען... אזא לעבען האקט זיך איבער, ווי א פאדים... אזא נשמה בענקט אין דער אייביג־פינסטערער נאכט אריין — — —

— און דאך — רופט זיך אן דער ערשטער — וועל איך געהן פ א ר איידך! צוריטעלטע נערווען... פארשלאפענע טעג, פארוואגעלטע נעכט...

זיי טרעפען א באנק און זעצען זיך.

זיי זעצען זיך, בלייבען שטיל און קוקען אויף די טויבען, אויף די ווייס־זילבערנע טויבען, וואס לאזען זיך פון בלויען הימעל אראפ און שווימען אין דער ליכטיגער לופט.

— לאמיר זיך מאכען א סימן! — מאכט איינער פון די דריי.

— ווי אזוי?

— זעהט, די טויבען פליהען, וואס אמאל נעהנטער צו אונז. פאראוים שווימט איינע, א גרויסע, אן עכט זילבערנע טויב... א ווייסע אהן א שווארצען פלעק, אהן א שווארץ פינטעלע — נישט באפלעקט, ריין...

— אלזא?

— שטעלט איידך פאר: זי איז דער טויט! דער ריינער, ווייסער טויט! און פארוואס זאל דער טויט נישט זיין אזוי ווייס, אזוי בליצענדיג ריין?

זי פליהט צו אונז, און איהר צורוקט אייך.

איך בלייב אין דער מיט, און איהר רוקט אייך אפ ביז צו די עקען פון דער באנק.

און איבער וועמענס קאָפּ עס וועט דורכשווימען די ערשטע, די ווייסע, די אומבאַפלעקטע טויב — — דער טויט, דער — דער, הייסט עס, האָט דער ע׳רשטער דעם צייכען באַקומען — צום געהן...

און די טויבען־שאַר שווימט וואָס אַמאָל נעהנטער.

זי הויבט זיך און צופליסט אין דער ליכט־אַנגעזאַפּטער לופט — —

און זיי פאַרבענקען זיך צום רייך־אויפגעבליהטען גאָרטען, צו זיינע שטאָלצע בוימער־קעפּ, צו זיינע פיעל־פאַרבינע בלומען־אויגען און לאָזען זיך אַראָפּ.

זיי הויבען זיך אויף און אָפּ און שווימען אַלץ נעהנטער, אַלץ נעהנטער צו די דריי שוואַרצע שאָטען אין ליכטיג־פאַרביגען לעבען...

און די איינע, די גאָר ווייסע, די גאָר ריינע — דער זילבערען־בליצענדיגער טויט שווימט פאָראויס...

און וואָס נעהנטער זי קומט צו די דריי שאָטען, שטילער בלייבען זייערע הערצער, מיט שטאַרערע אויגען קוקען זיי איהר נאָך...

און די טויבען קומען פון דעם בלויעם הימעל, און שווימען נאָך נעהנטער, נאָך נעהנטער; דער ענטפער, דער טויט — די וויים־זילבערנע טויב שווימט פאָראויס!

און, אז די טויב קומט נאָך נעהנטער צו, ווערען די דריי שאָטען פאַרציטערט, שפּרינגען די דריי מענער אויף און צולויפען זיך אין גאָרטען.

# נישט גוט.

אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה.

פריהער אבער, מוז איך אייך זאגען, ווער איך בין.

א שניידער בין איך.

אייגענטליך בין איך קיין שניידער נ י ש ט; מיינע אבות אבותי זענען קיין שניידער נישט געווען. נאר, אז עס האט זיך גע־מאכט, און איך האב פארגעסען דאס לערנען פון תלמוד־תורה און פארלוירען די עטליכע גילדען, וואס מען האט מיר געגעבען נדן,— האב איך מיך גענומען נעמען צו דער נאדעל.

פארוואס גראדע צו דער נאדעל? ווייל גראד האב איך געהאט א שכן, וואס האט געלעבט פון דער נאדעל. אין איין שטוב האב׳־מיר געוואוינט. —

אין דריטען ווינקעל האט אפילו געוואוינט א שוסטער אויך; איז עס אבער א שווערע מלאכה, און א פארריסטע, א פארסמא־ליטע...

מיין שכן פון ערשטען ווינקעל איז געווען א דאמען־שניידער; בין איך אויך געווארען א דאמען־שניידער.

צו דער ארבייט האב איך מיך מיט אמאל נישט גענומען; איך האב געווארט: אפשר וועט מיר א נס געשעהען. איך, אדער מיין ווייב, קאנען א כשר׳ע מציאה געפינען; נאר דערוויילֿ, אבי נישט לעדיג צו געהן, האב איך מיך צוגעזעצט צום שכנ׳ס טיש. גע־פרואווט אננעהען קנעפלעך, „צוסטריגעווען״. און דערנאך — עפעס נעהען אויך! פאמעלעך ארייגגענארט!

צום אויפנעהען א גאנץ קלייד בין איך נ י ש ט געקומען. און האלט נאך נישט דערביי ביז׳ן היינטיגען טאג; נאר פארלא־טען, פארפרעסען, אויסוואשען און ארויסנעמען א פלעק, אפילו א מאס נעמען, — דאס האב איך מיך אויסגעלערענט, מיט דעם האב

איך געלעבט און עס לעבט זיך נאך... זאל אן אנדערער צושניידען ; א געשעפט דאס איז.

איך קאן נישט זאגען, עס איז נ י ש ט פון די ערגסטע מלאכות. ערשטענס — פרעהליך : א שניידער זינגט א ליעדעל, לאזט זיך גאנץ אפט ארויס אין די דערפער, צווישען פריצים, מען זעהט א וועלט, און מען לעבט א וועלט. נישט פארפינסטערט, ווי א פארסמאליטער שוסטער...

גוט. איז מיר אבער דערווייל נישט פאר אייך, נישט פאר קיין שום איך גערעכט, דאס ווייב אוועקגעקומען... צרות...

נישט דאס אבער וויל איך אייך פארצעהלען.

ווארים וואס ? בין איך אן אלמן ; וואוין איך מיר אליין אין א קליין שטיבעל ערגעץ העט, העט, כמעט הינטער דער שטאדט ; איבער׳ן מויל גיסט זיך נישט, נאר גארנישט ; מען טרעפט א גוטען ברודער, מען נעמט א קאפ, מען בארגט א „זהב טהור“, און מען לעבט ווייטער.

מאכט זיך אבער א מעשה. אזוי ווי מען זאגט : א גאנץ יאהר שכור, פורים ניכטער ! אבער נישט א דרייער אין שטוב ! וואס טראכט איך ? איך וועל מיך איינבעטען צו א גוטען ברודער ! עס איז דאך נאריש, איך וועל דאך נישט ארומגעהן פורים מיט א טרוקענעם האלז, פארט אזא נס געשעהען ! אסתר המלכה, כאטש א גרינגע, איז אלץ נאך ווערט, מען זאל איהר צוליעב נ י ש ט געהן בדרך הישר ווי ניכטערהייט !...

געה איך מיר ארויס פון שטוב און האלט אין איין קלערען : צו וועלכען שניידער געהט מען ?

נאר פרעהליך איז ביי אהרן דבשה׳ס. בראנפען גיסט זיך דארט, ווי וואסער. ער טרינקט, זי טרינקט. די טאכטער, זאגט מען, האט אויך דעם ביטערען טראפען נישט פיינט ! אבער טאקע צוליעב דער טאכטער, האב איך קיין חשק נישט אהין צו געהן ! א בתולה פון א יאהר דרייסיג, אפשר מיט א שמיץ, און שדכ׳ענט זיך צו מיר. אז זי דערזעהט מיך, נעמט זי „מים אויף די עינים“. קוקט זי אויף מיר, ווי א שאף אויף זאלץ, און פארגלייסט נאך די אויגען, אז מען זעהט די שווארצאפעל נישט ארויס, סאמע ווייסעל, צוויי שיסעלעך סמעטענע...

ניין, צו אהרן דבשה׳ס געה איך נישט... צו אנדערע רייכע

שניידער אודאי נישט! זיי קוקען אויף מיר פון דער הויך, ווי א סאווע אין די פעדערען אויף א נאקעטע הינדעל... איז טאקע שלעכט: געה טרעף, וועלכער קבצן איז נישט קיין פורים־שפּילער און האט אין דערהיים א קאפּ?

און אזוי קלערענדיג, האב איך א טעות, און אויפ'ן ארט פון געהן אין שטאדט אריין, געה איך גאר ארויס פון שטאדט... העט אוועק.

אז איך דערמאן מיך, בין איך שוין א היבש שטיק וועגס ווייט פון שטאדט. שטעהט א וועלדעל, געה איך אריין. נאך וואס? כ'וויים נישט! איך געה... פרעגט מיך בחרם, וואו אהין?

טרעף איך א האלץ־העקער; פרעג איך איהם: ווייט צו א קרעטשמע?

טראכטען טראכט איך מיר, הינטער דער שטאדט קריגט מען אויך א טרונק בראנפען! אי וואס? עס איז נישטא קיין געלט, קאן מען טרעפען ביים קרעטשמער ארבייט, און טרינקען דערווייל על חשבון המלאכה... אז ערל געטרויט!

זאגט ער, דער האלץ־העקער: נישט ווייט.

געה איך ווייטער; צוויי וועגען. איינער — רעכט, איינער — לינקס. נעם איך מיך רעכטס, איך בין דאך א שניידער, האלט די נאדעל אין דער רעכטער האנט, איז די רעכטע האנט בילכער!

אויסגעוויזען האט זיך, אז בעסער וואלט געווען, ווען איך נעם מיך לינקס. און אפשר פארקערט? איך זאל מיך געווען נעמען לינקס, וואלט קיין מעשה נישט געווען...

---

הכלל, איך געה רעכטס. און געה, און געה.

דורשטיג בין איך שוין לאנג; ווער איך נאך הונגעריג.

קאלט אביסעל איז מיר אויך געווארען... אזוי, עס בלאזט אביסעל צווישען די ביינער. — און אינמיטען — סטאפּ! א צוים.

אן אייזערנע צוים. שווארצע אייזערנע שטאנגען מיט פאר גילדעטע שפּיצען. — א מורא!

א פורטקע איז דא. ביי דער פורטקע — א גלאק. בין איך נישט פויל, נעם איך און קלינג אן.

הערט זיך הינט בילען. ווערט מיר קאלט איז די קנעכעל און וויל מאכען פּליטה. הער איך אבער, מען ריפט: „שטיל!“ — בלייב איך שטעהן; איך בין דאך נישט קיין מלמד. איך זאל מיך שרעקען פאר הינט!

באווייזט זיך אן אלטער ערל, אנגעטאן ווי א יעגער, מיט גרינע לאצען, שטעקט אריין דעם גרויען קאפּ, מיט צוויי צורינענע אויגען, צווישען די שטאנגען, און פרעגט, ווער איך בין.

זאג איך: א שניידער.

— וואס דארפסט דו?

— א טרונק בראנפען!

לאכט ער, ווייזט ער מיר צוויי שורות אלטע, אויסגעקרימטע ציין, אבער א פלעמעל אין די אויגען!

ביסט דו מיין מענש, טראכט איך! דיר איז אויך טרוקען אין האלז!

דארף מען אריינגעהן מיט איהם אין א נעהנטערען שמועס.

א י ך שטעה אין דער זייט, ע ר אין יענער זייט און מיר רעדען.

א י ך פרעג און ע ר ענטפערט.

— וואס איז דא אזוינס?

— א פּאלאץ.

— און דו ווער ביסט?

— דער היטער פון פּאלאץ.

— און ווער וואוינט אין פּאלאץ?

— א פּריצה!

— וואס פאר א פּריצה?

— א שעהנע פּריצה.

— א שעהנע?

— און א משוגענע...

— וואס פאר א משוגע'נע?

— זי וויל נישט חתונה האבען! עס געפעלט איהר קיינער נישט.

לאך איך:

— אפשר וועט זי מיך וועלען!

— פּרואוו, — מאכט ער. — אפשר איז זי ד י ר באשערט!

און אזוי רעדענדיג, שליסט ער אויף! לאזט מיך אריין. שטע־הען מיר שוין ביידע אויף יענער זייט.

א חברה הינט דרעהען זיך ארום מיט לאנג־ארויסגעשטעקטע צונגען, — הער איך זיי? — אז ער האלט מיט מיר!

— איך בין אן אלמן, — זאג איך איהם.

— פרואוו... עס האבען אסך שוין געפרואווט... דייטשען, אר־מענער, ציגיינער... פרואוו דו אויך... אפשר וועט דיר בעסער גע־לינגען...

קוק איך איהם אן! איך ווערטעל מיך שניידעריש, פאר איהם איז עס „חי וקים".

געה איך צוריק צו מיין זאך און פרעג מכח אביסעל בראנפען.

— פאראן — זאגט ער — אין פאלאץ בראנפען, מעד אויך, וויין... און חתנים נעמט מען שעהן אויף, מען גיט צו עסען, צו טרינקען... כיד המלך, — זאגט ער.

ווערט מיר שוין אביסעל נישט היימליך.

איז ער נישט, דער אלטער, אביסעל פארדרעהט? ניין, ניכ־טער, א קלארען בליק האט ער.

זאג איך:

— נענוג, אלטער, שפאס אן דער זייט! מיר איז, ווירקליך, טרוקען אין האלז! אזוי טרוקען, אז דאס קול קומט ארוים. ווי פון א בלעך... און הונגעריג בין איך, אז ווינטען בלאזען מיר אין מאגען!

— נו, קום, — שמייכעלט ער, — קום, עסען און טרינקען וועט נישט פעהלען.

מיין איך, אז ער פיהרט מיך צו זיך; פיהרט ער מיך צום פאלאץ!

און א פאלאץ, — עס איז דען צו באשרייבען? דער מחבר פון אקדמות, וואלט געבליבען מיט אן אפען מויל! זיילען און זיילען, מיט גאלדענע שלאנגען, אדלער, כל'ערליי מיני פלעדער־מייז אויף די זיילען...

און דאס אלץ מיט גאלדענע קרוינען אויף די קעפ... און ער פיהרט מיך צו צו א גאניק, אויסגעלעגט מיט א טערקישען דיוואן, און נימ מיך איבער צו א לאקיי.

— א חתן! — זאגט ער.

דער לאקיי שמייכעלט און פיהרט מיך ווייטער.

די פריצה, פארשטעהט זיך. ליגט מיר נישט אין דער לינקער פאה. אבער א שניידער בין איך. וויל איך זעהן...

און וואס? מען וועט מיך דאך נ י ש ט הענגען! לאז איך מיך פיהרען.

פיהרט מען מיך. פון איין סאלאן ארויס. אין צווייטען אריין; פון א גרינעם סאלאן צו א געלען; פון א געלען — צו א רויטען. פון א רויטען — צו א בלויען... די קאלירען שווינדלען מיר אין די אויגען.

און עס געהט א גאנג. א געיעג. נאר מען לויפט. און די פאר־בען הויבען זיך מיר אן צו מישען. איך האב שוין קיין צייט נישט אפילו דאס מעבעל אין די סאלאנען צו באטראכטען. די פארטרע־טען אויף די ווענט. קאלירטע פלעקען לויפען מיר. אויג ארויס, אויג אריין; און איין לאקיי גיט מיך איבער דעם צווייטען, איינער דעם צווייטען...

אלץ האט דאך אבער א סוף. שטעלט מען מיך אין א סאלאן. נאר אין א ווייסען סאלאן...

רעכטס, זאגט מען מיר, געהט א טיר צו דער פריצה אליין, און לינקס — א טיר, ארויסצואווארפען פון פאלאץ, אויב דער חתן גע־פעלט נישט!

קוק איך, מן הסתם, אויף דער טיר צו דער פריצה; דערזעה איך א קליין לעבעל אין טיר.

— וואס איז דאס? — פרעג איך.

פארטייטשט מען מיר, אז דורך דעם לעבעל קוקט די פריצה אויף די חתנים!...

— און ווי אזוי זעהען די חתנים די פריצה?

— אט! — מאכט דער לאקיי. פון וועלכען עס בליצט און קאפעט מיט גאלד, און ווייזט מיר א פארטרעט אויף דער וואנט.

א שטאלצע נקבה. א ריז... א בליק פון אן אמת'ער שררה'טע. כאטש זי שטעהט עפעס אויף די קני! און האט עפעס ארום די ליפען. וואס רייצט און ציהט ממש. ווי מיט צוואנגען.

איך בין דאך א שניידער, האב גענוג קליידער געמאסטען. שעהנע נקבות און פריצות געזעהן. אבער — וואס זאל איך אייך זאגען — אזוינס האט זיך מיר אפילו נישט גע'חלומ'ט!

דער יצר־הרע אליין!

און דאס הארץ קלאפט שוין, ווי ביי א גזלן!

און איך פארגעס שוין ווער איך בין, וואס איך בין; ווער און וואס זי איז; מיין באבעס דאגה!

איך ציה מיך אוים ווי א סטרונע און ווארט אויף איהר ווי א איד אויף משיח'ן ווי א פרומע נשמה אויף עולם־הבא!

מ'גיט א קלונג! דער לאקיי פארטייטשט: די פריצה געהט! און נעמט מיך אז, שטעלט מיך קעגענאיבער דעם לעבעל אין טיר. און נייגט זיך פאר מיר מיט א שמייכעל, און פארשווינדט.

און איך שטעה, און ציטער א ריהר צו טון מיט א ברעם. און די פאר סעקונדען, וואס איך בין געשטאנען, זענען יאהרען, און ווייטער א קלונג און עס קומט אריין דער זעלבער לאקיי.

— געפעלען! — זאגט ער...

מיין איך, דער שלאג האט מיך געטראפען.

— נאר, — זאגט ער.

— וואס נאר?

— נאר אומריין — האט זי געזאגט. זי הייסט דיך פיהרען אין בעדעל אריין.

---

איך וועל אייך נישט לאנג ברייען...

איהר זעהט דאך, אז איך בין צוריק שניידער; פארשטעהט איהר דאך, אז דער שדוך איז נישט עולה יפה געווען... אבער דער „נאר" מיט'ן בעדעל האבען מיר דעם מארך פון די ביינער ארויס־געצויגען!

פריהער האט מען מיך געבאדען, דער ברוד זאל אראפ, דער שוויים זאל אראפ... מילא, א שניידער, פון וועג, געגאנגען צו פוס. איז אבער ווייטער א „נאר".

די מלבושים מיינע געפעלען איהר נישט...

זאג איך, איך וועל שיקען נאך מיין שבת'דיגע קאפאטע. — מאך איך מיך, הייסט עס, גרוים. ווארים, פאר אונז זאגענדיג, האב איך קיין שבת'דיגע קאפאטע נישט פארמאגט!...

וויל זי אבער, איך זאל מיך אנטון דייטש...

ווילט זיך מיר נישט! וואס איז עפעס פלוצלונג — דייטש?

דערמאָנט מיך אָבער דער יצר־הרע, אַז איך האָב געזעהן אַמאָל דעם פראַנקפורט־אַם־מיינער רב, וואָס איז אַרומגעפאָהרען זאַמלען נדבות אויף אַ ישיבה, און איז אויך געגאַנגען דייטש, — מילא, אַז אַ ראש־ישיבה מעג, מעג איך דאָך אודאי. — באַשטעה איך...

הייסט מען מיך אָבער אַוועקוואַרפען דעם ארבע כנפות. — טראַכט איך: הלמאי אַ אידענע, האָט אויך אַ חלק עולם הבא, און באַגעהט זיך אָהן ארבע כנפות! גיב איך אַוועק די ציצית... אַז עס איז איהר איינגעפאַלען!

פרעגט מען מיך נאָך, צי איך קאָן רעדען פּריצ׳יש לשון, זאָג איך: אודאי! איך האָב דאָך געגנעהט ביי פּריצים! געגנעהט, גע־פּרעסט, געמאַסטען... אויף פּריצ׳יש לשון געזונגען, געקריגט זיך, געבעטען זיך, און די ציין פאַררעדט... זאָגט מען: ניין, דאָס איז וועניג! מען מוז קאָנען לעזען און שרייבען אויך!

נעמט מען מיך צו אַ לעהרער... לערענט ער מיט מיר גראַ־מאַטיק, — שוויץ איך! מילא... אויסלערנען וועל איך מיך, אַ אי־דיש קעפּעל האָב איך... נאָר — און דאָ איז דער הונט באַגראָבען— לערען אומגעגעסען... פּשוט אומגעגעסען, וואָרים, עיקר שכחתי — כאַטש אַ שניידער, לעב איך אין פּאַלאַץ מיט טיי און געבראָטענע קאַרטאָפּעל, נאַריש, קיין טרפות וועל איך דאָך נישט עסען!... איז מיר טאַקע שווער... פאַל איך אַביסעל אָפּ...

איך קען שוין אַביסעל גראַמאַטיק, איך רעד שוין, קיין מעשה נישט, מיט דער ריש, נאָר — איך פאַל אָבער אַריין אין דער דאַר...

און די פּריצה וויל דוקא אַ „מענש״; הייסט מען עסען!
הויבט זיך ווייטער אָן אַ מעשה מיט׳ן יצר־הרע!

פּת עכו״ם, זאָגט ער, איז נישט פון די גרויסע זאַכען... איז אַסך אידישע הייזער קויפט מען שוין לאַנג דייטשע זעמעל... פון חזיר רעדט מען נישט! פּריצים עסען אויך אַ גאַנץ יאָהר קיין חזיר נישט... אַלא וואָס, וויעלקאַנאַץ? אָדער דו וועסט דיך ביז דאַמאָלט צוגעוואוינען, אָדער דו וועסט דיך מאַכען קראַנק, לעגען אין בעט אַריין און הייסען דיר דערלאַנגען איינגעמאַכטס! און אפשר וועסט דו ביז דאַמאָלט דער פּריצה אַזוי געפעלען, אַז זי וועט אויך אַנהויי־

בען צו עסען כשר'ס, און וועט גאר, דיר צוליעב, מאכען א קוגעל אויך!

הער איך איהם, לכתחלה, ווי'ן רב... פאר טרפות האב איך אביסעל אפשיי... א פריצה, ווייס איך, פארגעהט — און גיהנום באשטעהט! אן אייביגע זאך!

נעמט ער מיך אבער, דער ממזר, אויף קאוויאר...

און קאוויאר ווייס איך שוין נישט... אפשר גאר פון כשר'ע פיש!

און קאוויאר עסט מען מיט ציבעלעס!

און איך שפרינג שיער נישט אויס דער הויט ארויס! שוין דריי וואכען דעם כשר'ן ריח נישט געפיהלט; אויס מענש בין איך אהן א ציבעלע!

טראכט איך מיר, לאזען זיי נאר געבען קאוויאר! איך וועל עסען די ציבעלעס... און פאר דרך־ארץ א לעק טון א שווארצען רויג — און אפשר אויסשפייען...

עס שפייט זיך אבער נישט... איך עס קאוויאר מיט א לעפעל און ווער טאקע אביסעל פולער...

קוק איך אין שפיגעל אריין — א גאנצער מענש! וואס א מענש? א גאנצער פריץ בין איך! די אויגען קלאר, אויסגעשלא־פען... די באקען בליהען ווי די רויטע עפעל! און פלייצעס!

וואו די פאות זענען אהינגעקומען? אסור, אויב איך ווייס... מען האט זיי מיר אפשר אין שלאף אונטערגעשניטען. די בארד איז אויך ערגעץ אוועקגעקומען... מיין באבעס דאגה! אומשטיינס גע־זאגט, וואס מיין גאנץ שניידעריש שפיציג בערדעל איז ווערט גע־ווען! אבער א יונג מיט ביינער — בין איך... דער פריצה געפעלען מוז איך!

האב איך דאך אבער פארט א שטיקעל יצר־טוב אין מיר; הויבט ער אן נאגען: וואס טייטש? נישט מיט קיין אידיש קינד...

קומט דער יצר הרע און פארמאכט איהם דאס מויל.

— ווי הייסט, — זאגט ער, — און בת יתרו? איי וואס,— קודם מתן תורה? אבער משה רבינו, נישט קיין שניידערעל...

און אסתר המלכה איז אויך, דאכט זיך, א אידיש קינד גע־ווען, א שפאס — אסתר המלכה, און האט גענומען א גוי — אז

אחשורש! און א נארישען אחשורש... און פונדעסטוועגען מאכט מען נאך א יום־טוב דערפון!

איי וואס? זי האט אידען א טובה געטאן, וועסט דו אויך טובות טון!

די פריצה האט קיה, וועסט דו אוועקגעבען אידען ביליג די פאכט... זי האט קרעטשמעס, וועסט דו ארייגזעצען אידען בחצי חנם... זי האט וועלדער, וועלען אידעלעך האבען... וועסט זיי פאר־קויפען תבואה אויף'ן פעלד! האב קיין מורא נישט, עס וועט זיין א יום־טוב!

דער יצר־טוב וואלט אפשר געענטפערט, קומט אבער באותו הרגע אריין די פריצה, הער איך איהם?...

און — בכבודה ובעצמה די פריצה, — טויזענט מאל שענער פאר'ן פארטרעט! און א לאקיי טראגט נאך א גאלדענע טאץ... און אויף דער טאץ שטעהען גאלדענע בעכער, און אן אלטע פלאש וויין...

„לחיים" וויל זי מיט מיר טרינקען...

„נסך", שרייט דער יצר־טוב.

„טפש"! ענטפערט דער יצר־הרע...

און באמת, וואס איז נסך נאך גאלען די בארד, אנטון דייטש, עסען טרפות?

זעץ איך מיך איהר צופוסענס און טרינק...

„לחיים" און „לחיים"!

זי גיסט, איך ט ר י נ ק!

נאך א פאר כוסות, קוש איך איהר די זוים פון קלייד... זי איז דאך א פריצה — ביסלעכווייז!

נאך א כוס! און זי אליין דערלאנגט מיר שוין די שפיץ פינ־גער צום מויל... לאנגע, שמאלע, ווייס־רויטליכע פינגער... טאקע כצפיחות בדבש!

פרעגט זי מיך, צי איך וויל טרינקען איהר געזונט פון איהר פאנטאפעלע...

א ו י ב איך וויל!

עס איז נאר א שאד, וואס זי האט אזוינע קליינע פיסעלעך — אזוינע קליינע פאנטאפעלעך! פאנטאפעל וואלט איך אויסגעטרונ־קען, שטיוועל, פויערשע — וואסער־שטיוועל!

וואס טו איך? טרינק איך צ ו ו י י פאַנטאַפּעלער; און נאָך אמאָל צוויי, און נאָך אמאָל.

פרעגט זי מיך, צי איך קאָן זינגען?

אַ פראַגע.

וועלכער שניידער קאָן עס נישט זינגען?

דער קאָפּ דרעהט זיך, די צונג לויפט אביסעל, נאָר זינגען מוז מען.

שטעל איך מיך אויף און זינג.

און וואס זינג איך?

מיין אַלט ליעדעל, אַלע זינגען עס:

וואס מיר זענען, זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר,
וואס מיר טוען, טוען מיר,
און כפרות שלאָגען מיר!

הערט זי „כפרות"; גיט זי אַ קלונג...

קומען אריין דריי לאַקייען, פרעגען מיך נישט אַ וואָרט, נעמען מיך אָן און וואַרפען מיך ארויס דורכ'ן פענסטער!

---

פאַל איך...

גוט, וואס איך בין געפאַלען אויף עפּעס ווייכס; פון אַזאַ הויך, — די ביינער וואַלט איך געקליבען!

מיין איך, איך בין געפאַלען אויף אַ סטויג חיי, אויף חויך גראַז. וויזט זיך נאָר אויס — אויף בעט־געוואַנט...

אויף יונה דבשה'ס בעט בין איך געפאַלען!

עס איז אַ שכור'ער, פורים'דיגער חלום געוועזן!

צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, צו זייערע קעפּ, צו מיינע שונאים'ס קעפּ...

מילא, איך האָב נישט געוואָלט געהן צו יונה דבשה'ס, און בין געגאַנגען, אַ שעהנע כפּרה!

מיין באָבעס דאגה!

זאגען זיי אבער, אז שכור'ערהייט בין איך פאר יונה דבשה'ס טאכטער, וואס קוקט אויף מיר מיט די צוויי שיסעלעך סמעטענע.

ווי א שאף אויף זאלץ, א חתן געווארען —

דאס איז נישט גוט!

# ווי אזוי די וואָלד־ישיבה איז בטל געוואָרען.

(איבערארבייטונג).

עס איז געווען פאַרצייטענס...

פונדעסטוועגען איז פונקט אזוי ווי היינט פריהמאָרגען אויפ־געשטאַנען די זון, מען האָט געקלאַפּט אין שול און ותיקין זענען געלאָפען דאַווענען; פונקט פאַרנאַכט האָט זיך דיזעלבע זון געלעגט און אַנגעהויבען אונטערגעהן און מען האָט ווייטער געדאַווענט. יע־דען פריה־מאָרגען איז די ערד אויפגעשטאַנען, ווי תחית המתים און די פייגעלעך האָבען געזונגען א שבח צום בורא עולם, וואָס האָט צוריק אָפּגעגעבען די נשמות, און פאַרנאַכט האָט זיך די ערד וואָס אמאָל מעהר איינגעהילט אין א נעבעל און איינגעשלאָפען, און די פייגעלעך האָבען אָפּגעזונגען זייער קריאת שמע און באַ־האַלטען זיך אין די נעסטען... און דאַמאָלט ערשט איז לעבעדיג געוואָרען אין די בתי מדרשים. אינעווייניג האָבען געציטערט קליינע פלעמלעך, ווי נשמה־ליכטלעך, און פון דאָרט איז אַרויס־געשוואומען א טרויעריג ווייכער נגון, ווי א הספד אויף דער גע־שטאָרבענער וועלט!... אין מיטען — האָט מען געקלאַפּט צו חצות...

ווייטער נישט — איין טאָג איז גלייך געווען צום צווייטען. איין נאַכט צו דער צווייטער. נאָר טיילמאָל פלעגט זיך דער הי־מעל פאַרציהען מיט וואָלקען, פלעגט זיך צוהיצען, צובייזערען— פלעגט מען זאָגען שכחו וגבורתו... אויסלעגען ספרים ביי די פענס־טער און פאַרשטעקען זיך אונטער'ן איבערבעט...

ווי היינט פלעגט טרעפען, אז אינמיטען דער שטילער נאַכט, געהענדיג צו חצות, האָט א איד, נישט ווילענדיג, אויפגעהויבען די

אויגען צום הימעל, און געזעהן, ווי א שטערן גליטשט זיך אוים, פאלט אראפ. גאט ווייסט וואוהין, אין ים צי אין שאול תחתית אריין; פלעגט ער אפזיפצען: א שטערן גליטשט זיך אוים, מכל־שכן א בשר ודם! — —

און מען האט ווייטער געלעבט. איין טאג איז גלייך געווען צום צווייטען, איין נאכט צו דער צווייטער; שטיל און רוהיג — אויסער, אז עס זענען דורכגעגאנגען זעלנער און מען האט אויף עט־ליכע טעג צושטעלט זיי אין די הייזער, פלעגט זיך הערען געשרייען פון טיר און פענסטער — אדער, אז אין בית־המדרש האט זיך אפ־געשטעלט א גלות־ליידענדער פרוש און האט דערצעהלט מעשיות פון ל"ו צדיקים אדער פון לצים, וואס האבען איהם גענארט אויפ'ן וועג...

עס פלעגט זיך אויך טרעפען, אז עמיץ איז נפטר געווארען. פלעגט זיין א לויה, פלעגען אין דער שטילער גאס קלינגען זילבער־נע צדקה־פושקעס, דער שמש פלעגט רופען: צדקה תציל ממות, קרובים האבען געוויינט, וויבער — מעהר און שטארקער...

פונקט אזוי, ווי היינט!

נאר אזוינע ישיבות, ווי דאמאלט זענען געווען, איז שוין היינט נישטא!

---

די באריהמטע ישיבה איז געווען א פרושים־ישיבה אין א ווילדען וואלד.

די ישיבה איז געווען אין סאמע מיטען וואלד, נאר ארומגע־צוימט על פי קבלה מיט א שם... קיינמאל האט אהין קיין חיה רעה נישט פארבלאנדזשעט, קיין יעגער־קויל נישט געטראפען און עט־ליכע וויארסט ארום האט אפילו קיין פויגעל נישט געזונגען, מען זאל זיי נישט שטערען אין לערנען. געלערענט האט מען ווינטער אין הייזען, זומער אונטער'ן פרייען הימעל. יעדער פרוש האט זיך געהאט זיין קלעצעל פון א בוים. אז עס פלעגט אמאל קומען א נייער תלמיד, האט זיך תוך כדי דבור אונטערגעשניטען א בוים, איבערגעלאזט פאר'ן נייעם תלמיד דאס „קלעצעל" און איז זיך אוועקגעגאנגען און האט שטיל זיך אוועקגעלעגט אין א זייט.

גענעסען האבען זיי שוואמען, וואלד־אויבס, רויזען־בלעטלער,

פארשידענע וואורצלען — ערב שבת ויום טוב פלעגט זיך באלד איז דערפריה הערען א געבלעקעריי, וואס פלעגט קומען אלץ נעהנ־טער און נעהנטער; דאס האט דער וואלד געשיקט דער ישיבה קרבנות — עטליכע ווידער לכבוד שבת, און דער ראש הישיבה פלעגט אליין שחט'ען און די תלמידים כשר מאכען...

טאג און נאכט האט מען געלערענט. נאר אין א יומא דפגרא האט מען דערצעהלט פון משיח'ס צייטען, פון די עשרת השבטים, פון די נסים אויפ'ן ים הקרוש! און וויפיעל תלמידים אזויפיעל בריליאנטען האבען אונטער די שטערען געלייכט; אויפ'ן ראש הישיבה האט נישט אנדערש, ווי די שכינה גערוהט!

אין טעם גן־עדן האט מען געפיהלט, ווען מען איז געקומען צו רבה בר בר חנא'ס מעשה'לעך...

„איינע האט איהם אויסגעשטעלט א פליגעלע... די צווייטע א פיסעלע"...

מיט אפענע מיילער האט מען געהערט.

---

איינמאל אבער איז די הייליגע שטילקייט פון דער ישיבה צורודערט געווארען.

ווי פון די עולמות העליונים איז עמיץ אראפ מיט א קאזשיא־לעק און געפאלען דעם ראש ישיבה צו די פיס!

עס פלעגט טרעפען, אבוואל זעלטען, אז פון פרושים, וואס ליידען גלות, פלעגט אמאל איינער זוכה זיין צו דערזעהן די ישיבה און אריינגעלאזט צו ווערען פון שם הקודש...

— אבער נאך וואס קאזשיאלקעס? — בייזערט זיך אביסעל דער ראש ישיבה.

דער געפאלענער הויבט זיך אויף, עפענט דאס מויל, דער ראש ישיבה מיינט, ער וויל בעטען מחילה און מאכט אוועק מיט דער האנט:

— נו, נו, בטול תורה — זעץ דיך און לערן!...

עס איז אבער א טעות געווען. קיין בוים האט נישט „מפנה מקום" געווען, און דער אויפגעהויבענער האט געזאגט:

— איך בין נישט קיין פרוש, רבי, א דארף־שניידער בין איך!

די פרושים קוקען זיך איבער איינער מיט'ן צווייטען.

— ווי דען קומסט דו אהער איבער דעם צוים? — פרעגט דער ראש ישיבה.

דאס שניידערל זאגט, אז ער האט קיין צוים פאר די אויגען נישט געזעהן...

עס האט זיך איהם אויסגעלאזט די ארבייט אין א י י ן דארף, איז ער געגאנגען איבער'ן וואלד אין א צווייט דארף אריין, איז עס אבער ביינאכט געווען, האט ער זיך, געהענדיג, פארדריי־מעלט, פארבלאנדזשעט און פארטאג איז ער געקומען אין א פרעמד דארף אריין. דער ערשטער פרעמדער הונט איז איהם באפאלען. איז ער צוריקגעלאפען אין וואלד, דער הונט נאך, ער לויפט, דער הונט לויפט נאך. פלוצים האט ער איהם אנגעכאפט ביי א פוס. האט ער זיך געגעבען א ריס אויס, געמאכט א קאזשיאלעק און —

— בין איך געקומען אהער — האט דאס שניידערל מיט א געלעכטערל געענדיגט — האט איהר עפעס צו נעמען אין מויל אריין?

— קינד מיינס, — זאגט דער ראש ישיבה ערנסט, — עס איז נאך צייט צו רעדען פון חומר... נאר זיי וויסען, קינד מיינס, אז די ישיבה איז ארומגעצוימט מיט א שם־הקודש, אז קיין שום מענש און קיין שום חיה ועוף קאן די צוים נישט אריבער — קוק ארויף צום הימעל! זעהסט דו דא א צייכען פון א פויגעלע? עד „רום רקיע" האב'מיר זיך פארצוימט, און אויב דו ביסט אריבער, איז עס א סימן, אז עס איז נישט פשוט, — עס איז קיין פרעמדער דארף געווען, קיין פרעמדער הונט געוועזען — עס איז מעשה־נסים! דאס האט דיך זכות אבות אהער געטריבען. פאלג מיך, נעם א ספר און זעץ דיך און לערען!

א נאהנטער בוים האט געהערט דעם ראש־ישיבה'ס רייד און האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען, א סימן, אז ער וויל אפטרעטען דעם ארט דעם נייעם תלמיד. נאר דאס שניידערל ענטפערט:

— לא, מיט א ספאדעק, רבי'ניו! איך האלט גארנישט פון אייער זיצען און לערנען...

— א גרויסע קונץ — מאכט ער ווייטער — צו זיצען אין וואלד! אהן דאגת פרנסה, אהן ווייב און קינד און לערנען! געהט בעסער אין שטאדט אריין, און טוט עפעס! איהר ווילט אראפ־

ברענגען משיח'ן, וואס? אומזיסט אייער ארבייט, אייערע צוואנ־ציג—דרייסיג נעהען דעם מאנטעל פאר'ן מלך המשיח, יא? און דארטען זיצען הונדערטער און טויזענטער, וואס טרענען אויף, וואס איהר נעהט!

און דאס שניידערל מאלט זיי אויס, וואס אין שטאדט טוט זיך, ווי דער יצר־הרע האט ארייגנעגארט דעם גאנצען עולם אין א זאק אריין און מען בייסט און מען ווערגט זיך איינס דאס אנדערע איבער דער פינסטערער פרנסה...

זיין שווארץ שפיציג בערדעל ציטערט, די אויגען ברענען, ווי קוילען, די הענט ציטערען אוןווארפען זיך, פייער שיט זיך איהם פון מויל — —

— סדום־ועמורה — זאגט ער — ניין און ניינציג מענשען הונגערען און פארקויפען די נשמה פאר א שטיקעל טרוקען ברויט. דער הונדערטסטער זיצט, ווי א פליג אויף א פלאסטער האניג און ווערט אנגעשוואלען און פארזינדיגט זיך די יאהרען...

מענער פארקויפען די נשמה, ווייבער דאס לייב; מען קייקעלט זיך בארג אפ אין גיהנום אריין — וואס וועט העלפען אייער תורה?

דער ראש־ישיבה מיט די פרושים לאזען אראפ די קעפ.

— וואס העלפט דאס אראפלאזען די קעפ? — לאכט דאס שניידערל — אויב איהר ווילט דוקא משיח זאל קומען, הערט א ש נ י י ד ע ר ש ע עצה אדער ש ו ו י י ג ט און זינדיגט מיט. וועט ווערען „כלו חייב", אדער געהט און זאגט מוסר, „גוואלד, רוצחים" און זייט „מחזיר למוטב", וועט זיין „כלו זכאי"... אניט — וואנצען! — און דערווייל — אדיע! דער הונט איז שוין אודאי צוריק אין דארף אריין.

---

עס נעדויערט אווילע, איידער די פרושים זענען צו זיך גע־קומען און האבען מיט א געשריי: עזות־מחוצף־פנים, זיך א ווארף געטאן „קורע כדג" צו זיין דאס שניידערל...

דאס שניידערל האט אבער שוין צייט געהאט צו מאכען א קאזשיאלעק צוריק, און איז נעלם נעווארען צווישען די בוימער.

— אזא רשע, אזא רשע! — קריצען די פרושים מיט די ציין.

דער ראש־ישיבה אבער גיט א צייכען, זיי זאלען שווייגען.

— שווייגט, קינדער, — זאגט ער טרויעריג, — ער איז גע־רעכט, דאס שניידערל, (אויב עס איז נאר א פראסטער שניידערל געווען, נישט אליהו הנביא!) ער האט אונז געזאגט, וואס מען דארף טון, וואס איך דארף טון!

די פרושים שווייגען, טראכטענדיג: אפשר טאקע אליהו... אזוי געשווינד נעלם געווארען... און דער ראש־ישיבה הייסט זיך דערלאנגען דעם שטעקען.

— איך געה אין שטאדט, קינדער! איך וועל טון, ווי דאס שניידערל האט געהייסען! איך וויל מיך פרואווען ראנגלען מיט'ן ס"ם — און איהר בלייבט דא און לערענט און בעט פאר מיר רחמים!

אלע זאגען צו, און מען דערלאנגט איהם דעם שטעקען, ווי ער האט באפוילען.

ער איז געגאנגען גלייך פאר זיך און די הייליגע באהאלטענע צוים האט איהם דורכגעלאזט!

---

שוין דריי מאל האבען די פרושים מחדש געווען די לבנה, און דער ראש־ישיבה האט זיך נישט געוויזען, ערשט נאכ'ן פיערטען קדוש החודש ביים שלום עליכם, עליכם שלום! האט ער זיך באוויזען, די תלמידים זענען איהם אקעגען געלאפען מיט פרייד — נאר ער האט זיי אפגעשטעלט מיט דער האנט, און איז, א ווארט נישט רע־דענדיג, אריינגעגאנגען אין זיין הייל אריין.

זיבען טעג האט ער געהאט התבודדות, זיבען טעג און זיבען נעכט זענען די תלמידים געשטאנען נישט טויט נישט לעבעדיג און געווארט און ערשט אויפ'ן אכטען טאג איז ער ארויסגעקומען פון דער הייל, און האט זיי דערצעהלט, וואס עס איז מיט איהם אין די דריי חדשים געשעהען.

און דעם וועג פון ישיבה אין שטאדט אריין האט ער דער־צעהלט שטיל, געלאסען און אפילו מיט א שטיקעל נחת...

געהענדיג האט ער געלערענט אויסענוועניג הלכות סוכה!...

בייטאג און ביינאכט האט ארום איהם געברילט פון חיות רעות, צווישען די בוימער איז געווען א רעש'נדיג פליהעריי, לאַ־כעריי, געיאגעריי, ער האט זיך אבער נישט אומגעקוקט און ווייַ־טער געלערענט. — א פאר מאל איז איהם עפעס געפלויגען אי־

בער׳ן קאפ, וואס אמאל נידעריגער און נידעריגער, געקלאפט מיט די פליגעל, עפעס געקראקעט, ער האט אפילו קיין אויג נישט אויפ־געהויבען... מעהרסטענטיילס איז ער מיט פארמאכטע אויגען גע־גאנגען און איינגאנצען איינמאל — דורך א פרעמדע מחשבה, וואס האט זיך איהם מיט געוואלד אריינגעריסען אינמיטען גמרא אריין, זיך אנגעשלאגען מיט׳ן שטערן אן א בוים. ער האט זיי א צייכען געוויזען. פארטאג נאר האט ער געהאט גובר צו זיין גרויסע מניעות — די פייגעלעך מיט זייער שירה! עס ווערט אזא געשריי, א גע־ליארם!... נאר מען איז איהם בייגעשטאנען (ער ווארפט א דאנק־בארען בליק צו די תלמידים) און די פויגעל־שירה האט איהם נישט שטארק מבלבל געווען... א פאר מאל האט זיך עפעס א טייבעל פאר די פיס פארוואלגערט, האט ער זיך אפגע׳טובל׳ט און ארי־בערגעגאנגען. טיילמאל האט ער קיין ערד נישט געפיהלט אונטער די פיס, נאר געגאנגען איז ער — מען האט׳ן ארויסגעהאלפען (ווייטער א דאנק די תלמידים מיט א ליעבליכען בליק).

איינמאל איז ער אבער נישט ארוים מיט גרויס נצחון... אין זיבען טעג נאכ׳ן ארויסגעהן פון ארט... ער איז געקומען צו אן ארט. וואו דער וואלד איז מקטיר זיין קטורת צום רבונו של עולם... עס זענען ארויסגעפלויגען ריחות, עס האבען זיך ממש געהוידערט בשמים, זיי האבען זיך איהם איינגעזאפט דורך אלע אברים, און ער איז אפגעשוואכט געווארען, דאס לערנען האט זיך איבערגע־ריסען („צי האט איהר גראד דאמאלט נישט מבטל תורה געווען, קינדער״), איין בורא עולם ווייסט, צו וואס ער וואלט געקומען, ווען נישט, וואס עמיצער האט זיך באוויזען אין פריצ׳ישע קליי־דער, אויף א פערד, און האט איהם דערלאנגט מיט עפעס א ווייכס איבער די אקסעל... דאס האט איהם אויפגעוועקט...

און אזוי ווייטער, ביז׳ן שטאדט אריין.

---

אז ער איז אבער געקומען צו דער שטאדט, האט זיך דער קול ווי איבערגעבראכען, טיילמאל הייזעריג געווארען. די אויגען האבען טרוקען געברענט און איבער די פרושים׳ס פנים׳ער איז געלאפען זיין הייסער אטעם — —

— טאקע סדום ועמורה! — קרעכצט דער ראש־ישיבה — פון מיר צו מיר איז ער געגאנגען — קיין רעכטער ביסען!

רבנים — רבונו של עולם — רבנים! ארבייטען מיט דער תורה, ווי מיט א האק... זיי ארבייטען מיט איהר טאג און נאכט, ביז זי ווערט שטימפיג, און זיי שארפען זי נישט... פרעסען אויף חתונות, ברית'ן און אלערליי סעודות און פסק'נען פון „חיי־אדם"... דער פראסטער עולם איז פארגרעבט, קינדער געהען ארום אהן תורה, אהן עברי... די בעלי־בתים — רחמנא לצלן — פרעסער און זויפער און וואכערניקעס... מען טרעט די תורה מיט די פיס... וויי־בער אין די אייגענע האר... יונגען געהען ארום און פייפען, די מיי־דען לערנען זיך קלעזמער זיין און שפילען אויף אלע כלים...

און ער זאמעלט די זינד און פארשרייבט זיך אין זכרון, סוף כל סוף וועט ער געהן אין בית־המדרש און וועט זיי זאגען, הייסע סמאלע וועט ער זיי גיסען אויף די קעפ...

צולעצט אבער האט ער גאר אויף א מאוס'ע זאך געטראפען...

ער איז ארויסגעגאנגען התבודדות אין גאס און אויסגעלעגט זיך אין קאפ די חטאים, און פון אויבען באשמירט יעדען חטא מיט זיין עונש אין גיהנום, פלוצים גיט איהם א בליץ פאר די אויגען... צוועלף ליכטיגע פענסטער מיט אמאל... א סעודת מצוה צי וואס?... ער געהט אריין... א וואלקען רויך, ער זעהט גארנישט... ארויס שלאגט א ליכט פון שבעת הימים און אינעווייניג אז ענג כבד... עס בייסט זיך די אויגען... צו וואס אבער געוועהנט זיך נישט א מענש?... ער האט אנגעהויבען צו זעהן...

און דער ראש־ישיבה פארברעכט די הענט, צוואוויינט זיך. ווי א קליין קינד און דערצעהלט, וואס ער האט געזעהן...

געפרעסען און געטרונקען האבען זיי, ביי קליינע און גרויסע טישלעך געזעסען... און זכרים און נקבות צוזאמען... און געגעסען אומגעוואשען, אויפגעשטאנען אומגעבענשט... אויפ'ן ארט פון תורה — נבול פה גערעדט, און אויף אלערליי לשונות, וואס ער האט גארנישט פארשטאנען, נאר אין די זינדיגע אויגען געלע־זען... חלשות'דיגע חצופות מיט'ן גאנצען פאסקודסטווע אינדרוי־סען האבען ארומגעטראגען שוימענדיגע קופעל ביר, גלעזער וויין... דער רויך איז געווען פון פאפיראסען מיט ציגארען, אפילו ווייבער האבען גערויכערט, און פון דאמפענדיגע מאכלים—אינדרי־

קעס, גענז, קאפּהענער און אנדערע — אוראי עופות טמאים... דאס האבען אויך מיידען ארומגעטראגען... און איינער גיט זיי א קניפּ, דער צווייטער א כאפּ אויף דער שוים, דער דריטער א טשמאקטש אין באק... רבונו של עולם, רבונו של עולם... ווילסט טאקע כולו חייב?

און די פרושים האבען אראפּגעלאזט די אויגען און געזיפצט און דער ראש־ישיבה דערצעהלט ווייטער:

דערנאך האט עפּעס א קונצען־מאכער קונצען געמאכט, אין לופטען געפלויגען, דורך רייפען, פייער געשלונגען און גלאט חוזק געמאכט — אריבערגעשפּרונגען א שטרוי וכדומה, און דער עולם לאכט, קוקט און פּאטשט מיט די הענט, און זינגט עפּעס אזוינע פּאסקודנע שירים. תיפלות רחמנא לצלן... און דאס הארץ וויינט אין מיר... רבונו של עולם, די שעהנע קולות, וואס דארפען דיך לויבען, וואס טוען זיי? און אין דער זייט איז געשטאנען א מין קאסטען, א גרויסער שעהנער קאסטען, אודאי פון פּימסענהאלץ... און פון פּארענט זענען געשטאנען צוויי מנורות, רעכטס א מנורה און לינקס א מנורה מיט אנגעצונדענע ליכט... און פּלוצים איז איינע, א חצופה, צוגעגאנגען, אנגעטאן, ווי אין תכריכים, די ווייסקייט האט געבלענדט... און זי איז צוגעגאנגען, גענומען א שטיק קאסטען און אנגעהויבען קלאפּען אין קאסטען אריין מיט לאנגע פינגער, און פון קאסטען ארויס האבען אנגעהויבען ארויס־צימבלען שדים ורוחות, און עס האט געצימבעלט און געקלונגען, טיילמאל ממש גערונערט, טיילמאל האט עפּעס ארויסגעוויינט, ווי א נשמה בעט זיך תקון — — — זעה איך שוין, וואס דא טוט זיך, ווי דער כשוף געהט! לויף איך אין דער מיט אריין, כאפּ א בענ־קעל, שפּרינג ארויף מוסר זאגען — צושמעטערען..

די שטימע פון ראש ישיבה האט זיך ווייטער אפּגעבראכען, און מיט נאך א גרעסערען געוויין האט ער צוגעגעבען:

— ווייס איך נישט, צי איך האב א שלעכטען שפּרונג גע־טאן — ווארים ווען שפּרינג איך? — צי איז דאס בענקעל לאם געווען — — —

אראפּגעפאלען בין איך...

און דאס גאנצע גיהנום איז אויפגעשפּרונגען און עס ווערט

ווייטער א געפּאַטשעריי... די רשעים האָבען געמיינט, עס איז ווייטער א קונצען־מאַכער, וואָס פאַלט פאַר חוזק וועגען..

איינע פון די חצופות אָבער האָט געזעהן, אַז עס איז נישט קיין כשוף מאַכען..

און דער ראש־ישיבה צוגיסט זיך שוין מיט געוויין:

און זי איז צוגעגאַנגען, און האָט מיך אויפגעהויבען, און האָט מיך מיט די פאַסקודנע פינגער געגלעט איבער׳ן פנים און האָט מיך מיט א פאַסקודנע זינגענדיג פויגעל־קול געפרעגט, צי האָב איך מיך, חס־ושלום נישט עפּעס געטאָן, און אַז איך האָב א שעהנע באָרד, און אַז אַלטע לייט האָט זי ליעב...

און זי האָט מיך, רחמנא לצלן, מטמא געווען, דער מוסר איז מיר פון קאָפּ אַרויס... איך בין אַנטלאָפען אין וואַלד, ש״י טבילות געמאַכט, איך האָב מיך געבאָרעט אפילו מיט׳ן שם, ער זאָל מיך אַריינלאָזען..

און ער וואַרפט אַן אומגליקליכען בליק אויף די תלמידים:

— אפשר האָט איהר פאַר מיר נישט ערנסט מתפּל געווען?

נאָר די תלמידים האַלטען אַלע אַראָפּגעלאָזען די קעפּ און שווייגען... די פּנים׳ער זענען געדרויטעלט, א פּנים בושה..

— בין איך צוריק געקומען — ענדיגט דער ראש ישיבה — היינט, קינדערלעך איז שפּעט... וועלען מיר געהן שלאָפען אין די היילען. מאָרגען, נאָר מאָרגען פאַרטאָג וועל איך אייך וועקען — אהין געהן וועל איך שוין נישט, ניין — צו דעם דאַרף מען פאַרצייטיגע צדיקים... נאָר דאָ וועלען מיר מאַכען תקונים, סגופים... תפלות... מוירען וועלען מיר ברעכען..

---

צומאָרגענס אָבער איז אויסער דעם ראש־ישיבה שוין קיינער נישט געווען..

אומזיסט האָט ער גערופען און געוועקט... דער עולם איז ביינאַכט אין שטאָדט אריין..

און אַזוי איז די ישיבה בטל געוואָרען..

עס קאָן, חס־ושלום בלייבען ביי אונז כולו חייב...

# דער חשוב ביים קאַנאַניק.

**חשיבות איז דאך א גרויסע זאך.**

דער רבונו של עולם באשאפט די רפואה פאר דער מכה: האָט ער באשאַפען גלות, האָט ער באשאַפען די מטבע, וואָס פארגרינגערט דעם גלות און האָט צובאשאפען חשיבות, וואָס העלפט אפילו ביי א נקי כפים.

נושא חן דארף מען זיין!

אָט מיין מאמע, עליה השלום, האָט נושא חן געווען ביי אונזער קאנאַניק... פון אייביג אָן האָבען מענשען מיילער, האָבען זיי גערעדט. אידישע מיילער וועט קיינער נישט פארשטאָפען, נאָר אזא יאָהר זאָל איך האָבען, ס'אָרא כשר'ע אידענע מיין מאמע איז געווען...

און וואָס איז ארויסגעקומען פון חשיבות?

ערשטענס פרנסה: צום קלויסטער, וואו דער קאנאַניק איז קאַנאַניק, געהערען ביי אונז צוועלף געוועלבער, האָט די מאמע, עליה השלום, געהאלטען איין געוועלב פאר זיך, און עלף האָט זי פארדונגען, און האָט, פארשטעהט זיך, דערצו נישט צוגעלעגט. היינט, זייט די מאמע, עליה השלום, איז נפטר געוואָרען, האלט איך די געוועלבער!

און איך טו אויך אזוי: איינס האַלט איך פאר זיך, עלף פארדינג איך.

פאַרשטעהט זיך, אז דער עולם שווייגט נישט; יאָהר ביי יאָהר, אז עס קומט פאר יאָהאנע, באוואַרפט מען דעם קאנאַניק מיט בריף, מיט הספות, נאָר ער ענטפערט נישט קיינעם. אז מען קומט צו איהם אהיים, אָדער, אז מען פאַלט צו איהם צו אין גאַס — א פּראָסטער מענש איז ער — לאָזט ער צו זיך רעדען — ענט־

פערט ער : פארפאלען ; דבורה'ס זוהן האט שוין א „הייזאווקע"— מיין מאמע, עליה השלום, האט געהייסען דבורה רחל, זאגט ער בקצור דבורה, און „הייזאווקע" איז אונזער „חזקה" ; אז זיי נעמען ביי אונז א ווארט, מאכען זיי דערפון קוידערניש !

מען האט אפילו פרובירט אונטער'מסר'ן, שרייבען צום בים־קופ, איז אבער ביי זיי, להבדיל, א ח ד ו ת, ענטפערט דער ביסקופ א ווארט און שיקט אפ צום קאנאניק !

מען האט נאך דערנאך געפרואווט אונטערהעצען די „מיעש־טשאנעס". היום, דער קאנאניק מאכט בדיל הדל דעם קלויסטער, און מען האט אויך נישט גע'פועל'ט. ביי זיי, אז מען איז, איז מען, מישט זיך נישט ווער עס וויל אין רעליגיעזע זאכען. ווען מען הייסט מאכען חאגע, איז חאגע, און וואס דער קאנאניק טוט, קומט איהם א קוש אין האנט אריין.

אינזערם א רב, להבדיל אלף אלפי הבדלות, וואלט עס גע־דארפט טון ! מען וואלט איהם אהן בארד און פאות אוועקגעשיקט וואו דער פעפער וואקסט !

בא ! זאל ער פרואווען האלטען אזא גאספאדיניע, ווי מיין קאנאניק האלט !

הכלל, מען האט פרנסה !

נאר פרנסה איז נישט דער עיקר. קודם כל איז פרנסה א גאט־זאך, און וואס טו איך, אז דער קאנאניק נעהמט אוועק פון דער וועלט ? ער איז א זיבציגער און אפשר אן אכציגער. נו, מיינט איהר די וועלט וועט אונטערגעהן ? איך האב נאך אזויפיעל בטחון אין זיין ליעבען נאמען, אז איך וועל אפילו קיין איבעריגען קרעכץ נישט געבען — דער עיקר איז, די טובה, וואס מען קאן אמאל טון א איד, אז מען איז א חשוב !

אויסרעכענען די טובות, וואס איך האב געטאן דער שטאדט און אזוי איינצעלנע בעלי־בתים ביי מיין קאנאניק, בין איך נישט אימשטאנד, און בטבע האב איך מיך פיינט צו באריהמען, נאר פון

איין טובה מוז איך איך דערצעהלען, ווייל עס האט שוין אנגע־ריהרט גאר טיף, גאר טיף!
און הערט, וואס עס קאן זיך טרעפען:

---

א אידענע האב איך, זאל זי געזונט און שטארק זיין, איז זי באמת א גרויסע חכמה, טאקע קלוג, ווי דער טאג. עס איז דאך נאריש, אין די אויגען אריין וועל איך איהר דאס נישט זאגען; אין די אויגען צריין, ווער שמועסט אויב עמיץ איז דערביי, בין איך דער מאנספארשוין, האלט זי דאס מויל! איך האב פיינט, אז א אידענע געהט אין ספאדיק! נאר איך מעג דאך אייך זאגען: זי וועט נאר צעהן מאנספארשוינען אריינגארטן אין זאק אריין!

א שפאס, מיין טריינע ביילע!

שטעהען מיר, איך און טריינע ביילע, אזוי אין געוועלב; א זומער־טאג איז עס געווען. לייזען אין שניט־אויט האט זיך נישט געלייזט, מען זעהט נישט קיין פויער פאר א מיליאן, — שטעהען מיר אזוי און קוקעןביידע אין גאס אריין, קעגענאיבער צום קא־נאניק'ס הויז.

פלוצים כאפט מיך טריינע ביילע אן ביי דער האנט.

— הערסט דו — זאגט זי — משה, ביים קאנאניק איז נישט פשוט! דארט טוט זיך עפעס.

— וואס איז?

— ערשטענס, — זאגט זי — זענען די פארהאנגען אראפ־געלאזט.

זאג איך: פאר דער זון.

זאגט זי: ניין, נעכטען איז אויך א הייסער טאג געווען און די פארהאנגען זענען געווען צושפרייט, מען האט געקאנט זעהן, ווי די דיקע גאספאדיניע איז ארומגעגאנגען בארוועס און האט זיך געפאכעט און געפאכעט.

— און די פענסטער — זאגט זי — זענען פארמאכט.

זאג איך: פאר'ן שטויב.

— נעכטען — זאגט זי אבער — איז א גרעסערער שטויב גע־ווען, און די פענסטער זענען געשטאנען אפען!

— חכלל, וואס איז?

האט זי אבער, מיין טריינע ביילע, נאך געזעהן, ווי וואס אמאל באווייזט זיך די גאספאדיניע אויף דער שוועל, האלט היגטער זיך די טיר, קוקט זיך אום אין אלע זייטען און ווערט צוריק פאר־שוואונדען.

— זי ווארט אודאי אויף געסט — זאג איך.

זאגט זי: ניין, עס שטעקט עפעס דערינען!

זאג איך איהר: עס, וואס א נארישער אידענע פאלט איין!

פונדעסטוועגען געה איך צו צו דער טיר פון געוועלב, שטעל מיך אויף דער שוועל, די גאספאדיניע באווייזט זיך, כאפ איך אראפ די בובע, שריי איהר אריבער „גוט מארגען". פארשטעהט זיך, אויף פויליש, און זי ענטפערט מיר נישט קיין ווארט, פאר־שווינדט און פרעלט צו די טיר.

טוט עס מיר שוין א פיק אין הארץ; טריינע ביילע, אפנים, איז געטראפען.

איז'ן איז זי בטבע א שטילע, דרך ארץ פאר א מאן האט זי, ענטפערען וועט זי נישט, נאר געטראפען, זעה איך שוין, איז זי.

טוט מיר שוין באנג, וואס איך האב איהר געזאגט נארישע אידענע, צי אפשר שלים־מזל'ניצע, איך געדענק שוין אליין נישט וואס; נאר מילא, איך וועל מיך דאך נישט געהן פארענטפערען פאר א אידענע, הויב איך מיך אויף און געה אין גאס אריין.

אפשר, קלער איך, ווייס מען עפעס אין גאס.

אין איינוועגס רינגעל איך ארום דעם קאנאניק'ס הויז און דערזעה, אז אויף יענער זייט, ביי דער קיך, שטעהט א פוהר. די פערד זענען פארשוויצט, ווי פון א שווערען וועג, שטעהען אונטער דערעס און קייען פריש היי.

דערקען איך די פערד. דאס זענען דעם וואלקאוויסקער — א דארף ביי אונז — דעם וואלקאוויסקער שרייבערס פערד.

דער שרייבער קומט אפט אין שטאדט אריין, פארפאהרט צו מיר און קויפט סחורה (א צאהלער איז ער אויף אלע שונאים געזאגט!); טיילמאל קומט ער צום קאנאניק און ברענגט איהם מתנות: אייער, פוטער, הינער, אינדיקעס און גענז. אמאל האזען אויך, — דער שרייבער נעהט אויף „פאלאוואניע!".

נו, הכלל — איז ער היינט פארפאהרען צום קאנאניק, האט

ער מתנות געבראכט, נו, וואס־זשע איז דער סוד? וואס הענגען אראפגעלאזט די פארהאנגען און וואס איז די גאספאדיניע אזוי פאר מיר אנטלאפען?

שטעל איך מיך אפ און ווארט אויפ'ן שמייסער.

קומט ער ארויס פון קיך, ווישט זיך מיט'ן ארבעל דאס מויל. אודאי נאך א פעט שטיקעל כשר פלייש, ווי דען! און איך פרעג איהם: יאנטעק, וואס טוסטו דא?

איך קען איהם, דעם יאנטעק'ן. אז דער שרייבער קויפט און נעהמט ארויס אויף דער פוהר, באקומט ער א טרונק בראנפען, צו אזוי א מטבע!

היינט פארריקט יאנטעק די כובע. ער האט גאר קיין צייט נישט צו מיר!

איך לאז מיך פארט אריין מיט איהם אין א שמועס.

— וואס האט איהר געבראכט דעם גלח?

שווייגט ער.

— א מתנה?

ער שווייגט.

— אייער, אינדיקעס, האזען, פוטער?

יאנטעק שווייגט און דרעהט זיך אוועק.

אינמיטען ווערט ער גאר בייז און כאפט די בייטש.

— נעהסט נישט אוועק? — מאכט ער.

עס פארדריסט מיך אפילו, איך זאל נישט קענען אויסנארען ביים „חמיל" וואס איך דארף; נאר וואס זאל איך טון? געגען א בייטש און א הונט בין איך קיין בריה נישט!

לאז איך מיך טאקע אין גאס.

טרעף איך דעם וואלקאווישקער שרייבער ארויסגעהן פון א טראקטיר.

ער וואקעלט זיך אביסעל. אט, אט, טראכט איך, פאלט ער, דער דראנג; ער איז טאקע הויך און דאר, ווי א דראנג... און די אויגעלעך, ווי מאנדעלעך זענען שטארק פארלאפען.

הויב איך פאר איהם אפ דאס היטעל און פרעג, צי ער האט געבראכט דעם קאנאניק א שעהנע מתנה.

זאגט ער: זעהר א שעהנע.
און שמייכעלט זעהר גנב'יש: זעהר א שעהנע!!
פרעג איך איהם: וואס? צום עסען?
זאגט ער: ניין!
— צום טרינקען?
לאכט ער ווייטער: ניין!
זאג איך: עפעס ארייננצושטעלען אין שטוב אריין?
קוקט ער מיך ווייטער אן פון אויבען ביז אראפ.
— יא, — זאגט ער — אין שטוב, נאר עס מוז נישט שטעהן. אמאל, בפרט ביינאכט, ליגט עס.
און צולאכט זיך מיט א געלעכטער:
— אוי, ביסט דו א נאר, שמואל'יק!
מילא, לויף איך צוריק צו זוגתי אין געוועלב און דערצעהל איהר אלץ, מלה במלה.
ווערט זי רויט און בלאס און גיט א פרעג:
— לייבעל ווילקאוויסקער האט א טאכטער?
— דאכט זיך — זאג איך — יא!
גיט זי א געשריי: איז זי ביים קאנאניק!
און אזוי ווי זי שרייט ארויס, ריהרט מען דעם פארהאנג ביים קאנאניק'ס פענסטער און איך דערזעה מיט מיינע אייגענע אויגען א שאטען פון א נקבה, וואס דרעהט זיך ארום אין שטוב.
און איך בין זיכער, אז עס איז נישט די גאספאדיניע!
ערשטענס, איז דער שאטען א דינער געווען; צווייטענס, טראגט די גאספאדיניע שטענדיג א טיכעל אויפ'ן קאפ, און דא האב איך דערזעהן בלויזע האר.
אז בלויזע האר איז עס דאך א מיידעל, און ווייסען ווייס איך, אז לייבעל ווילקאוויסקער האט פון ערשטען ווייב א מיידעל חתונה צו מאכען — ווערט מיר טאקע פינסטער אין די אויגען! ערשטענס, לייבעל, נעבעך, א גוטער פריינד, אפילו א שטיקעל קרוב, צווייטענס — א אידישע נשמה.
לויף איך גלייך צו שמעלקען דעם אייער־הענדלער.
— האט איהר נישט ביי זיך א טרונק בראנפען?
— לחיים, לחיים!
ס'איז מיר שוין טרוקען געווארען אין האלז.

יאָ, וואו האַלט איך?

בין איך געלאָפען צו שמעלקע אייער־הענדלער.

שמעלקע אייער־הענדלער קענט איהר דאָך אודאי, כל טוב־רע איז ער, דער שמעלקע, א זולל וסובא, א שטיקעל מסר דערצו און איז שוין דריי מאָל געזעסען, נאָר דאָס ווייב זיינס, שפּרינצעביילע, איז אַן אמת׳ע אשה צנועה, טאָקע א כשר׳ע אידענע און ליידט זיך פון איהם אַן צרות צרורות... א נהינום האָט זי ביי איהם.

און די שפּרינצע ביילע איז מיין ווייבס א „שמעלקע שבשמעלקע“ און לייבעל ווילקאָווימקער גאָר א נאָהענטע קרובה, א שני בשלישי, דאַכט זיך. פון וואַנען דען, מיינט איהר, קומט מיין משפּחה׳שאַפט מיט לייבעל ווילקאָווימקער?

קלער איך, אז אויב עס איז עפּעס, מוז מען שוין ביי שמעלקען וויסען.

וכך הוה. עס איז שוין א שליח מיוחד געוועזען! מילא, שמעלקע איז דאָך שמעלקע, זיצט ער זיך ביים טיש און טרינקט טיי. נאָר א פּנים האָט ער געהאַט, אויף אַלע שונאי־ציון. שפּרינצע ביילע אָבער, טאָקע שענערע לעגט מען אין קבר אריין! נאָר חלש׳ן וויל זי! און איך האָב איהר נישט וואָס פאַראיבעל צו האָבען. מען האָט א זוהן צו דער חופּה, א מיידעל וואַקסט אויך אונטער, נאָכ׳ן מיידעל געהען ווייטער אינגלעך! איז ווענינ „יחוס עצמי“ פון שמעלקען, דאַרף זיך נאָך טרעפען אַזאַ מעשה!

און אז שמעלקע דערזעהט מיך, שפּרינגט ער אויף:

— הערסט, — זאָגט ער, און א קול האָט ער ווי פון גרוב ארויס — הערסט, געה צום קאַנאַניק, זאָל ער זי ארויסלאָזען!

עס איז לייכט צו זאָגען: געה צום קאַנאַניק, ווי אַזוי געהט מען, אז מען פאַרהאַמערט זיך?

— איך גיב א הונדערטער אויפ׳ן קלויסטער! — שרייט שמעלקע.

— מילא, — טראַכט איך, — איך וועל פּרואווען.

— נאָר שטיל — זאָגט ער.

שטיל איז שטיל, איך וועל אפילו בייטאָג נישט אריינגעהן.

איך לאָז מיך אין בית־המדרש אריין, לערען מיר א פּרק משניות, און דאַווען מיר אָפּ מנחה און פאַר מעריב לאָז איך מיך צום קאַנאַניק.

אויפ'ן וועג טרעט איך אפ אין געוועלב, נעם אונטער דער פאלע א טערקיש טוך — נהרג ווערט זי דעם קאנאניק'ס גאספא־דיניע פאר א טערקיש טוך — און געה!

איך געדענק אפילו נישט, צי איז דאס מיין איינפאל געווען מיט'ן טערקישען טוך, צי טריינעביילעס. נאר געטראפען מיט'ן טוך האב איך.

ביי דער שוועל האט זי מיך געוואלט פארהאלטען.

„דער קאנאניק איז נישט אין דער היים."

זאג איך: איך האב איהם יא געזעהן דורכ'ן פענסטער.

זאגט זי: ער איז מיד.

זאג איך: אויף מיין ווארט, א נויטיג געשעפט, און ווייז איהר דאס טערקישע טוך.

לאזט זי אריין.

דער קאנאניק איז זיך געזעסען אין דער ערשטער שטוב ביים טיש, מיט א לאנגער אנטיפקע אין מויל און האט זיך געזופט טיי; און דער קאפ זיינער שאקעלט זיך איהם אזוי און שאקעלט זיך, און ער הערט נישט, אז איך בין אריינגעקומען.

זאג איך איהם: גוט נאווענט!

דרעהט ער זיך איבער און זאגט: גוט יאהר, מיין קינד!

אזוי איז ביי זיי דער מנהג, יעדער גלח איז א פאטער און אלע פון זיין קלויסטער זענען זיינע זיהן, צי וואס — גארנישט. זיהן זאל זיין זיהן.

בעט ער מיך זיצען און שמייכעלט.

— ווילסט זי ארויסנעמען?

איך זאג איך, א שטיין איז מיר אראפ פון הארצען. איך האב מיר געבראכען דעם קאפ און אפילו זיך מתיעץ געווען מיט טריינע ביילע'ן פון וואס מען הויבט אן, פון פרנסה צי פון פא־ליטיק און ווי אזוי מען שלאגט זיך דערנאך צו צום עסק און ער פשוט: ווילסט זי ארויסנעמען? פרעגט ער.

— מן־הסתם, זאג איך, יא.

און בין נאך מטעים די זאך, אז איך האלט איהם פאר א קלוגען, וואס גלויבט נישט אין די אלע נארישקייטען... און וואס דארף ער אויף דער עלטער, מיט איין פוס אין קבר אריין, צו טון לייבעל ווילקאוויסקער אזא עולה! און דאס מיידעל, זאג איך איהם,

וועט אויך אודאי חרטה האבען, און לאז מיך אריין אין א שמועס, אז אלע האבען דאך איין גאט, נאך וואס, נאך וועןְ? וכדומה, גלעט ער מיך מיט א שמייכעל איבער'ן היטעל און ווייזט מיר אן אויף דער טיר אין דער צווייטער שטוב אריין. דאס הייסט, געה, רעד מיט איהר.

פרעג איך פונדעסטוועגען: מעג איך?

שאקעלט ער מיט'ן קאפ אויף יא.

און אויב זי וועט באשטעהן — זאגט ער — גנב'ע זי ביינאכט ארויס. נאר שטיל! עס זאל הייסען, זי איז אנטלאפען! ווארים די מעשצאנעס וועלען דיך צורייסען.

און איך הער איהם מיט איין אויער, איך שטעה שוין אויף דער שוועל, און איידער איך עפען די טיר, טראכט איך מיר:

רבונו של עולם, זיי דו מיט מיין צונג! לערען דו מיר, וואס צו זאגען, איך זאל טרעפען צו איהר הארץ!

און ווי איך טראכט אזוי, קריג איך פלוצים א גרויסען בטחון, אז פריהער גאט און דערנאכדעם איך, וועל זי ראטעווען, און איך גיב אן עפען אויף די טיר, און ווי זי דערזעהט מיך, גיט זי א גע־שריי: גוואלד! אז די פיס האבען אנגעהויבען אונטער מיר צו ציטערען!

איך מאך מיר אבער נישט דערפון און געה גלייך צו איהר צו.

---

די טיר האב איך הינטער זיך פארמאכט; וואס דארף ער דארט צוהערען, וואס איך וועל איהר זאגען? טאמער וועל איך רעדען אויף זיין אמונה.

און צו איהר ווינק איך: שא, שא!

— איך וועל דיר, זאג איך, חס ושלום, גארנישט טון, עס וועט דיר, חס ושלום, קיין האר נישט געקרימט ווערען!

זעהט זי דאך, אז איך רעד מיט איהר ווייכע דבורים, און קיין פנים פון קיין גזלן האב איך אויך נישט, פארשווייגט זי און זעצט זיך אוועק. קוק איך אזוי אויף איהר, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן־זיבענצעהן, מילך און בלוט, און זי זיצט אזוי פאר מיר און לאזט אראפ דעם קאפ און פינטעלט, זעה איך מיט די אויגען,

און האלט זיך איין מיט אלע כוחות נישט ארויסצולאזען קיין געוויין.

„סימן טוב ומזל טוב,“ טראכט איך מיר. איך וויל דאך אבער דאך וויסען אין וואס עס געהט, הויב איך ווייטער אן מיט ווייכע דבורים.

איך בין דיינס א קרוב, זאג איך, דיינס א נאהנטער קרוב (פאר אזא ליגען וועט מען מיך אויף יענער וועלט ניט הענגען ביי דער צונג), האב איך, זאג איך, טאקע רחמנות אויף דיר.

א יונג מיידעל, זאג איך, א נאריש מיידעל, פאלט איהר עפעס איין, טוט זי, דערנאך רייסט מען פון זיך שטיקער.

הויבט זי אויף מיר די אויגען מיט אזא מין צער, מיט אזא פחד'יגען צער, אז עס נעמט מיך ביים הארץ.

וואס קאן דאס זיין? קלער איך.

— צי גלויבסט דו טאקע, אז יענעם איז בעסער?

שאקעלט זי דעם קאפ אויף ניין.

— האסט דו זיך, חס ושלום, אין איינעם פון זיי פארליעבט? היינטיגע צייטען, טראכט איך, איין איך אין דארף.

ווייטער ניין.

— מען האט דיך ארויסגע'גנב'עט?

— אויך נישט.

— וואס דען?

וויינט זי בדמעות שליש, און דערצעהלט מיר אזא מעשה:

א שלעכטע שטיף־מאמע האט זי.

צרות צרורות האט זי כון איהר.

קיין גלייך ווארט האט יי נאך נישט געהאט פון איהר.

און דאס ברויט האט זי :אהאלטען, פארשלאסען דאס ברויט און דאס מיידעל האט געהונג ט! און לייבעל — גארנישט!

וואו זענען זיינע אויגען, עווען, ווייס איך נישט! א כלה־מיידעל, האט מען זי געלאזט ארומגעהן נאקעט און בארוועס, קיין פריש העמד אויף שבת נישט ארויסגעגעבען! סוכות, פסח — פאר קיין גראשען נישט געמאכט.

און וועגען א תכלית קלערט מען גארנישט.

צוויי זיהן און א טאכטער האט ער חתונה געמאכט: לייבעל איז, קיין עין הרע, א איד אן עושר, געגעבען צו טויזענט רובעל

נדן, לייטישע חתונה־קליידער געמאכט — נאר דאמאלט האט נאך א מאמע געלעבט! היינט דערצעהלט זי, נעבעך, אז עס קומט א שדכן, — דער פאטער איז פאריאגט, שטענדיג אויף פערד און ביטקע — שאפט איהם די שטיף־מוטער אפ מיט גארנישט! גיט איהם א טרונק בראנפען און געה ווייטער!

איינמאל האט זיך געטראפען אזא מעשה:

די שטיף־מאמע האט איהר דערלאנגט אין באק.

איינמאל און דאס צווייטע מאל, א פארביטערט הארץ האט דאס מיידעל געהאט, האט זי איהר אפדערלאנגט.

ביינאכט, אז לייבעל איז אהיימגעקומען, אויסגעהערט פון דער שטיף־מאמע די מעשה פון איהר צד, אזוי ווי זי האט דער־צעהלט; דאס מיידעל איז שוין געלעגען אין בעט, פרעגט ער זי נישט איבער, רעדט נישט קיין ווארט, געהט צו צו דער שוועל, טוט אוים א שטיוועל, געהט צו צום מיידעלס בעט און הויבט אן שלאגען! און נישט מיט דער כאליעווע, נאר דוקא מיט דער צוויי־טער זייט, און וואו ער האט געטראפען.

דאס מיידעל האט עס איבערגעקרענקט.

און אז זי האט דערזעהן, אז דער פאטער האט אויך אויף איהר קיין רחמנות נישט, וועגען א תכלית קלערט מען נישט, איז איהר איינגעפאלען — שמד'ן זיך! פארטרויט האט זי זיך פאר'ן שרייבער, וואס פלעגט אריינקומען צו לייב'ן, און ער האט זי אהער געבראכט.

און אזוי רעדענדיג, פאלט איהר ארונטער דער קאפ, עס ווערט איהר, לא עליכם, נישט גוט, זי הויבט אן חלש'ן...

וואס האט זיך ארויסגעוויזען? אז זי האט פון נעכטען נישט געגעסען! דאס הארץ האט איהר געזאגט, אז זי איז נאך נישט פארפאלען, אז גאט קאן איהר נאך העלפען, און זי האט נישט טועם געווען נישט ביים שרייבער, נישט ביים קאנאניק, קיין פת־עכו"ם, אפילו קיין ביסעל ווארעמע וואסער אין מויל נישט געהאט.

ברענג איך איהר א גלאז וואסער.

מילא — זעה איך דאך מיט ווערמען איך האב צו טון, מיט א כשר קינד! א אידישע טאכטער, זי זוכט, נעבעך, א תכלית — גיב איך איהר מיין עהרליך ווארט און שווער איהר ביי די ציצית,

אז אויב זי וועט זיך לאזען ארויסנעמען, מאכט מען איהר חתונה כיד המלך.
פאלט זי מיר צו די פיס און הויבט מיר אן קושען די שיך.

---

פון וואנען, מיינט איהר, פאהר איך אצינד?
פון מיידעלס תנאים.
באותו הלילה האט מען דאס מיידעל ארויסגעצויגען דורך א פענסטער; איך האב זי גלייך אפגעפיהרט צו שפרינצעביילע. לייבעל מיט זוגתו זענען דארט געווען.
וואס זאל איך אייך זאגען?
האט דער איך געטאנצט פאר שמחה! האט דער איך געגא־סען מיט הייסע טרערען פאר פרייד, האט די שטיפ־מאמע געכאפט דאס מיידעל און געהאלזט און געקושט און טויזענטער מאל די הענט איהר געקושט. און שפרינצע ביילע האט אפגעקאכט א וועטשערע, אבער א וועטשערע!
וואס זאל איך אייך זאגען — שמחת בית השואבה!
און ווארט האב איך געהאלטען.
באותו הלילה האט לייבעל איינגעלעגט ביי מיר א שטר חוב קוויטעל אויף צוויי טויזענט קארבוינים, צוזאמען נדן מיט הוצאות החתונה, און בגדים, ווי עס דארף צו זיין, צוגעזאגט קעסט. די שטיפ־מאמע האט אוועקגעגעבען איהר גאנצע צירונג, שמעלקע האט איינגעלעגט ביי מיר הונדערט רובעל, וואס ער האט געוואלט געבען אויף ווייס איך וואס, פאר דער כלה דרשה־געשאנק —
און מען איז אהיים געפאהרען — איין לעבען —
און היינט זענען די תנאים געווען, שעהנע תנאים, אן אמת'ע שמחה! און א וואוילער חתן!
פארשטעהט זיך פון ווייט, פון טיף רוסלאנד ערגעץ; נאר א יונג מיט ביינער, א בן תורה אפילו — טרייגע ביילע און שפרינצע ביילע (זיי הייסען ביידע נאך איין באבען) האבען זיך נישט מיט וואס צו שעמען.
אפילו איך, ברוך השם, אויך נישט.

און דאס אלץ האט געמאכט, וואס? חשיבות ביים קאנאניק! או אנדערעו וואלט ער ריק און לענד געבראכען.

און ווייסט איהר, וואס איך וועל טון?

איך האב מיר א נדר געטאן, איך קום אהיים, געה איך נישט אין שטוב אריין, און פאהר מיר גלייך, מיט דער דראשקע דורך דעם מארק, מיין טריינע ביילע קוקט מיך אודאי אוים און וועט מאכען גרויסע אויגען, מאכט נישט אוים! איך וועל גלייך פארפאהרען צום בית עולם, געהן אויף דער מאמע, עליה השלום׳ס, קבר, און אנזאגען איהר אַ בשורה, אז ביי לייבעל׳ס טאכטער איז תנאים געווען!

און עס קומט איהר! פריהער גאט און דערנאך איהר זכות... ווען נישט זי, וואלט איך אפשר געהאט אזא דעה ביים קאנאניק, ווי איהר.

# א קלעזמער טויט.

א סקעלעט ליגט אין בעט. א סקעלעט איבערגעצויגען מיט א געלער, דארער, טרוקענער הויט; מיכל כלי־זמר שטארבט אוועק. לעבען איהם אויף א קאסטען זיצט מירל זיין ווייב מיט געשוואלענע אויגען פאר געוויין. אין ענגען שטיבעל זענען צושפרייט זייערע אכט זיהן, אלע — כלי־זמר. שטיל, קיינער רעדט נישט צום צוויי־טען; עס איז נישטא פון וואס צו רעדען. דער דאקטאר האט שוין לאנג אוועקגעמאכט מיט דער האנט, דער רופא אויך. אפילו ראובן פון הקדש, דער אמת'ער מומחה, האט אויך געהייסען שריי־בען דריי פ'ען... קיין ירושה וועט נישט זיין, די חברה קדישא וועט געבען תכריכים און א קבר, די חברה נושאים — וועט נאך ציגעבען א טרונק בראנפען... אלץ איז אפען און דייטליך, נישטא פון וואס צו רעדען. איין מירל וויל נישט זיך אונטערגעבען!... זי האט נאך אלעם ערשט אויפ'ס ניי גאר געוואלדיג איינגעריסען די שול. ציגד קומט זי ערשט פון קברים־מעסטען. זי האלט זיך איהרס — — „ער שטארבט דורך די קינדערס זינד. זיי זענען נישט פרום, הולטאיען, דעריבער נעמט זיי גאט, ב"ה, דעם טאטען צו"... „די קאפעליע פארלירט די קרוין; עס וועט שוין קיין שום חתונה קיין פנים נישט האבען, עס וועט ביי קיין איד שוין קיין אמת'ע שמחה נישט זיין."

גאטס רחמנות איז דאך גרויס. מען דארף שרייען, בעטען, וועקען! און זיי, די קינדער, די כלי־זמר־יונגען, „האבען גאר קיין רחמנות נישט, געהען אהן לייבצודעקלער..." ווען נישט די גרויסע זינד, האט זי א פעטער—א שוחט אין הימעל; ער מוז דארטען זיי־ גאר דאס אייבערשטע פון שטייסעל, ער וואלט איהר נישט אפגע־ זאגט! ביים לעבען, זכרונו לברכה, פלעגט ער זי שטענדיג גלע־

טען... ער איז איהר אודאי היינט אויך נישט שלעכט. ער וואלט זיך געמיהט, ער וואלט אלץ געטאן... נאר די זינד — שרייט זי — די זינד! „מען פאהרט אויף גוי'שע בעלער, מען עסט דארט ברויט מיט פוטער, גאט ווייסט וואס נאך!... אהן ארבע כנפות... ער וועט דאך נישט דורכברעכען קיין מויער... ער טוט אודאי זיינס... אוי, די זינד, די זינד!"

די זיהן ענטפערען נישט, זיי קוקען אראפ אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאך צייט! — כליפעט זי, — קינדער! קינדער! געוואלד, קינדער! תשובה טוט!

— מירל, מירל, — רופט זיך אן דער קראנקער, לאז געמאך, מירל, עס איז שוין פארפאלען, איך האב שוין מיינס אפגעשפילט, מירל. הער אויף, מירל, איך וויל שטארבען!

מירל ווערט אונטערגעצונדען!

—„א רעכטע שעהנע ריינע!... שטארבען וויל ער! שטארבען! און יעך, און מעך... ניין, איך וועל דיך נישט לאזען שטארבען, דו מוזט לעבען... דו מוזט... איך וועל אזוי שרייען, אז עס וועט נישט קאנען קומען צו יציאת נשמה!" עס זעהט אויס, אז אין מירל'ס הארץ האט זיך געעפענט אן אלטע, נישט פארהיילטע וואונד.

— לאז געמאך, מירל, — בעט זיך דער קראנקער — מיר האבען זיך ביידע שוין גענוג אנגעשאלטעןביים לעבען... גענוג... פאר'ן טויט פאסט נישט אזוינס... אוי, מירל, מירל, א י ך האב געזינדיגט, ד ו האסט געזינדיגט... נאר אן עק!... שוויג בעסער! איך פיהל בסדר, ווי דער קאלטער טויט קריכט מיר ארויף פון די שפיץ פינגער פון די פיס ביז צום הארץ, עס שטארבט א צאהל נאך א צאהל... שריי נישט, מירל... עס איז גלייכער אזוי!

— ווייל דו ווילסט מיינער פטור ווערען, — פאלט אריין מירל אין די רייד,—אוי, דו האסט שטענדיג געוואלט פטור ווערען,— וויינט זי ביטער — שטענדיג! די שווארצע פעשע איז דיר נאר געלעגען אין הארץ... דו האסט שטענדיג געזאגט, אז דו ווילסט שטארבען... וועה צו מיינע יאהר... ער טוט אפילו צינד קיין תשובה נישט... אפילו צינד... צינד...

— נישט נאר די שווארצע פעשע, — שמייכעלט ביטערליך

דער קראנקער, — עס זענען אסך שווארצע פעשעס געוועזען, און ווייסע אויך, און געלע אויך... נאר דיך, מירל, האב איך קיינמאל נישט געוואלט פטור ווערען... א מויד איז א מויד, דאס איז שוין א כלי־זמר'שע זאך... עס ציהט ווי א בלאטער, עס איז עפעס א מין טשעקאוואשטש... א ווייב איז דאך א ווייב! דאס זענען צוויי גאר אנדערע זאכען... געדענקסט, אז די שווארצע פעשע האט דיר גע־רעדט א שלעכט ווארט, האב איך זי אינמיטען גאס אויסגעטשאס־קעט אויף אלע זייטען...

— שווייג שטיל, מירעל! א ווייב איז א ווייב! אויסער,— אז מען גט זיך... אויך — טוט וועה דאס הארץ... גלויב מיר, מירל, איך וועל בענקען נאך דיר... נאך אייך אויך, קינדער! איהר האט מיר אויך גענוג צרות אנגעטאן, נאר גארנישט... דאס ליגט שוין אינ'ם פידעלע — אינ'ם כלי־זמר לשון... איך ווייס, איהר האט מיך נישט עהרליך געהאלטען, דאך ליעב געהאט, אז איך האב אמאל געטאן אן איבעריגען טרונק־בראנפען, האט איהר גע־ווארשעט „שכור"... מען טאר נישט אזוי, א טאטען טאר מען נישט... מילא... איך האב אויך געהאט א טאטען און האב איהם אויך נישט בעסער באהאנדעלט... נאר אן עק פון דער זאך!... איך בין אייך מוחל...

ער איז מיד געווארען רעדענדיג.

— איך בין אייך מוחל, — האט ער נאך אמאל אנגעהויבען נאך א פאר סעקונדען. ער האט זיך אביסעל אונטערגעהויבען אויפ'ן בעט און באטראכט דעם עולם...

— זעה נאר, — זאגט ער פלוצלונג, — די ביקעס! אריינ־געשלאגען די אויגען אין דר'ערד אריין, גלייך עס קאן קיין צוויי נישט צעהלען!

— הא? פארט א שאר א טאטע! באטש א שכור, הא?

דער איינגסטער זוהן האט אויפגעהויבען די אויגען. אין דער אייגענער רגע האבען איהם די ברעמען אנגעהויבען ציטערען, און ער האט ארויסגעלאזט א געוויין. די רעשט ברידער זענען איהם נאך. אין א מינוט ארום איז דאס גאנצע פיער־א[illegible]לענדיגע שטי־בעל פול געוועזען מיט יללה...

דער קראנקער האט געקוקט און געשעפט נחת.

— נו, — מאכט ער ראפּטום מיט א פרישען כח, — נענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צופיעל א שאָד זיין! גענוג, קינ־דער! פאַלגט א טאַטען!

— רוצח! — שרייט מירל, — רוצח, לאָזען זיי ווײנען, זייערע טרערען קאָנען העלפען, רבונו של עולם...

— שווייג, מירל, — האקט איהר דער קראנקער איבער, — איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס שוין אָפּגעשפּילט... גענוג... עה! חיים, בערעל... יונה... אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כלים!

אַלע גלאָצען אויס די אויגען.

— איך הייס, — מאכט דער קראנקער, — איך בעט אייך! טוט מיר צוליעב, נעמט די כלים און קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבען געפאָלגט און ארומגעשטעלט זיך ביים בעט; דריי פידעל, איין קלאַרנעט, א באַס, א טראָמפּייט...

— לאָז מיך הערען, ווי די קאַפּעליע וועט שפּילען אָהן מיר... — מאכט דער קראנקער.

— מירל'שי, איך בעט דיך, רוף דערווייל אריין אונזער שכן.

דער שכן איז געוועזען דער שמש פון דער חברה נושאים, מירל האָט נישט געוואָלט לכתחלה געהן, נאָר ער האָט אויף איהר געקוקט מיט אזא מין געבעט, אז זי האָט איהם געמוזט פאָלגען. שפּעטער האָט זי דערצעהלט, אז דער „מירל'שי" און דער קוק פאַר'ן טויט זענען געוועזען גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופּה... „איהר געדענקט, קינדער, מאכט זי, זיין זיס קול און זיינע אויגען!"

דער שמש פון דער חברה נושאים איז אריינגעקומען, ער האָט געוואָרפען אן אויג אויפ'ן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירל, רופט אריין א מנין.

— מען דאַרף נישט, — רופט זיך אָן דער קראנקער, — וואָס טויג מיר א מנין? איך האָב מ י י ן מנין, מיין קאַפּעליע! געה נישט, מירל, איך דאַרף נישט קיין מנין...

און, אויסדרעהענדיג זיך צו די קינדער, מאכט ער:

— הערט, קינדער... שפּילט אַ ה ן מיר, ווי מ י ט מיר, שפּילט גוט... זייט נישט קיין שקצים אויף אָרעמע חתונות... האלט עהרליך די מוטער, און צינד — שפּילט מיר אָפּ די ודוי... אונזער שכן וועט פאַרזאָגען...

און — די פּיער־איילענדיגע שטוב איז געוואָרען פול מיט מוזיק.

# אין חדר אַריין, שקצים!

דאָס שטעדטעל האָט זיך צולענגט אויף דעם רוקען פון אַ נישט הויכען בערגעל. אַז מען שטעהט ביים טייכעל, וואָס פליסט איהם צו־פוסענס, זעהט מען אַלע הייזלעך, איינס איבערן אנדערע: אָט, דאָס איז דעם רב'ס הייזעל, נישט ווייט פון דער מקוה... דאָס איז די שול מיט'ן בית־המדרש אינאיינעם. דאָס איז אַ שורה בעלי־בתי'שע הייזער: די אויסגעווייסטע געהערען צו רייכע, די שוואַרצ־ליכע — צו די אַפּגעקומענע... אָט אביון'ישע שטיבלעך... דערנאָך ערשט באַווייזט זיך דער בית־עולם... כסדר — אַלץ. מען זעהט אפילו די יאַטקעס אַרויס, וואו דער קצב הויבט די האַק איבער אַ רעדעל ווייבערשע קעפּ און שילט לכבוד שבת!

באַרג אַפּ לויפען צוויי בחורים; אין שינעטענע קאַפּאָטקע־לעך, שיך און זעקלעך. די הענט אַריינגעלאָזט אין די גאַרטלען. אויף די קעפּ גלאַנצענדיגע היטעלעך, געווים פון חלב! נישט פון חלב, פון וועלכען מען מאַכט ערשט ליכט, נאָר פון חלב, וואָס טריפט פון היימיש־געצווינגענע ליכטלעך, וואָס ווערען גענוצט צו: „וואַנט־אותיות".

אפשר ווייסט איהר נישט, ווי אַזוי מען מאַכט וואַנט־אותיות? אין דערהיים, אַז טאַטע־מאַמע זענען נישטאָ; אין חדר, ווען דער רבי איז דערטרונקען געוואָרען אין אַ פּני־יהושע; אַמבעסטען אין בית־המדרש, אין אַ שעהנעם העלען טאָג, ווען די בעלי־בתים שפּאַ־צירען אָדער עסען אָנבייסען — נעם אַ חלב'ען ליכטעל, שרייב דער־מיט עפּעס אָן אויף דער וואַנט, למשל, „משנכנס אדר מרבים בשמחה". קאָנסטו גע'כתיב'עטע אותיות, איז נאָך בעסער, עס וועט אַרויסקומען שענער, בולט'ער... דערנאָך נעם דאָס היטעל, שמיר עס איין אין רוס (סאַזשע) פון אויבען, רייבט דערמיט אינע־וועניג, אַז דער וואַנט, איין מאָל און צוויי מאָל, דערנאָך נעם

דאָס איינגעשמירטע היטעל אַז ביים דאַשעק און קלאַפּ אַ פּאָר מאָל איבער די חלב'ענע אותיות. וועסט זעהן, וואָס עס וועט זיין... עס וועט אַרויסקומען ווי געדרוקט!

און דאָס איז דער גאַנצער סוד פון די אָפּגעריסענע דאַשקעס, צופלויגענע היטלען! די מאַמעס ווייסען נישט דערפון. זיי מיינען, אַז די תורה איז דאָס שולדיג! רייסט זיך דיר אָפּ אַ קנעפּעל פון אַ הויז, פאַרפּלעקסטו אַ שינעטענע קאַפּאָטע, אָדער, דו ברענגסט אהיים אַ פּאָר אויסגעווייקטע שטיוועל — בין איך דיך נישט מקנא; אָבער אַז דאָס היטעל איז פאַרפּעצט, שמייכעלט די מאַמע:

„נעבעך, — טראַכט זי — אַלץ פון דער תורה. פון לערנען שוויצט איהם דאָס קעפּעל! נעבעך... פּונקט ווי דעם פּאָטערס טלית פון דאַווענען... אַזאַ וואָרים און שוין אַזאַ שוויצען!"

היטעל־מאַכער האָבען אויך הנאה דערפון. אַ קינד מוז אויף יעדען יום־טוב באַקומען אַ ניי היטעלע, לכל הפּחות — אויף יעדען פּסח!

מיר האָבען זיך פאַרשמועסט און אַז אונזערע צוויי בחורים פאַרגעסען!

עס זענען געווים בחורים; יונגעלייטלעך לויפען נישט אַזוי. אַז מען טראָגט אַ מיהל־שטיין אויפ'ן האַלז, לויפט זיך נישט, האָט מען קיין כח נישט צו לויפען. אַז מען עסט אפילו קעסט פאַסט אויך נישט צו לויפען... האַלט מען זיך אַליין אין דער מעלה...

זיי לויפען אַראָפּ פון באַרג, ווערען ערגעץ פאַרלוירען הינטער אַ הייזעל, שווימען באַלד צוריק אַרויס, קוקען זיך אום צי מען יאָגט זיי נישט נאָך... צוועלף איז דער זייגער, און דאָס זענען חדר־אינגלעך. פּופּצעהן יעהריגע חדר־אינגלעך; אודאי זיך אַרויסגע־ גנב'עט פון רבי'ן... וואָס ערנער די צייט איז, לענגער לערענט מען ביי מלמדים! עס דויערט איידער מען קלייבט צונויף אַ נדן, און ב י ז צו די תנאים מ ו ז מען דאָך לערנען אין אַ חדר!

זיי זענען שוין ביים טייך... ביידע הויבען: פריהער די לינקע, דערנאָך די רעכטע פּוס, שליידערען, ביי יעדען אויפהויבען אַ פּוס, אַראָפּ אַ שוך; פּייל פון בויגען האָבען זיי שוין אַראָפּגעוואָרפען די קאַפּאָטקעלעך. און זעצען זיך שוין אויפ'ן זאַמד, אויסצוטאָן די זאָקען.

— ווייסט, בערעל — פאַרהאַלט זיך איינער און זאָגט — איך פאַרשטעה פּאַרט נישט דעם רבינו תם... באשר, דער רבונו של עולם וויל נישט מבזה זיין זיינע באַשעפענישען און געבען זיי עולם־הבא אומזיסט... דעריבער וואָס? וויל ער דעריבער, זיי זאַ־לען דעם עולם־הבא פאַרדינען... גוט. נאָר טאָמער פאַרשטעהסטו בושה? וואָס איז? איך נעם עפּעס ביי א פרעמדען? צי איך נעם ביי א בשר ודם, וואָס עס ווערט איהם ווענינער? האַ? עס קאָסט איהם עפּעס, דעם רבונו של עולם? א בשר ודם, אז ער האַט אפילו קרח'ס אוצרות, וויל ער באַהאַלטען אויף שפּעטער, פאַר קינדער, פאַרשטעהסט — לדורות...

— אָבער פונדעסטוועגען — ענטפערט דער צווייטער — איז פּאַרט א ג ר ע ס ע ר ע מדרגה, אז מען נעמט אפילו ביים רבונו של עולם אויך נישט אומזיסט! נאָר שכר!...

— שטעהט דאָך אָבער — שלא על מנת לקבל שכר...

— דאָס איז ווייטער עפּעס אַנדערש...

זיי האָבען זיך פאַרשמועסט, און פאַרגעסען, נאָך וואָס זיי זענען געקומען. זיי האָבען אַלץ נאָך די זעקלעך נישט אויפגע־בונדען. זיצענדיג אין זאַמד, פאַרקנייטשען זיי די שטערענס אין היי־סען וכוח. ביי יעדער שטאַרקער תנועה, צופליהען זיך די ציצית פון די טלתים קטנים, צוקריכען זיך אַרום אין זאַמד.

— נו, איז רעכט — שכר! אָבער עונש? פאַרוואָס נאָך — עונש?

— דער עונש איז טאַקע דערויף, מען זאָל בעסער ווערען, תשובה טון... מפשפש במעשיו זיין...

— גוט... האָ תינח, אויף ד ע ר וועלט; אָבער אויף י ע נ ע ר וועלט, וואָס פאַר א טעם האָט ד אָ ר ט דער עונש?

— זאָגט טאַקע דער רבינו תם, אז דאָרטען איז שוין דער עונש אַן אַנדערער: דאָרט רייניגט מען אָפּ די טומאה, וואָס האָט זיך אַנגעקלעפּט אָן די נשמות... למרק... הייסט עס, וואָרים א חטא איז א פלעק... וואַשט מען טאַקע... מטהר איז מען...

— יאָ. אָבער...

נאָך עמיץ לאָזט זיך אַראָפּ פון באַרג.

עס איז א דאָרע, הויכע אידענע; א דיקע שאַל איבער'ן קאָפּ...

א בעזים אין האנט... די אויגען איהרע ברענען, דער אטעם איז הייס...

— שקצים! — שרייט זי אין איין כעס. — אין שעהנעם העלען טאג — באדען! א כפרה, זייגער צוועלף — באדען!

— פאר דעם וועל איך צאהלען מלמד־געלט! — שרייט זי אוןווארפט איבער׳ן קאפ מיט׳ן בעזים.

די פילאזאפען אבער זעהען נישט און הערען נישט:

— עס איז דאך פארט א רחמנות אויף דער נשמה... זי האט טאקע געזינדיגט, נאר ווי זאגט די גמרא, וואס רש״י ברענגט: אין אדם חוטא, אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות... נאר א משוגע׳נער טוט אן עברה... אויסער א שוגג...

— און אז דער יצר הרע איז א תקיף?

— בין איך דאך ערשט אן אמת׳ער אונס!

— טאקע? און דברי הרב ודברי התלמיד... הא? און היינט וואו איז א מומר להכעים?

— זעהסטו, א מומר להכעים, איז טאקע נישט צו פאר־שטעהן! נעם א האק און שפאלט דיר אליין דעם קאפ...

— איך וועל אייך ביידע די קעפ שפאלטען, שקצים עכברושים!

— דונערט שוין נאהנט דער אידענעם קול.

— די מאמע! די מאמע! — שרייען די פילאזאפען, כאפען אין די הענט אריין דאס אוועקגעווארפענע אגטון און אנטלויפען צוריק בארג אויף.

די מוטער סאפעט און לויפט נאך מיט׳ן בעזים, שרייענדיג אלץ אינאיינעם:

— אין חדר אריין, שקצים!

# דער חלום.

יונגערהייט (א צייט פון דריי ביז צוועלף יאהר) בין איך כמעט נישט ארויסגעקומען פון שטוב. איך בין עטליכע מאל געפעהרליך קראנק געוועזען און דער דאקטאר האט מיר פארווערט דאס לער־נען. בסוד סודות פאר'ן בייזען דאקטאר, וואס פלעגט פאר נישט פאלגען טופען מיט די פיס און קולות מאכען, האט מען מיך אין דערהיים קיים אויסגעלערענט דאווענען. איך פלעג גאנצע טעג זי־צען, זומער — ביים פענסטער, און ווינטער — אין בעט, און אויס־הערען די ליעדעלעך, מיט וועלכע מיין קליין ברודערלס ניאניע פלעגט איהם איינשלעפערען... ערשט צום צוועלפטען יאהר האט מען מיך אויף א האלבען טאג געשיקט אין חדר אריין, אויך האט מען דעם רבי'ן שטרענג אנגעזאגט, ער זאל מיך נישט מאטערען און — גאט באהיט! — נישט אנריהרען. —

נאך עטליכע וואכען זיין אין חדר, בין איך געווארען א מין „כוי“: האלב איך און האלב גוי... דער ניאנעס ליעדעלעך און דעם רבי'נס מעשיות האבען זיך מיר וואונדערליך אויסגעמישט אין מוח. ווי אזוי איך האב מיר פארגעשטעלט די הייליגע זאכען, ווייס איך שוין נישט... פארפלאנטערט זענען זיי געוועזען געווען; נאר געצי־טערט האב איך פאר צוויי מלאך־המות'ן. מיט איינעם — א זכר — האט מיך דער רבי באקאנט געמאכט. ער האט מיר דערצעהלט, אז „ער“ האט טויזענט אויגען און א שווערד אין דער האנט! זיין פנים האט ער מיר נישט באשריבען, און דעריבער האב איך איהם אליין צוגעגעבען דעם רבי'נס בייז, ביינעריג פנים, זיין שפיציגע נאז, שפיזיגע אויגען און קאלטאנאוואטע בארד און פאות. די שווערד

האב איך דעם מלאך־המות געלאזט אין דער רעכטער האנט, און אין דער לינקער אריין האב איך איהם אריינגעשטעקט דעם קאנטשיק מיט די בלייערלעך. וואס דער רבי פלעגט גאנץ אפט אראפלאזען אויף מיינע חברים׳ס אקסעל.

דעם צווייטען, אדער בעסער געזאגט — די צווייטע מלאך־המות׳טע, האט מיך פארגעשטעלט מיין ברודערס ניאניע. שטענדיג פלעגט זי זינגען פרומע ליעדעלעך; אזוינע אויסגעצויגענע, ווייגענדיגע, ווייכע, אז עס פלעגט מיך אנכאפען ביים הארץ... גאנץ אפט פלעגט זי זיך ערגעץ ארוים׳גנב׳ענען, צוריקקומען מיט א רויטען פנים, טרערען אין די אויגען און ציטערדיגע הענט; זי וואקעלט זיך אויף די פיס און זינגט מיט א טרויעריגען, דעמפיגען קול, ווי פון א גרוב ארויס, א ליעדעל פון מלאך־המות. דאס איז געווען, ווי געזאגט, א נקבה; איינגעהילט אין א ווייס ליילעך, פליהט זי ארום אין דער לופט, און אויף ווען זי ווארפט ביינאכט דאס ליילעך, דעם נעהט מען מארגען תכריכים...

טיילמאל שאקעלט זי מיט׳ן ווייסען ליילעך איבער א גאנץ דארף אדער א שטאדט, — דאמאלט ווערט א מגפה. אהנ׳ם ליילעך איז די „נקבה“ אפילו גארנישט מאוס: בלויע אויגען, לאנגע, העל־זיידענע האר...

---

דאס איינענע יאהר האט מיך דער טאטע דאס ערשטע מאל מיטגענומען ראש־השנה צום דאוונען. קומענדיג אין שול אריין, און דערזעהענדיג דעם ווייסען עולם, האב איך אנגעהויבען ציטערען. נאר דער טאטע, וואס האט מיך געפיהרט ביי דער האנט, האט דאס נישט באמערקט און האט מיך נאכגעשלעפט ביז צו דער מזרח־וואנט. ער האט מיך אנידערגעזעצט לעבען זיך און געגעבען אן אויפגעמישט מחזור׳ל אין דער האנט אריין. איך האב פון ווייסען עולם קיין אויג נישט געקאנט אפרייסען, און דאס געוויין פון דער ווייבערשער שול האט מיך דורכגענומען... שפעטער האב איך באמערקט דעם וואלד מיט ליכט אין ארון, אין דער רעכטער האנט ביים חזן, און נישט וויסענדיג פארוואס, האב איך מיך נאך מעהר געשראקען און צוגעדריקט זיך פעסטער צום טאטען.

— ביסט, נעבעך, מיד פון דער היץ. — האָט דער טאַטע געזאָגט. — לעג דיך אַביסעל צו...

איך האָב׳ן געפאָלגט. איך האָב מיך צוגעלעגט אויף דער באַנק און אַנגעשפּאַרט דעם ברענענדיגען קאָפּ אויפ׳ן טאַטענס שוים. מיט פאַרמאַכטע אויגען בין איך אַביסעל רוהיגער געוואָרען. פון דער וואָרעם בין איך באַלד איינגעשלאָפען, און עס האָט זיך מיר געחלומ׳ט א וואונדערליכער חלום:

איך בין געלעגען קראַנק אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געשטאַנען איבער מיר און האָבען געוויינט. די מאַמע האָט זיך פאַרשטעלט די אויגען מיט א טיכעל, נאָר דער קאָפּ מיט די פּלייצעס האָבען שרעקליך געציטערט. דעם טאַטען זענען געררונען די טרערען איבער די איינגעפאַלענע באַקען, פון דאָרט זענען זיי אַראָפּ אויף דער בריוטער, בלאָנדער באָרד, און פון דאָרט — אויף דער ברוסט. אין א ווינקעל זענען געשטאַנען צוויי דאָקטוי־רים, וואָס האָבען מיך נאָר וואָס באַטראַכט, און סוד׳ען זיך אַצינד אויף לאַטייניש, קוקענדיג אויף מיר פון דער זייט. גאָט ווייסט — קלער איך מיר — וואָס פאַר א ביטער־געזאָלצען פלעשעלע זיי וועלען מיר אַצינד פאַרשרייבען. נאָר אַזוי לייכט וועל איך שוין נישט איינגעמען. וועט זיין קאַווע־לעפעלעך, וועט מיר די מאַמע מוזען געבען איהר יום־טוב׳דיגע ציטער־נאָדעל צו שפּילען, און אויב גאַנ־צע עס־לעפעל — וועל איך נאָך וועלען דעם טאַטענס זילבערנעם נאַרטעל מיט׳ן גאָלדענעם קאַפּעל פון פּסח׳דיגען סדר...

איך האָב געמוזט אין חלום אסך אינגער זיין, אז עס האָט זיך מיר אַזוינס פאַרגלוסט.

נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזעהן אין די פענסטער, קעגען וועל־כע איך בין געלעגען — צוויי געשטאַלטען.

אין פענסטער פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען די מלאך־המות׳טע אין ווייסען ליילעך, און אין פענסטער פון דער לינקער זייט — דער מלאך־המות מיט טויזענט אויגען און א שווערד אין האַנט... זי וויל שוין אויסטון דאָס ליילעך, וויל עס וואַרפען אויף מיר; ער הויבט שוין אויף די שווערד, — נאָר זיי האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע דערזעהן, איינס פאַר דעם אַנדערען זיך דערשראָקען אוןביידע זענען פאַרשוואונדען געוואָרען...

פאר שרעק האב איך מיך אנגעהויבען צו שטיקען, דאס בלוט איז אין מיר פארקיהלט געווארען, אונטער די נעגעל האט מיך גע־שטאכען, ווי מיט שפילקעס, און די עטליכע האר, וואס זענען מיר געבליבען נאכ'ן טיפוס, האבען זיך אויפגעשטעלט און געריסען זיך פון דער הויט ארויס, גלייך זיי ווילען אנטלויפען פאר שרעק...

מען באמערקט מיין לאגע, עס ווערט א געשריי, די טאטע־מאמע מיט די דאקטוירים לויפען צו מיר צו, פלוצלונג... ווערט מיר פינסטער פאר די אויגען.

---

צי האט מיר עמיץ די האנט אויף די אויגען ארויפגעלעגט? צי האט מען פאר'ן מלאך המות די לאדען פארמאכט? צי חלש איך? און אפשר בין איך גאר געשטארבען?

קוים האב איך מיך דאס געפרעגט, האט זיך דער חלום פאר־ענדערט.

איך בין שוין טאקע א געשטארבענער... ביידע מלאך־המות'ן פיהרען מיך ערגעץ, — וואלד אויס, וואלד איין, איבער טאל און איבער בערג.

איך האב מורא צו פרעגען, וואו אהין מען פיהרט מיך. זיי זעהען ביידע אזוי שרעקליך אויס, אז איך ציטער א ריהר צו טון מיט די ליפען. אויך ווייס איך נישט, צי א טויטער מעג און קאן רעדען...

— מן הסתם אין גן־עדן אריין, — טרייסט איך מיך, — איך בין דאך א גוטער געוועזען און אזוי פיעל געליטען יונגערהייט... איך האב קיינעם קיין גוטס נישט געטאן, ווארים וואס פאר א גוטס קאן טון א קראנק אינגעלע? דאך זומער־צייט, אין שעהנעם וועטער, אז מען האט מיך צוגערוקט אויף א פאטעל צום פענסטער, פלעג איך ארויסשיטען די פייגעלעך עסען... פיצלעך זעמעל, קריש־קעלעך ברויט, טיילמאל אויך פערדעמלעך פלייש, אויב איך אליין האב גראד געגעכען...

און מען פיהרט מיך טאקע אין דער אייגענער רנע איבער א גרינעם וואלד, וואו די פייגעלעך וואוינען. זיי שטעהען גאנצע מחנות אויף די בוימער, און זינגען אלע אין איין כאר:

— אין גן־עדן אריין, אין גן־עדן אריין! דו ביסט א גוטער געווען, דו האסט אונז, ארעמע, שוואכע פייגעלעך, עסען גע־געבן!

---

און טאמער, חלילה, אין גיהנום אריין? פרעגט דאס פאר־קלעמטע הארץ. אין דער רגע פארטוישט זיך די געגענד; דער וואלד ווערט פארשוואונדען, און איך פליה צווישען שנייענע בערג... ארום איז קיין צייכען פון לעבען נישטא. עס פינקעלט אזוי קאלט, עס בלישטשעט אזוי שטאר, אזוי טויט... פלוצלונג באווייזט זיך א סטא־דע שווארצע קראהען מיט פייערדיגע אויגען.

— קרא־קרא־קרא — שרייען די קראהען — אין גיהנום אריין. אין גיהנום אריין! אונז האט ער קיינמאל נישט קיין קרישקעלע געווארפען.

און די קראהען האבען אמת געזאגט. פאר זיי האב איך שטענדיג מורא געהאט. איינמאל האט זיך א קראה צוגעשלאגען, מן־הסתם — פאר הונגער, צום פענסטער, און האט געדראפעט אין די שויבען... אויפ'ן פענסטער־ברעטעל אין שטוב איז געלעגען ברויט... איך בין אפילו קראנק געלעגען, איינער אליין געוועזען אין שטוב, איך האב דאך געקאנט רופען, מען זאל די ארעמע ראטע־ווען... איך האב מיך אבער פאר דער קראה דערשראקען און באַ־האלטען אונטער דער קאלדרע... נאכ'ן ווינטער, אז דער שניי איז אפגעגאנגען, האט מען הינטער'ן פענסטער א טויטע קראה געפו־נען...

---

פלוצלונג הויבען מיר זיך אן אראפצולאזען. די לאנדשאפט האט זיך ווייטער געענדערט, מיר פליהען איבער אומגעהויערע פעל־זען. וואס שטעהען קאפ אויף קאפ און באוואכען עפעס א וואסער. צי איז דאס דער ים הקדוש, צי דער סמבטיון, אדער אן אנדער וואסער — ווייס איך נישט. מיר האבען עטליכע רעדער געמאכט איבער די פעלזען, און ענדליך זיך אראפגעלאזט צו א הייל. מיינע באגלייטער האבען מיך אריינגעלאזט, געהייסען זיך אנידערזעצען ביי דער וואנט, און זיי האבען זיך אנידערגעזעצט חוטען ביים

אריינגאנג; די מלאך־המות׳טע פון איין זייט, דער מלאך־המות פון דער צווייטער. אין דער הייל איז פינסטער, נאר אויף דער קאלטער, גליטשיגער ערד טאנצען ארום עטליכע ליכטיגע קיילעכ־לעך, כמעט די אייגענע, וואס איך האב ערב ראש־השנה ביי אונז אין קעלער געזעהן. ווען דער משרת האט מיך מיטגענומען, אויס־קלייבען א גוטע פלאש וויין אויף קידוש...

די ליכטיגע קיילעכלעך האבען מיך פלוצלונג דערמאנט אז דערהיים... איך האב אנגעהויבען קלערען, וואס דארטען טוט זיך. צי דער טאטע האט מיך שוין פארגעסען, צי די מאמע דערמאנט מיך כאטש אמאל, צי קומען זיי כאטש אמאל אויף מיין קבר?... און ווער זיצט אויף מיין בענקעל ביים טיש? און ווער קריגט די לע־בערלעך פון די פיש?

עס האט מיך אנגענומען א ביטער געוויין, נישט איינצוהאל־טען, און איך ווארף א בליק מיט שרעק אויף מיינע שומרים... רבונו של עולם! וואס איז דאס אזוינס?

---

פון דער מלאך־המות׳טע האט זיך אראפגערוקט דאס ווייסע ליילעך... וואס פאר א זיידענע האר! וואס פאר א בלויע אויגען! א רייט־פארטרונקען פנים מיט א האלב־גאלען קאפ... און דער קאפ וואקעלט זיך און די נאז (כאטש נישט קיין לאנגע) שלאגט זיך אלע מאל אן אן דער פלאש, וואס זי האלט איןביידע ציטערדיגע הענט... איך קוק מיך בעסער צו, — דאס איז זי! זי, מיין ברוי־דערס ניאניע!...

איך ווארף אן אויג אויפ׳ן צווייטען, — וואס פאר א טור־זענט אויגען? וואס פאר א שווערד? עס זיצט מיין רבי, רויכערט א לאנגע ליולקע־ציבעק, האלט־צו איין אויג און וויל פארמאכען דאס צווייטע...

צי חלומ׳ט זיך מיר?

פלוצלונג עפענט די מלאך־המות׳טע איין אויג און פרעגט:

— א צא, פשיא יוכא, פאוויע רבי׳ציו, יאק טשיע טו זעמ־נאן זאבאטשי?

דער מלמד ענטפערט נישט. א שמייכעל ווייזט זיך אויף זיין פנים, אוןביידע שלאָפען איין...

זיי שנאַרכען, און איך באַנוץ די געלעגענהייט און אַנטלויף...

איך לויף איבער טאָל און בערג, וואַלד אויס, וואַלד איין, און קום ענדליך אין א שטאָדט אַריין... איך קוק מיך אום — עס איז מיין שטאָדט! נאָר עס איז שטיל, גלייך דאָס גאַנצע שטעדטעל וואָלט אויסגעשטאָרבען; די גאַסען — לעדיג, טיר און טויער און לאָדען פאַרמאַכט, די געוועלבער פאַרהאַמערט... וואָס איז דאָס אַזוינס געשעהען? איך וויל לויפען אויף „אונזער" גאַס. אויפ'ן וועג טרעף איך עטליכע ווייבער, וואָס לויפען דורך אין ווייסע ספּאָדניצעס, מיט העל־בלויע בלומען אויף די קעפּ און פאַרווייִנטע פּנים'ער... איך שטויס מיך, אז עס איז ראש־השנה, דער עולם איז אין שול, און די ווייבער לויפען פון קריאת התורה, אַנזויגען די קינ־דער אדער מבקר חולה זיין די קראַנקע...

מיין מאַמע פלעגט אויך אַלע יאָהר אַזוי טון, און איך לויף גלייך אין שול אַריין.

אין דער ווייבערשער שול אַריין האָב איך מורא צו געהן, די מאַמע דאַרף נישט מעהר, נאָר איהר טויטען זוהן צו דערזעהן! אַזוי חלש'ט זי אַייך יעדעס מאָל, קוים צו דערמינטערן. איך געה אין שול אַריין צום טאַטען.

איך בין אין שול, און קיינער זעהט מיך נישט... דורכגעהענ־דיג, ריהר איך מיך אַלע מאָל אָן אין אַן אַנדערען; קיינער פיהלט מיך נישט. איך האָב דאָך קיין צייט נישט זיך אויף דעם אַלעם אומצוקוקען. איך לויף גלייך צו צו דער מזרח־וואַנט און שטעל זיך קעגענאיבער דעם טאַטען...

ער זעהט מיך אויך נישט! איך רוק איהם אָפּ דאָס מחזור'ל. ער קוקט זיך אום, מיט א פאַרוואונדערט און אביסעל דערשראָקען פּנים, רוקט עס צוריק און זאָגט ווייטער נאָך דעם בעל־קורא...

איך זעץ מיך לעבען איהם אַנידער, ער פיהלט נישט... ער פיהלט מיך נישט, כאָטש איך שפּאַר מיך אָנ'ם אָן, שטעל מיך אויף אופ'ן בענקעל און קוש איהם אין מויל אַריין, כאָטש איך נעם איהם אַרום און דריק מיך צו איהם צו, — ער זעהט מיך נישט, ער פיהלט מיך נישט... איך בין געשטאָרבען פאַר דער וועלט... פאַר'ן טאַטען אפילו...

און עס כאַפּט מיך אַן אַ שרעקליך געוויין, און איך ציה מיך
אוים אויף דער וואנט, און שפּאַר אַן דעם קאָפּ מיט'ן פּנים אַראָפּ
אויפ'ן טאַטענס שוים, און הויב אָן אַזוי צו שלוכצען, ביז —
דער טאַטע וועקט מיך אויף און פיהרט מיך אַ קראַנקען אהיים.

# די לעזערין.

פרייטאג צונאכט.

אינ'ם שטיבעל איז שרעקליך שטיל, אין ד' אמות שלאפען זיבען נפשות.

דער אלטער וואסער־טרעגער האט נישט געהאט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראנפען, נישט קיין חלה. ער האט קידוש געמאכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראַ־שענדינע בענש־ליכט געבליבען. ער האט אפילו קיין פריש העמד נישט באקומען.

און עונג שבת איז געבליבען: אויסשלאפען זיך פאר א גאנצע וואָך.

דעם זעלבען עונג שבת האט דאס ווייב אויך... א גאנצע וואָך לויפט זי ארום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, חזיר־האָר, שמאטעס. די וואָך איז זי געלאפען אהן געלט, זי האט אומזיסט גע־בעטען קרעדיט, און איז אהיים געקומען פרייטאג פארנאכט אהן סחורה, א גע'הרג'עטע, א פאר'חלש'טע... קוים האט זי אפגעבענשט ליכט, איז זי אויך אנידערגעפאלען און איז איינגעשלאפען...

געוועהנליך שלאפט דער וואסער־טרעגער מיט דריי—און זי מיט צוויי קינדער צוזאמען. היינט זענען זיי ביידע צו פריה אנט־שלאפען געווארען, די קינדער האבען זיי נישט געוואלט וועקען, און זיי ליגען צולעגט און כראפען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענש־ליכט צאנקט נאך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאך איינע וואך.

די עלטסטע טאכטער.

די צופלאָסענע האר זענען רויט. דאס פנים — געל: גענעהרט פון קארטאפעל נישט צו דער זאט. אין די אויגען דאך ברענט; די

איינגעפאלענע ברוסט הויבט זיך און פאלט. די דארע הענט ציטערן...

זי לעזט ביים צאנקענדיגען ליכט שמר'ס א ראמאן. די ליפען ציטערן פאר אומגעדולד.

זי איז צורודערט. זי שרעקט זיך: טאמער נעהט איהר אוים דאס ליכטעל, און זי וועט נישט געוואר ווערען דעם סוף פון פערנאטער!

# דער עפּעל.

**(אַ מאָנאָלאָג פון אַ באַנקיער.)**

די אַלטע פּעלקער פלעגען זיך פאָרשטעלען וואונדערליך צו־זאַמענגעזעצטע ברואים, האַלב מענש האַלב פיש, אַ פערד — מיט פליגעל פון אַן אַדלער, אַ קעלבעריגען קאָפּ מיט אַ שלאַנגען־עק... צי ווערט היינט אַנדערש געפּאַרט?

צום ביישפּיל, איך און מיין ווייב פּילאָמענע!

איך בין בריק־באַג עט קאָמפּ. און זי — פּי־לאָ־מע־נע! דער נאָמען אַליין איז גענוג!

מיט אַ וואָרט, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט איין שטריך מיט דער פעדער, טראָג איך איבער טויזענטער קאָרץ ווייצען, טוי־זענטער צענטער מעטאַלען, טויזענטער וואַגאָנען קוילען פון איין עק וועלט אין דער צווייטער! איך זיץ דאָ און מיין נעץ איז פאַר־שפּרייט אויף בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק אפילו קלינגט מיין נאָמען! אַז איך גיב אַ טופּ מיט'ן פוס, ציטערט די בערזע, פאַלען באַנקיערס, ווי פוילע עפּעל! דאָס בין א י ך, און זי קושט בלומען און וויינט פאַר דער לבנה!

אמת, אַ פּאַר?

און ווער האָט אונז געפּאַרט? אַ בערלינער פּראָפעסאָר האָט מיר געזאָגט, אַז יעדער מענש באַזונדער אַנטוויקעלט זיך פּונקט אַזוי, ווי די גאַנצע מענשען־וועלט. דאַמאָלט האָב איך געלאַכט: פון וואַנעט ווייסט דער פּראָפעסאָר, ווי אַזוי די מענשען־וועלט האָט זיך אַנטוויקעלט? היינט זעה איך — עס איז אמת... מיט פופצעהן יאָהר צוריק בין איך באמת אַ ווילדער מענש געוועזען... איהר וועט גלויבען? איך האָב אפילו פּאָעטיזירט... אייגענט־

ליך האָב איך אַרויסגעשלעפּט אַביסעל פון דאָנען, אַביסעל פון דאָרט, נאָר פאַנטאַזירט האָב איך... אויגען, ווי שטערען, ווי בלימ־לעך, ליפּען, ווי קאַרמעלקעס און נאָך אַזוינע נאַרישקייטען... איך האָב אַפילו איבער׳ן בעט מיר אויפגעהאָנגען אַ פּיסטאָלעט, וואָרום טאָמער זאָגט זי „ניין״? נו, ווי אַזוי לעבט מען, ווי אַזוי ווייזט מען זיך אויף דער גאַס?

און היינט? זעה איך אַ קניפּעל צוויאָרענע נערוועז, קעלבערנע גרויסע אויגען... מיט דער צייט איז נאָך צוגעקומען אַביסעל רויטס און ווייס און אַביסעל גאָלד אין די ציין אַריין — און דאָס אַלץ צוזאַמען איז פּ י ל אָ מ ע נ ע!

איך האָב דאָך ביי איהר קיין קאָפּיקע נישט גענומען!...

אַ חלום, נאָר אַ ט י י ע ר ע ר חלום איז עס געוועזען!

פי! פי!

---

נאָר „טייערער״ איז וואָנצען! בריק־באָג עט קאָמפּ. קאָן זיך אַזוינס ערלויבען. און ווען באמת „א י י ב י ג ע ליעבע״, וואָלט עס גאָר קיין שלעכט געשעפט נישט געוועזען! פּילאָמענע אַליין אַרט מיך נישט. איך געה מיר מיין וועג — פּאַרדאָן — איך פאָהר מיר אויף גומי־רעדער מיט ווייסע אַראַבער מ י י ן וועג. און זי בלאָזט זי קענען דער לבנה איהר וועגס! דאַרף מען, מאַכט זי דעם האַנער אין סאַלאָן, ווי אַן אמת־געבוירענע גרעפין... ביי־נאַכט, ביי עלעקטרישער באַלייכטונג און נאָך שאַמפּאַניער, געפי־נען זי טייל נאָך היינט פּיקאַנט און נישט איינעם קומט די סלינע אין מויל אַריין!

נאָר — וואָס וועט אַרויס פון טראַנספּאַלגער, פון י ו נ ג ע ן בריק־באָג עט קאָמפּ.?

וואָס פאַר אַ בריאה וועט אַרויס פון אַלטען בריק־באָג עט קאָמפּ. מיט דער אייביג יונגער פּילאָמענע?

הו! אַ קעלט געהט מיר דורך די ביינער, אַז איך דערמאָן מיך, ווען איך לאָז איבער דאָס הויז! נישט איינמאָל חלום׳ט

זיך מיר, אז אלץ פאלט צוזאמען, אלץ, אלץ, און איך כאפּ מיך אויף באדעקט מיט'ן קאלטען שווייס!

---

נעכטען האב איך איהם א נאוואליע געבראכט, א שעהנעם עפּעל.

— אך, ווי שעהן איז דער עפּעל! — צאפּעלט ער.

איך דערצעהל איהם, אז ער איז געבראכט פון איטאליען און קאסט דרייסיג קאפּיקעס.

ער הערט מיך נישט, און רופט די מוטער און ווייזט איהר „ווי שעהן, ווי פראכטפול שעהן דער עפּעל איז". הונדערטער ווערטער האט ער געהאט פאר'ן שעהנעם עפּעל, און די אויגען האבען איהם געגלאנצט, געפלאקערט!

— ווירקליך שעהן, — מאכט פילאמענע מיט איהר זיסער שטימע.

— א, עס! — זאג איך.

— ניין! — מאכט ער — ניין!

דער עפּעל איז צו שעהן, דער עפּעל, זאגט ער, לעבט. עס וועט איהם וועה טאן, אז ער וועט אריינבייסען!

— נאר, — ווער איך בייז, — דער עפּעל לעבט נישט, עס וועט איהם נישט וועה טון.

— ניין, ער לעבט! ער האט אליין געזעהן, ווי עפּעל וויינען, אז מען בייסט זיי, אדער אז מען שניידט זיי מיט א מעסער! ד ע ם עפּעל וועט ער עס נישט טון!

— נאר, עס! ווער איך בייזער.

— ניין, ניין, ניין!

ער וועט דעם עפּעל קיינמאל נישט בייסען! אייביג, אייביג וועט ער איהם האלטען ביי זיך (ער האט איהם צום הארץ צוגעדריקט). ער האט דעם עפּעל ליעב באקומען! אייביגע ליעבע!

— נאר, אז דו וועסט איהם צו דער צייט נישט אויפעסען, וועט ער פארפוילט ווערען!

די ווערטער האבען איהם שווער געטראפען! ער האט א ציטער געטאן, איז בלאס געווארען און מיט טרערען אין די אויגען

צונעלאָפען צו דער מוטער, באַהאַלטען דאָס בלאַסע געזיכט אין איהר שויס.

— אמת, — שטאַמעלט ער, וויינענדיג, — אמת... דער עפּעל לעבט שוין נישט... מען האָט איהם אָפּגעשניטען פון בוים...

און זי האָט אויך טרערען אין די אויגען... זי גלעט איהם די האָר און די האַנט ציטערט איהר...

— גאָט, טראַכט איך, זאָל איך אַ סקאַנדאַל מאַכען ? !

— נאַר, — שריי איך אין איין כעס; מען זאָל דעם עפּעל נישט אָפּרייסען, וואָלט ער אַליין אַראָפּגעפאַלען !

און ער האָט זיך ערשט צוואַויינט אויף אַ קול !

---

וויים איך, וואָס זי טוט מיט א י ה ם ? וואָס זי זאָגט איהם ? וואָס זי רעדט איהם איין ? וויל איך איהם אוועקשיקען — חלש'ט זי !

גאָט, גאָט, וואָס וועט אַרויס פון איהם !

---

פילאָמענע האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין קאַבינעט.

וואָס איך האָב פון איהר געמאַכט, זאָגט זי, איז שוין פאַר־פאַלען. זי וויל, איך זאָל וועניגסטענס אויפ'ן קינד רחמנות האָבען!

געפעלט אייך דער פּלאַן ? !

מיר האָבען זיך צורעדט...

— האָסט חרטה ? — פרעג איך זי.

— וואָס העלפט חרטה ? — ענטפערט זי טרויעריג און פאַר־חלש'ט. — האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דער עפּעל מוז שטאַר־בען, מוז אָפּגעריסען ווערען פון בוים...

— דאָך וואָלסט דו געוואָלט אַנדערע הענט —

זי האָט נישט געענטפערט, איז אַרויסגעשוואומען פון שטוב און איבערגעלאָזט עפּעס אַ מאַטען זיס־זויערען ריח...

נאַר וואָס וועט זיין פון א י ה ם ? פון טראַנ־פּאָלגער ? פון יונגען בריק־באַג עט קאַמפּ. ?

# דאָס זיבעטע בענש-ליכטעל.

דער דרייצעהן־יעהריגער שטערן קנייטשט זיך איין פאר צער. דאָס יונגע, קינדישע פּנים איז בלאַס פאר שרעק. פון די אומשול־דיגע אויגען פאַלט א טרער נאָך א טרער. נאָך פאר אכט־טאָגען פרייטאָג איז איהר אַזוי וואויל, איז איהר אַזוי לוסטיג געוועזען! עס איז געווען דער קורצער פרייטאָג. די באָבע האָט זי געוועקט אביסעל פריהער. א גאנצען טאָג איז זי פארנומען מיט שבת מאַ־כען. פארנאכט האָט זי זיך, זינגענדיג און טאנצענדיג אפּגעוואַ־שען, איבערגעפלאָכטען די לאַנגע צעפּ, איבערגעטאָן זיך און גע־גאנגען מיט דער באָבען אין שול אריין. די באָבע צינדט זיך איה־רע ליכט און זי — איהרע...

דאָס ערשטע ליכטעל — די באָבע זאָל געזונט זיין, דאָס צווייטע—דער טאַטעשי זאָל געזונט זיין, האָבען אסך „דיעלעס" און פארדינען אסך געלט, ער זאָל נישט אלע מאָל געבען א זיפץ, אז די צייטען זענען שלעכט; דאָס דריטע — די מאַמעשי זאָל געזונט און שטארק זיין, דערנאָך — פאר שוועסטערלעך און ברידער־לעך, יעדען א ליכטעל... עס דויערט ביז דער עולם הויבט אָן צו־זאָמען צו קומען צום דאַווענען...

ווי ליעב האָט זי די שול, און ווי ליעב דאָס ליכט־בענשען!

זי איז שוין צוויי יאָהר ביי דער באָבען... זי בענקט נישט אהיים... דאָרט איז נישט דער מנהג פון ליכט־בענשען... זי וואָלט נישט איין מאָל גערן זעהן די מאַמעשי, ארומכאַפּען דעם טאַטען ביים האַלז און שפּילען זיך מיט זיין שווארצזיידענער באָרד, אביסעל ארומלויפען און טאנצען מיט די אינגערע קינדער... מען טאָר נישט די אַלטע באָבע אַליין לאָזען... זי איז שטענדיג אַזוי גוט, זי האָט זי אויסגעלערענט ליכט־בענשען... זי האָט זי אַזוי ליעב. —

דאס ליכט־בענשען אויך... זי בענקט א גאנצע וואך, זי צעהלט די טעג... נאר היינט איז עפּעס אן אומגליקליכער פרייטאג.

אין דערפריה איז געוועזען ווי אלע מאל... זי האט שבת גע־מאכט... די באבע האט אויף איהר געקוקט און געקוואלען... זיי האבען זיך שויןביידע אנגעטאן, די באבע האט שוין גענומען דעם שטעקען אין האנט אריין...

„האט דער שווארץ־יאהר אנגעטראגען דעם בריף־טרעגער..."

די באבע האט איבערגעלייענט דעם בריף, געווארפען זיך צוריק אויף'ן בעט און ליגט שוין אזוי צוויי שעה מיט'ן פנים צו דער וואנט...

זי איז שווארץ ווי קויל... די אויגען פארמאכט, אין דער האנט האלט זי נאך דעם בריף... פון מויל יאגט זיך איהר א שוים...

זי לאזט צו זיך נישט צו, לאזט נישט עמיצען רופען, שטופּט זי אוועק פון בעט. קוים וויל זי די טיר עפענען, דערהערט זי און שרייט:

— ניין!

זי שטעהט ביים בעט און קלערט, עס צאפּעלט איהר דאס הארץ; גאט ווייסט, וואס מען האט דער באבען געשריבען פון דערהיים... אפשר... אפשר... און זי קאן זיך גארנישט איינשטעלען איבערצוקלערען, וואס עס האט געקאנט פּאסירען.

זי פאלט אנידער אויף די קני, כאפּט אן קראמפּפהאפט די באבען ביי דער האנט...

— באבעשי! באבעשי! וואס איז אזוינס געשעהען?... רעד א ווארט מיט מיר, זאג מיר עפּעס, וואס איז געשעהען?... באבע, איך וועל שטארבען פאר שרעק!

די ווערטער האבען זיך איהר אויסגעריסען, נישט ווילענדיג, פון הארץ.

די באבע האט זיך צו איהר איבערגעדרעהט, געריהרט מיט די ליפּען, געעפענט די אויגען... און קוים האט זי זי דערזעהן — גע־ענטפערט הארט:

— שטארב!

זי האט זיך איבערגעדרעהט צוריק צו דער וואנט.

— ער אויס'ן אויג, — זאגט זי, — שטארב, באשע, שטארב!

באשע איז שטיל געבליבען. עס איז איהר ראפּטום פינסטער געוואָרען. זי האָט אויפגעהערט צו קלערען און צו פיהלען.

עס האָט אזוי געדויערט אן אנדערטהאלבען שעה.

זי דערהערט דער באָבעס קול:

— שטעה אויף!

באשע איז אויפגעשפּרונגען.

די באָבע האָט זיך אליין אויפגעהויבען, צוריק גענומען דעם שטעקען, וואָס זי האָט פריהער אוועקגעוואָרפען.

— וויפיעל האָסט דו ליכט? — פרעגט זי האַרט.

— אכט, ווי תמיד! — ענטפערט באשע ציטערענד —

— איינס לאָז איבער!

באשע ריהרט זיך נישט.

— איינס לעג אוועק! — שרייט די באָבע נאָך האַרטער.

באשע ציטערט, נאָר ריהרט זיך נישט.

די אַלטע איז אליין צוגעגאנגען צום טיש, אויפגעוויקעלט דאָס פּעקעלע ליכט, איינס ארויסגעלעגט, די רעשט פאַרבונדען און אריינגעשטופּט באשע'ן אין דער האַנט אריין.

— קום!

באשע איז איהר נאָכגעגאנגען אויטאָמאַטיש;ביידע האָבען פאַרגעסען צו פאַרשליסען די טיר.

באשע געדענקט נישט, ווי אזוי זי איז צוגעקומען צום עמוד מיט די ליכט.

— צינד איינציגוויים, פאַר וועמען איך וועל דיר הייסען! זאָג מיר נאָך!

— זאָג! די מאַמע זאָל געזונט זיין און לעבען!

באשע ציטערט ווי אין אַ פיבער; דאָס ערשטע ליכטעל איז שטענדיג דעם טאַטענס.

— זאָג! — שרייט די באָבע.

באשע זאָגט נאָך.

— דאָס צווייטע: חיים'ל זאָל זיין אַ פרומער איד...

באשע ציטערט נאָך מעהר, זי הערט נישט דעם טאַטענס נאָמען. די פיסלעך שאָקלען זיך אונטער איהר, דאָס הערצעל צאַפּעלט, די שלייפען שלאָגען, די אויגען ברענען... די באָבע איז אָהן רחמנות, זי שרייט אַלע מאָל העכער: זאָג! זאָג! זאָג!

פארוואס געהט נאך נישט דעם טאטענס ליכטעל? —
אט צינדט זי שוין דאס לעצטע —
— זאג: שרה זאל געזונט זיין! — שרייט די באבע.
ניין! זי וועט עס נישט זאגען, וואו איז דער טאטע? ניין!
זי קאן עס נישט, אלץ אין איהר אמפערט זיך געגען דער שלעכ־
טער באבען... ניין! און ניין!
— זאג! זאג! — שרייט די באבע, נאך העכער, נאך הארטער.
באשע וויל אבער נישט פאלגען, דאס לעצטע ליכטעל מוז
שוין זיין דעם טאטענס — זי הויבט אן:
— דער טאטעשי —
— שטיל! — שרייט שרעקליך די באבע. — שטיל! שטיל!
דיין טאטע איז שוין קיין איד נישט! ער איז שוין א „פריסאזשני“...

# ס'הערצעל צאַפּעלט.

פרייליין מאריע איז געוועזען האלב ראָמאַנטיש, האלב פּראַק־טיש און איינגאַנצען א גאנץ שעהן מיידעל; אביסעל פּיאַנע, אביסעל פראַנצויזיש; געשמאַקפּול געקליידט, אַן אויפגעריסען נעזעל און אויגען, וואָס זענען אמאָל העל און אמאָל טונקעל־בלוי גע־וועזען.

איינמאָל האָט זיך איהר גע'חלום'ט א זעלטענער חלום.

זי האָט געזעהן פון הימעל אראָפּהענגען א וואַגשאָל. זי האָט זיך געוואַקעלט אה'ין און אהער, נישט געפינענדיג קיין גלייכגע־וויכט —

און וואָס איז געלעגען אין די שאָלען?

צוויי מלאכים האָבען אויף זיי געשיט און געשיט...

אין איין זייט א שוואַרצער מלאך (אין צילינדער און פראַק) האָט געשיט פּערל, בריליאַנטען און גאָלד.

אין דער צווייטער זייט, א ווייסער פאַרקלערטער מלאך — טרערען, זיפצען און ליעדער...

אויפ'ן צינגעל אין דער הייך איז געוועזען אויפגעשטאַכען איהר אייגען הערצ'על... זי האָט עס באלד דערקאַנט...

און עס האָט געצאַפּעלט און געוואָרפען זיך איהר הערצעל און אלע מאָל זיך צוגעבויגען צו אַן אנדער וואַגשאָל...

„וואָס ווילסטו הערען?

געלדער קלינגען,

ליעדער זינגען, —

ווילסט דו פּערל אָדער טרערען?“

אזוי זינגען די מלאכים און דאָס הערצעל צאַפּעלט און ווייסט נישט, וואָס צו קלייבען. —

ראפּטום איז זי געפאלען אויף א שכל (אונזערע דאמען האבען אין חלום אויך שכל!) זי איז ארויפגעשפּרונגען רייטענדיג אויף דער וואגשאל מיט די פּערעל, בריליאנטען און גאלד, און, נישט אראפּצופאלען, האט זי זיך, תוך כדי דבור, מיט׳ן קאפּ געווארפען אויף דער צווייטער וואגשאל...

דאס געזעס איז געווען אויף גאלד, זילבער און בריל־יאנטען, דער קאפּ — אויף טרערען, זיפצען און ליעדער; נאר דאס הארץ האט אייביג, אייביג געצאפּעלט אין דערמיט...

# די ווילדע בריאה.

דאס ערשטע מאל אטעמט זי אפ פריי; דאס ערשטע מאל לאזט מען זי ארויס אין גאס ארייז... און זי טאנצט ארום אין שניי!

וואס זומער איז געווען, געדענקט זי נישט. אונטער'ן קור־צען שטערן, מיט דער גרינליכער הויט באדעקט, איז דא ווייניג פלאץ אויף א גוטע־ זכרון. די ליכטיגסטע איינדריקע ווערען באלד טונקעל און פארלאשען. זי אליין ווייס אפילו נישט, ווי אלט זי איז. און קוקענדיג אויף איהר, איז אוממעגליך איהרע יאהרען צו שאצען. זי זעהט אויס דיק — דאס איז אבער נאר דאס בייבעל אויפגעלאפען. — די ברוסט איז איינגעפאלען, דאס קעפעל קליין. די הויט אויף'ן פנים קנייטשט זיך, נאר זי איז אינגאנצען צו דין און קליין, מען זאל זי רעכענען עלטער ווי ניין—צעהן יאהר. דאס אויסזעהן טוישט זיך ביי איהר אלע מינוט: נאך א קינדיש־ליב־טיגען שמייכעל, לעגט זיך אויף'ן אלטען פנים אן איינגעשפארטער קנייטש; טיילמאל פארקרימען זיך איהר די ליפען און די אויגען ברענען אומהיימליך אונטער צוזאמענגעצויגענע, כמעט ווייניג באוואקסענע ברעמען. איהרע געדאנקען בינדען זיך נישט איינער אן צווייטען, נאר ווארפען זיך דורך און טוישען זיך אהן א שום צוזאמענהאנג...

און זי איז נישט אזוי געבוירען... די באבע, וואס האט זי אפ־גענומען, האט געזאגט: „א שעהן קינד!" די ערשטע פאר יאהר האט זי גוט געוואקסען. זי האט פריהער די ברוסט, דערנאך די מו־טער, דערנאך דעם פאטער און שפעטער אלץ אין שטוב דערקענט; די שווארצע אויגעלעך זענען איהר אלע טאג העלער און ריהרעוו־דיגער געווארען. נאר דאס האט נישט לאנג געדויערט. אין א צייט ארום הויבט זי אן געהן צוריק... דער שכל'דיגער פונק וועקט זיך

איהר אין די אויגען אלע מאל זעלטענער... ווענינער געדענקט זי די זאך. דער פאטער איז שוין אוועק א יאהר פינף, דאך געדענקט זי גאנץ גוט, ווי ער פלעגט זי האלטען אויף דער שויס און קושען און די מוטער האט זי איהם אויסגעריסען פון דער האנט, ער זאל איהר נישט אויסקושען די נשמה. טיילמאל געדענקט זי, איז זי ביי דער מוטער געזעסען און דער פאטער איז געשטאנען ביי דער מוטער הינטער די פלייצעס און האט זיך באוויזען אלעמאל אין אן אנדער זייט: קוקו! קוקו! — די שטוב, די פנים'ער זענען אזוי ליכטיג און ווארעם געוועזען...

דערנאך האט דאס אבער אויפגעהערט. עס איז עפעס געווא־רען שטיל און טרויעריג און טונקעל. די שטוב איז עפעס לעדיג געווארען, דער פאטער פלעגט אסך מאל שרייען, די מוטער וויי־נען; טיילמאל האט מען אזוי הויך געשריען, אז זי פלעגט אנט־לויפען אין א ווינקעלע און באהאלטען זיך פאר שרעק. אין א צייט ארום האט מען זי אנגעהויבען שלאגען, דערביי אלעמאל ווענינער צו געבען עסען... דערנאך איז דער פאטער געשטאנען אין שטוב פארפינסטערט מיט אראפגעלאזטע אויגען, די מוטער האט באהאל־טען דאס פנים אין די הענט און האט זיך געווארפען מיט'ן גאנצען קערפער... דער פאטער האט שטיל געזאגט: „איך וועל שיקען געלד!“ און האט זיך איבערגעדרעהט און ארויסגעגאנגען... ער איז באלד נאך אמאל אריינגעקומען, נאר זי האט איהם שוין קוים דער־קענט, אזוי בלאס, אזוי איינגעבויגען איז ער געוועזען... ער האט געקוקט א פאר מינוט אויף ביידען און איז נאך אמאל שוין אויף שטענדיג ארויס פון שטוב...

פון דאמאלט אן, איז די צייט פאר איהר א שטיק וועגס אין א פינסטערער נאכט, א מין שלעפען זיך אין א וויסטעניש. אהן א בוימעל, אהן א בלימעל... הונגער און קעלט אדער א הייסע קאר־טאפעל און קוים דערוואראעמט זיך אין בעט...

נאר אצינדערט שמייכעלט זי... דאס ערשטע מאל (דאכט זיך איהר), האט מען זי ארויסגעלאזט פון דער תפיסה.

א גאנץ ווינטער האט זי די מוטער נישט ארויסגעלאזט פון שטוב. ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, איז די שטוב געוועזען לעדיג. די שויבען פארקאוועט, די טיר פארשלאסען, נאר ביים בעט, אויף א שטיקעל לייווענט איז געוועזען גרייט פאר איהר עפעס צו

עסען: א שטיקעל ברויט, טיילמאל א בייגעל, א נעכטיג געבראָטענע קארטאָפעל... דאס אלץ איז געוועזען קאלט און זי פלעגט עס צו דערוואַרעמען אין בעט און דערנאָך עסען... אזוי פלעגט זי אפליגען א גאנצען טאָג. ביינאכט ערשט איז געקומען די מוטער, געמאכט אביסעל פייער און אפגעקאכט אדער געבראָטען פרישע קארטאָפלעס. טיילמאל פלעגט די מוטער אהיים קומען גאר שפעט. ווארטענדיג אויף איהר, פלעגט זי טיילמאל ווארפען זיך און שרייען פאר הונגער, ארויסשפרינגען פון בעט און בארוועס ארומלויפען אין שטוב און רייסען זיך די האר, נאר פאר דאס פלעגט איהר דאמאָלט די מוטער ברענגען עפעס גוטע, זיסע אדער פעטע זאכען. אם בעסטען איז געוועזען ביינאכט. די מוטער האט זיך צו איהר געלעגט, פריהער איז געווארען שרעקליך קאלט, נאר עס איז אלעמאל ווארעמער געווארען און זי פלעגט זיך צודריקען צו דער מוטער אלץ פעסטער און פעסטער. מיט דער צייט האט זי זיך צוגעוועהנט צו שלאפען בייטאג און צו וואכען ביינאכט. אין אנהויב נאכט איז נישט גוט געוועזען: פאר'ן איינשלאפען האט די מאמע שטארק געוויינט, נאר דערנאָך איז געווארען ווארעם און שטיל און זי איז געלעגען און געלעקט די פינגער און געקוקט אין פענסטער אריין... אויפ'ן פענסטער זעהט זי אלערליי בוימער. דורך זיי רייסט זיך אפט אריין א ליכטיגער שטראל און איהר דאכט זיך, אז דער פאטער שטעהט אונטער'ן פענסטער און שמייכעלט.

טיילמאל איז זי בייז געווארען אויף דער מוטער, וואס לויפט ארום א גאנצען טאג אין גאס און האלט זי אין תפיסה; דאמאלט האט זי נישט געוואלט עסען, נישט אריינגעלאזט די מוטער אין בעט און טיילמאל געוואלט זי נאך דראפען און בייסען... נאר איהר אייגענער הונגער און די מוטערס טרערען האבען זי איבערגעדבר'ט... זי עסט, וואס די מוטער האט איהר געבראכט און פרעגט נאך אלץ אין כעס: — וואס לויפסטו — הא? (זי רעדט שלעכט און שווער). אומזיסט וויל איהר די מוטער געבען צו פארשטעהן, אז דאס לויפען איז נישט פאר נחת, אז זי לויפט ארום צו „פארדינען“, עס זאל זיין וואס צו עסען. די קליינע פארשטעהט נישט, וואס מען מיינט „פארדינען“, נאר זי האלט זיך נישט לאנג ביי איין זאך און פארגעסט אן אלץ. טיילמאל וועקט זי דאך אויף די מוטער אינמיטען דער נאכט: „וואס פארדינען?“ עס געדויערט

לאנג, איידער די מוטער רייסט אויף די אויגען, דערנאך בעט זי זיך ערשט: טאכטער, לאז מיר שלאפען. נאר אפזאגען טאר מען איהר נישט, זי איז איינגעשפארט און וועט באלד אנהויבען צו בריקען. די מוטער מוז איהר דערצעהלען, אז זי געהט ארום פון הויז צו הויז, און זוכט, אויב עס איז נישטא עפעס אן ארבייט: פאמיעס ארויסצוגיסען, ביי דער קיד העלפען, א גאנג געהן... זי הערט נישט אויס איינגאנצען און האקט פלוצלונג איבער מיט א נייער שאלה:

— קרעפלעך — אדער האניג בעסער? די מוטער האט זיך שרעקליך צואוויינט. „ווען האט זי קרעפלעך, ווען האניג געגעסען?" זי האט דאך אמאל געמוזטביידע זאכען עסען און דאס זענען צוויי מאכלים, וואס זענען איהר ראפטום ארויסגעשוואומען אין זכרון. די מוטער ווארפט זיך אין בעט אזוי ווי דאמאלט, ווען דער פאטער איז ארויסגעגאנגען...

באלד פארגעסט זי אינגאנצען. די מוטער בארוהיגט זיך און נעמט זי ארום און קושט זי און האלזט, נאר אין דער פריה איז זי ביי דער מוטערס אוועקגעהן נישט געשלאפען און געזאגט: מאמע — קרעפלעך — האניג — ברענג. די מוטער איז ארויסגעלאפען פון שטוב.

איינמאל האט מען זי אויפגעוועקט בייטאג. פרעמדע מענשען האבען געעפענט די טיר. ארייננגעבראכט די מוטער, אויסגעטאן זי און ארייננגעלעגט צו איהר אין בעט. זי האט זיך דערשראקען — נאר עס איז איהר באלד גוט געווארען: דער מוטערס לייב האט געברענט ווי א פייער! עס איז איהר נאך קיינמאל אזוי ווארעם, אזוי טרוקען נישט געווען!

ביים לעגען אין בעט אריין האבען די פרעמדע געוואלט עפעס ארויסנעמען ביי דער מוטער פון דער האנט, נאר זי האט נישט גע־לאזט... מן הסתם א קרעפעל! זי לאזט זיך ארונטער אונטער דער קאלדרע און געפינט די האנט, זי עפענט זיך לייכט און זי שווימט ארוים פון אונטער דער דעק מיט עפעס ווייסעם, דינס און הארטס. זי כאפט עס אין מויל אריין, — עס עסט זיך נישט... זי נעמט עס ארויס פון מויל, באקוקט און דערזעהט עפעס א פארטרעטעל, א קליינס אין עק פונ'ם ווייסען...

— וואס — איז — דאס — מאמע? — וועקט זי די מוטער, נאר זי ענטפערט נישט.

עס קומען אריין צוויי ווייבער, איינע דערלאַנגט איהר עפּעס צו עסען א לעקעכעל — און נעמט ביי איהר ארוים דאָס ווייכע מיט דעם פּאָרטרעטעל פון דער האַנט. עס איז א בריף, נאָרביידע ווייבער קאָנען נישט לייענען.

דערווייל קומט אָן אן מאַנספּערשוין, דעקט אויף די מוטער, באַקוקט זי, נעמט ביי איהר די האַנט...

זי הויבט אָן שרייען, זי האָט מורא מען זאָל איהר די מוטער נישט צונעמען, און עס ווערט איהר אויך קאַלט. נאָר מען דער־לאַנגט איהר עפּעס אין מויל און זי שווייגט.

— ר׳ מרדכי! — מאַכט איינע פון די ווייבער, — לייענט נאָר דעם בריף.

דער פרעמדער טוט עס און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דער מאַן — זאָגט ער — שרייבט, אז ער איז קראַנק גע־וואָרען פון דער שווערער ארבייט. א שניידער איז ער, ארבייט אי־בער אכטצעהן שעה א טאָג... ער בעט זי, זי זאָל איהם שיקען געלט צוריקצוקומען...

— נאָר! נאָר! זיס! — האַקט די קליינע איהם איבער און שטרעקט אויס די הענט.

די ווייבער הערען זי נישט.

— אויף שעהנע צרות געקומען — זאָגט איינע.

אין בעט איז געוועזען היים, דערנאָך האָט מען נאָך איינגע־הייצט אין אויווען.

וואס פאַר א גאָלדענע נאַכט עס איז געוועזען. די מוטער וואַ־רעמט... ביים בעט זיצט א פרעמדע און דרעמעלט און ווען זי כאַפּט זיך אויף, דערלאַנגט זי עפּעס דער מוטער אין מויל אריין. זי וויל אויך דאָס אייגענע. זי וויל שוין אָנהויבען שרייען, נאָר די פרעמדע האָט מורא פאַר איהר קול און דערלאַנגט איהר עפּעס זיסעס, זי רופט עס לעקעכעל און זעצט זיך צוריק און דרעמעלט ווייטער. און דאָס לאָך פון אויווען איז אָפען, עס ברענט... וועה, וועה, אַזוי רויט, אַזוי שעהן. עס דרעהט זיך, עס טאַנצט ציק־ציק־ציק! ערשט שוואַרץ, אצינד רויט, אוי, ווי שעהן־רויט..

איינמאָל ביינאַכט האָט מען זי איינגעוויקעלט אין א וואַרע־מען שאַל און געטראָגען פריהער ערגעץ ווייט, דערנאָך הויך אויף טרעפּ און מען האָט זי אריינגעבראַכט אין א פרעמדע, קאַלטע שטוב

אריין. אינמיטען שטוב איז געזעסען א קליינע אלטע ציטעריגע אידענע און האט געפליקט פעדערען. אין די זייטען אויף שעניקעס אויף דער פאדלאגע זענען קינדער געשלאפען...

די פעדער־פליקערין האט זיך נישט געריהרט פון ארט. נאר געפרעגט מיט א פישטשענדיג אפגעריסענעם קול:

— ווער וועט צאהלען?

— מען וועט שוין צאהלען! — האבען געענטפערט די אידענעס, וואס האבען זי געבראכט.

— מאמע! — האט די קליינע ארויסגעלאזט א געוויין, פאר שרעק און קעלט צוזאמען.

נאר קיינער קוקט זיך אויף איהר נישט אום.

— א יתומה? — פרעגט ווייטער די פארפעדערטע אלטע.

— נאך נישט...

— מאמע!

— שריי נישט, בהמה, — ענטפערט איהר איינע פון די אידענעס, — די מאמע איז אוועקגעפאהרען.

פלוצלונג איז איהר פרעהליך געווארען און א שכל'דיגער פונק האט זיך איהר באוויזען אין די אויגען.

— צום... צום... טאטען? — נאר מען ענטפערט איהר נישט.

— וואו וועט זי שלאפען?

— היינט מיט מיר.

די אידענעס לעגען זי אין א קאלט בעט אריין, דעם שאל נעמט מען צו און זי הויבט אן ציטערען.

— מאמע! — צולאזט זי זיך אויף א קול.

— נעמט זי איין, פריידעל, — זאגען די אידענעס.

— געהט נאר, געהט! — ענטפערט די פארפעדערטע, — דאס איז שוין מיין זאך.

די, וואס האבען זי געבראכט, געהען אוועק און די אידענע פון די פעדערען הויבט זיך אויף און געהט צו איהר צו.

— שוויינ! — מאכט זי הארט און טרוקען. און זי דערשרעקט זיך און בלייבט שטיל.

זי קריגט אין דערפריה, גלייך מיט נאך פיער קינדער, א שטי־

קעל ברויט מיט טיי — טיי האָט זי שוין לאַנג נישט געטרונקען. זי האָט עס גאָר פאַרגעסן. בייטאָג קריגט זי אַביסעל קאַרטאָפלעס אָדער קאַשע, ביינאַכט ווייטער טיי מיט ברויט... זי איז כמעט זאַט. נאָר עס איז איהר נישט גוט. זי האָט פיינט די קינדער און מורא פאַר פריידלען און בענקט...

— מאַמע!

נאָר פריידעל גיט אַ קוק אויף איהר און זי שוויינט. פריידלען האָט זי שרעקליך פיינט.

איינמאָל, ביינאַכט, (זי האָט נאָך אַלץ נישט איהר שעניק און שלאָפט נאָך אַלץ נישט ביינאַכט נאָר בייטאָג) קריגט זי חשק זיך איבערצודרעהען צו דער אַלטער און צו בייסען און דראַפּען די שלעכטע, די מרשעת... נאָר פריידעל שלאָפט מיט האַלב אָפענע אויגען און זי דרעהט זיך צוריק איבער דערשראָקען.

— ווערסט איינליגען אַמאָל? — פּישטשעט פריידעל׳ס קול און דערלאַנגט מיט דער ביינינער פויסט אין די פּלייצעס.

מיט דער צייט האָט זי די מוטער פאַרגעסען! דאָך בענקט זי און שרייט אַלץ אינאיינעם: אַרויס! אַרו׳יס!

זי האָט איהר שעניק באַקומען און פון דאַמאָלט אָן האָט זי פאַר פריידלען ווייניגער מורא: זי אַנטלויפט פאַר איהר, און אין לויפען קערט זי אום און שלאָגט די קינדער, צוויאַגט די פעדערען, צוברעכט דעם טאָפּ פון זיי... פריידעל כאַפּט אַ בעזים, נאָר זי פאַר־לירט דעם אָטעם נאָכיאָגענדיג די „ווילדע בריאה“, פאַר דאָס איז זי זיך אָן איהר שפּעטער נוקם. זי מאַכט זיך רוהיג און שטיל. פאַר דאָס, אַז די „ווילדע בריאה“ שלאָפט שפּעטער אויף דעם שעניק, וואַרפט זי זיך אויף איהר אַרויף און צוהאַקט איהר דעם לייב מיט די נעגעל. זי וויינט נישט, נאָר פאַרבלוטיגט בייסט זי די ליפען. די יעשט גרינע קינדער באַהאַלטען זיך אין די ווינקעלעך און אָטע־מען פאַר שרעק...

נאָר היינט האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. אַ אידענע איז גע־קומען צו פריידלען און געזאָגט, אַז מעהר וועט מען שוין פאַר דער ווילדער נישט צאָהלען: „נישטאָ פון וואַנען“.

פריידעל האָט זיך אויפגעשטעלט, אין די אויגען האָט איהר אויפגעבליצט די רשעות. זי האָט אָנגעכאַפּט די „ווילדע בריאח“ און אַרויסגעשטופּט פון שטוב.

די ווילדע בריאה איז אראפגעקראכען אויף אלע פיער פון די טרעפ (נעהן אויף טרעפ האט זי נישט געקאנט) און אצינד, הא, הא! זי זעהט די גאס! אזוי ווייס, אזוי שעהן! א גלייכער, ווייסער, בלישטשענדיגער שניי! הו הא!

און זי לויפט איבער'ן שניי בארוועס און לאכט...

# די לבנה דערצעהלט.

מיך פון קוקען אויף ווייסע; מארמאר און אויערם ווייסע גאז־באלייכטונג, האב איך מיך אוועקגערדרעהט און געווארפען א בליק אויף אן הינטערגאס.

פון אן איבערגעבויגענעם הייזעל געהט ארוים א בארוועס אינגעל, שלעכט געקליידט (די שמאטעס האלטען זיך אויף איהם קוים) און קעגענאיבער, פון א צווייטען הויז כמעט א מפלת, קומט אויך ארוים אזא אינגעל.

קוים זענען זיי איינער צום צווייטען צוגעקומען, האב איך שוין נישט געוואוסט, וועלכער עס איז ארוים פון וועלכען הויז.ביידע אויסגעדארט, מיט ברענענדיגע אויגען, ביידע ציטערען פאר קעלט, אפשר פאר הונגער אויך.

איך הער, ווי זיי שמועסען.

— פארטיג?

— און דו?

— אויך!

— האסט געגעסען?

— ניין... דער טאטע האט נישט געבראכט.

— מיינער — קראנק; די מאמע וויינט...

— געהען מיר?

— בעסער לויפען... ס'איז קאלט...

— נו!

זיי לויפען פייל פון בויגען אין שטאדט אריין.

איך קוק זיי נאך.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלען זיי זיך אפ.

— זעהסט! מיין פעטערס הויז! — מאכט איינער שטאלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף א הויז קעגענאיבער!

— דאס איז מ י י ן פעטערס!

— מיין פעטער האט מען אבער געבראכט אן אראביש פערדעל פאר זעבצעהן טויזענט!

— מיינער האט א קארעטע מיט פיער פערד, ווי די לייבען!

— מיינער האט אפשר טויזענט דערפער!

— מיינער — אפשר הונדערט שטעדט!

— שוטה! ביי מיין פעטער זענען די מעבעל פון גאלד!

— בהמה! ביי מיין פעטער — סאמע ברילִיאנטען!

— אבער מיין מוהמע מיט איהרע פערפומען! די נאז רייסט עס אויף!

— א וואַ! מיין מוהמע געהט אלע טאג אין טעאטער אריין...

— און אז מיין פעטער שפילט יעדע נאכט אין קארטען — הא?

זיי האבען זיך לאנג געשפארט און שיער נישט נעפאלען זיך אין די האר אריין...

איינער איז דאך פריהער אפגעשטאנען.

— קאלט, — מאכט ער מיט א ציטער.

דער צווייטער שטעהט אויך אפ:

— איך בין זעהר הונגעריג, — זאגט ער, — עס נאגט מיר קלינג אן ביי דיין פעטער...

— ניין — ענטפערט יענער דערשראקען — ער האט אנגעזאגט דעם שווייצער, ער זאל מיר הענט און פיס צוברעכען!

— מיין פעטער — דאס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.

זיי לאזען ביידע טרויעריג אראפ די קעפ.

— געהען מיר?

— בעסער לויפען...

און אויפ'ן וועג:

— מארגען בייגאכט נאך אמאל...

— יא... איבערלויפען... איך וועל געבען א סימן... איך וועל א קרעה טון ווי א האן...

— איך וועל דיר ענטפערען מיט א מיאוק פון א קאץ.

— גוט...

זיי זענען מיר פארשוואונדען געווארען.

# קינדער־שפּיל.

## 1.

א גאָלדענער טאָג...

די זון אויבען אין בלויען הימעל, די קאָפּולע פון דער צערקווע אונטען אין דער בלויער לופט — פלאַקערען... שפּריצען פייער.

די אַלעע אין סקווער ארום צערקווע איז איבערפול, דער אויס־געשפּרייטער זאמד בליצט גאָלדיג, דאס ליכט רייסט זיך אריין צווי־שען די געוויקסען, באַזוכט די פּאַרוואַקסענסטע ווינקעלעך און באַ־שיינט א חברה קינדער, וואָס ליגט ארום קלאָמב פון אויסגעמישטע פלאַמענדיג־רויטע רויזען און אַפּגעמאַטערטע, האַלב־געבויגענע ווייסע ליליען.

— סקומשנאַ!*) — רופט זיך אָן א אינגעל פון א יאָהר פופ־צעהן, אין א גענעראלסקין מונדיר מיט א רויטען אונטערשלאָג, רויטע קלאַפּען און זילבערנע טראַלבען. ער שפּרינגט אויף.

עטליכע „מאַטראָסען" טוען דאַסזעלבע, גענעצענדיג, און ווי־שענדיג זיך דעם שוויס. —

די רעשט קינדער שטעהט אויך אויף, — אָרעמערע קינדער, אין איבערגעמאַכטע זאַכען, אָן וועלכע מען דערקענט די פּאַטערס: א פּאָליציי־מאַן, א צערקווע־דינער, אַן אָרעמער טשינאָווניק...

די האַלטען זיך אביסעל פון וויטען, מיט אויסגעשפּיצטע אויערען, גרייט צו דערפילען יעדען באַפעהל

— קומט ווייטער שפּילען! — זאָגט דער גענעראַל מיט א שטימע, אין וועלכער עם קלינגט שוין א קאָמאַנדאָ־טאָן.

— אין וואָס? — פרעגט א מאַטראָס.

---

*) לאַנגווייליג.

— אין אן אביסק! 1) — רופט זיך נישט דרייסט אן אייגער פון ארעמען עולם.

— בילא! 2) — גענעצט דער „גענעראל!“ —

— וויענטשאניע! 3) — פראפאנירט א מאטראס.

— די באַרישניעס 4) קאנען נאך נישט ארויס פון פריאיוט 5).

— זיי וועלען אנקומען.

— אבער דערווייל? — סקוטשנא! — גענעצט דער גענעראל. א קליינע פויזע.

— וו סוד! 6) — הערט זיך א שטילער פארשלאג, ווייטער פון ארעמען עולם ארויס.

— כאראשא! 7) — שמייכעלט דער גענעראל —

— נא, קאווא סודיט טא? 8) — פרעגט א מאטראס.

— ווזיאטאטשניקא! 9)

— ניע סטאיט! 10)

— ראזדענסטוויענקאווא!

— עטא געראי! צאר יעווא זשאלויעט 11)

— שמיטא! מאשענניקא 12) שמיטא! ראזבאיניקא 13)...

— כאראשא... — רופט מען ארום.

— ווער וועט זיין שמיט? — פרעגט דער גענעראל. אלע ציהען מיט די אקסעל; קיינער וויל נישט... אלע קוקען מיט רחמנות פנים׳לעך און האלב מיט שרעק צום גענעראל, ער זאל, חס ושלום, נישט הייסען...

— וואניא בודיעט! 14) — רופט אויס דער גענעראל.

וואניא, דער אינגסטער, לויט די קליידער אויך דער ארעמס־טער, א געלבליך בלאסער, מיט א גרויסען קעפעל, אויפגעשוואומע־נעם בייכעל און פייל־ענבויגענדיגע פיסלעך, באקומט טרערען אין די אויסגעזעצטע אויגען.

— יא ניע כאטשיע! 15) — שטאמעלט ער, וויינענדיג.

---

1) אונטערזוכונג. 2) שוין געווען. 3) חופה, קדושין. 4) פרויי־ליינס. 5) אזיל. 6) געריכט. 7) גוט. 8) נאר וועמען משפט׳ן? 9) לאפאווניק, שוחד נעמער. 10) נישט כדאי. 11) דער קייזער האט׳ן ליעב. 12) שווינדלער. 13) מערדער. 14) וואניא וועט זיין. 15) איך וויל נישט.

דער גענעראל טופעט מיט'ן פוס.

— דו מוסט...

— ניין, ניין! — דאס אינגעלווארפט זיך אויף דער ערד.

— איך הייס!

— ניין און ניין! — און דאס אינגעל גראבט אריין די הענט־לעך און די פיסלעך אין זאמד — כאטש טויט מיך.

— חברה הייסט! אמת?

— יא! יא! — רופען זיך אן אלע ארום...

— אגיט, טרייבט מען דיך ארויס פון חברה!

— טרייבט! — שרייט וואניא מיט פארצווייפלונג.

— וואניא, — רופט זיך אן דער גענעראל ווייכער — וואניא — און געהט צו צום ליגענדיגען — הער, וואניא, — ער באמיהט זיך וואס מעהר ליעבשאפט איינצופליסען אין דער שטימע — באַקומסט, ווייסט וואס?

— וואס? — העשעט וואניא, און הויבט דאס קעפעל אויף העכער אביסעל און קוקט צום גענעראל ארויף מיט א הונגער־בליק.

דער גענעראל קלערט א ווייל און פלאצט ארויס, — שאקאַלאד!

וואניא'ס הונגער־אויגען בליצען אויף.

— א גאנץ טעוועלע?

— א האלבס! — דינגט זיך דער גענעראל.

— א גאנץ! — שפארט זיך איין וואניא.

— א גאנץ! — גיט דער גענעראל נאך, נישט אהן פארדרוס. נאר וואניא'ס אויגען לעשען זיך צוריק אויס.

— גענארסט מיך?

— ניין... מיין גענעראלסקע ווארט!

— גיב פאראויס!

— נא! — און דער גענעראל נעמט ארויס. נישט אהן חרטה, א טעוועלע שאקאלאד און דערלאנגט וואניא'ן.

וואניא גראבט אויס דאס רעכטע הענטעל פון זאמד און כאפט אן דאס טעוועלע פון דער אויסגעצויגענער זייט.

דער גענעראל פארהאלט די צווייטע זייט, וועלענדיג אפברע־כען כאטש א שטיקעל.

וואניא באמערקט דעם מאנעווער, רייסט געשווינד אוים דאס גאנצע טעוועלע.

— פרעסער! — זידעלט דער גענעראל, און איבערדרעהענדיג זיך צו חברה:

— אצינד קלייבט אוים א וואיענע סוד*).

— דו — פרעדסיעדאטעל!**) — רופט מען צום גענעראל.

נאר וואניא, וואס האט זיך שוין געהאט אויפגעזעצט, מיט ציטעריגע הענטלעך אפגעשיילט דאס טעוועלע פון בליצענדיגע בלייערנעם העמדעל און געכאפט צום מויל, נעמט עס נאכ'ן ערשטען אפלעקען צוריק ארוים פון מויל און צואווייגט זיך.

— וואס ווייטער? — דרעהט זיך אוים דער „גענעראל" צו־קאכט.

— איהר וועט מיך שלאגען!

א שטילע רחמנות'דיגע פויזע.

— נו, — רופט זיך אן א מאטראס — אביסעל שלאגען מוז מען דאך!

— אבער נישט קאפען מיט די פים! — בעט זיך וואניא...

— גוט! — גיבען אלע נאך.

— נישט רייסען ביי די האר...

— נאר אביסעל!

— ניין, גארנישט, עס טוט וועה! — צוהעשעט זיך וואניא.

— און נישט שטעכען מיט שפילקעס! — גיט ער צו.

דאמאלט געהט צו איהם נעהנטער צו דער גענעראל, און טוט א טופ מיט'ן פוס און א געשריי:

— פרעס!

וואניא ווערט פארציטערט, כאפט די שאקאלאד אין מויל אריין און לעקט.

— פרעס! — זאג איך.

---

*) קריגס־געריכט.

**) פארזיצענדער.

וואניא הויבט אן קייען פאר שרעק.

— געשווינדער!

וואניא פאלגט; א רגע, און דאס גאנצע טעוועלע פארשווינדט.

— אצינד מוזט דו! — שרייט דער גענעראל, און אויסדרע־ הענדיג זיך צו די חברה:

— קלייבט זאסיעדאטעליעס!

## 2.

אינמיטען הויף ליגט אן אלטער באלקען.

ערגעץ איינגעמויערט, האט ער, גאט ווייס ווי לאנג, דאס הויז געשטיצט; ארויסגעווארפען, פוילט ער אינמיטען הויף.

עס פרעסען איהם די ווערעם, מען צופט פון איהם העלצלעך פאר עדות צו די נעגעל פארברענען, מען רייסט פון איהם שטעכער צו די ציין, מען כאפט פון איהם א קינדעל א פייער אנצולעגען... איינמאל האט אין איהם א דונער אריינגעשלאגען — און — ער פוילט ווייטער!

* * *

אין דער פריה האט געכאפט א פראסט.

ארום קלאץ הענגען ארום דינע אייז־צאפען פון אויסגעקרימ־ טע זייטען.

עס עפענט זיך א טיר, און א ווייבערשע האנט שטופט ארויס א האלב־נאסען קינד.

— געה, געה, קער מיר נישט איבער די וועלט!

דאס קינד בלייבט שטעהן ביי דער טיר און וויל אנהויבען צו וויינען, נאר ער דערזעהט דעם אייז־צאפען און דערפרעהט זיך.

ער לויפט געשווינד אריין אין אן אנדער שטוב און קומט ארויס מיט נאך א חברה קינדער.

מיט א געלארם לויפט דער יונגער עולם צו צום קלאץ.

דאס געלויף האט ארויסגערופען נאך אנדערע קינדער פון די

שטיבער; טייל מיט שטיקלעך ברויט אין די הענט.

— שפּילען אין אייז־צאַפּען! — ווערט א געפּישטשעריי.

און דער עולם לענט זיך אוים אויפ'ן פאַרפרוירענעם הויף מיט די קעפּ אונטער דעם אונטערגעפוילטען קלאָץ. יעדעס קינד נעמט אַ אייז־צאַפּען אין מויל אריין...

— נאָגט! — קאָמאַנדירט איינער פון דער חברה.

און דער עולם נאָגט.

ווער עס וועט פריהער אויסנאָגען זיין צאַפּען, וועט געווינען אַ אַלטע פעדער, אַ שטאָלערען קנעפּעל...

וועלען אויסנאָגען צוויי אין איין צייט, וועט ווערען אַ געשלעג...

# אויך אַ קרבן.

**(ווי אַזוי אַ פּרוש, אַן אַלטער מיט אָפּגענומענע פיס, איז געפאַלען אין קלויז בשעת מלחמה...)**

אַ קלויז־זיצער איז ער שטענדיג געווען, אַ תם אַ קלויז־זי־צער... נאָר אַ דירה געהאַט, אַ רוישענדיגע דירה מיט זיהן און שניר, טעכטער און איידעמס. פאַר'ן גערויש פלעגט ער טאַקע אַנטלוי־פען פון דער היים און אָפּזיצען גאַנצע טעג אין קלויז איבער אַ ספר. דאַס הויזגעזינט האָט געשפּייזט זיין אשה חנה'לע פון שפּייז־געוועלב...

פיער וועגען האָט דאָס שטעדטעל אין דער וועלט אריין: אין צפון־זייט אַ בריק איבער'ן וואַסער, מזרח און מערב — אַ שאָסיי, וואָס לויפט איבער דער שטאָדט, דורכשניידענדיג דעם מאַרק, אין דרום־זייט — אַ פּוילישען שליאַך. און אויף די אַלע פיער וועגען זענען איהם איינציגוויז די קינדער אין דער וועלט אריין... דער־נאָך חנה'לע אַן אַ וועג צום בית־עלמין... אַ קרובה האָט זיך אין שפּייז־געוועלב געשטעלט און איהם געשפּייזט... דערנאָך האָט איהם עפּעס די פיס אָפּגענומען, הילצערנע פיס באַקומען. דאָס ביסעל סחורה אין שפּייז־געוועלבעל האָט זיך אויסגעלאָזט, און דער בעל־הבית פון הויז, אַ איד מיט אייזערנע הענט, האָט איהם גענומען מיט'ן געלעגער און געטראָגען אין קלויז אריין און געלעגט אויף אַ באַנק הינטער'ן אויוון; מילא, ער האָט די דירה באַ־דאַרפט... און קיין רעה האָט ער איהם נישט געטאָן... די קלויז האָט איהם אויסגעהאַלטען בכבוד. זעלטען אַ טאָג, למשל, אַ יריד, אַ טאַרג — אַז מען האָט אַן איהם פאַרגעסען. די אינגלעך פון קלויז—וואָוילע בחורים — האָבען איבער איהם משמורת געמאַכט. יעדען טאָג האָט אַ משמר פון צוויי אינגלעך אין דער פריה אראָפּגענומען

איהם פון געלעגער הינטער'ן אויוועז צום כיור און אפגעגאסען די נעגעל און פון כיור צו דער דרום־וואנט ביים פענסטער אין דער־לאנגט א ספר אין דער האנט אריין... „טעג" האט מען איהם פון שטעדטעל געשיקט, אויך א משמר געמאכט... אזוי פלעגט ער זי־צען גאנצע טעג, קוקען אין ספר אריין און רעדען מיט די, וואס זענען נעהנטער צוגעקומען... מען פלעגט אמאל פון שטאדט זיך אן עצה האלטען... א זקן און בן־תורה און „אויס־געטוענער"...

לעצטענס האט מען אן איהם אנגעהויבען צו פארגעסען...

רעדלער האבען געטרוישט: מלחמה, מלחמה.

זייער דאגה: מלחמה...

דערנאך: היי און האבער, ווארעמע זאכען, רובעלס, מאר־קען, קראנען...

זייער באבעס דאגה...

ציינד זעהט ער, זיצענדיג ביים פענסטער, ווי דאס גאנצע שטעדטעל לויפט... אנשים, נשים וטף... אלע לויפען און אויף איין וועג...

אז פארטאג איז אויפגעשפרונגען די בריק איבער'ן וואַ־סער פון צפון־זייט, זענען די איינגלעך, וואס האבען איהם אויפ־געהויבען און נאר וואס געזעצט, אנטלאפען און איהם אפילו קיין ספר אין האנט אריין נישט געגעבען — האט ער געמאכט:

„שכחו וגבורותו" איבער א דונער, א שטארקער דונער גע־וועז... צו שחרית איז קיינער נישט געקומען... ציינד לויפען זיי... וואוהין? ער מוז אבער צוריק אויסדרעהען דעם קאפ צו דער קלויז. ריהרען קאן ער זיך נישט, און דער אויסגעדרעהטער האלז, טוט שוין צו שרעקליך וועה... און קיין ספר אין דער האנט ארייצוקוקען האט ער נישט, און עפעס קלערען קאן ער אויך נישט. ביים קלערען איז ער געוואוינט די בארד צו צופען, און אהן א ספר האט ער נישט וואו די האר פון דער בארד אהין צו טון. כאפט ער איין האנט אין דער צווייטער, פארפלעכט די פינגער, וואס עס וועט זיין — וועט זיין... און איז אלטען מח קריכען דאך ארום געדאנקען. אליין... פון זיך.

פארגעסען האט מען איהם ציינד גאר אינגאנצען...

וועט איהם אויסקומען, הייסט עס, אויסצוגעהן... איז נאר א קלער: פאר הונגער צי פאר דורשט?

אין כיור מוז נאָד זיין אביסעל וואסער... קעגענאיבער אויף דער וואנט הענגט דער ערוב תבשילין... נאָר וואו נעמט מען פיס ?

סיי ווי סיי, פאר הונגער צי פאר דורשט — מיתה, און מיתה משונה. צי קומט עס איהם ? אז עס וועט קומען, קומט איהם, ער געדענקט נישט פארוואס, א בשר ודם האט שכחה...

אבער נישט אזוי געשווינד ! שמייכעלט ער.

ער וועט זיך לאנג ראנגלען מיט איהם, דעם מלאך המות. שני וחמישי פאסט ער מנעוריו... לעצטענס פלעגט צוקומען א תענית איבער א וואָד, אמאל צוויי... ביי חנה'לען פלעגט זיך עס נישט טרעפען. די שטאדט פארגעסט !

דער האלז האט זיך אפגערוהט, ער וויל אויסדרעהען דעם קאפ צום פענסטער, צי מען לויפט נאָד, דערהערט ער אבער געריויש פון רעכטס און לינקס... טריט, מענשען־טריט, פערד־טריט... רעדער פון וועגען שווערע. עס מוז זיין חיל... פון רעכטס חיל און פון לינקס חיל... ווייט נאָד ווייט, נאָר עס ציטערט שוין די ערד... צוויי חיילות קומען זיך אקעגען... פון איין זייט אונזערער, פון דער צווייטער — דער שונא. פון וועלכער זייט עס קומט דער און פון וועלכער זייט יענער, ווייסט ער נישט... אבער אין דער מיט צווישען צוויי חיילות איז ער... און עס קאן זיין, אז ער וועט אומקומען נישט פאר הונגער און נישט פאר דורשט...

ער הויבט אן שטיל צו זאגען ודוי און פלוצלונג :

טראד, טראד !

עס האט זיך אנגעהויבען טרוקענע קלעפ פון ביידע זייטען. דאס, א פנים, שיסט מען פון ביקסען... קוילען מוזען פליהען פון איין חיל צום צווייטען. אז מען כאפט נישט אוועק דעם קאפ...

טראד, טראד, טראד...

א ציטער פאר שרעק איז איהם דורכגעלאפען דורך די אפגעשטארבענע קני און א ציטער פון פריידיגער האפנונג דורכ'ן אלטען בלוט און די ענגע אדערען. די פיס כאפען זיך. ער האט געהערט, עס טרעפט זיך פאר שרעק ; נאָר ביידע ציטערען זענען פארביי. צוריק אפגעשטארבען די פיס. און צו וואס פחד ? ממה נפשך, איז ער חייב מיתה, מילא ! אויב נישט...

טראד, טראד, טראד... געדיכטער, פעסטער. און : בום, בום, בום ! שוין הארמאטען. ער געדענקט, ווי הארמאטען זעהען אויס.

ווי דאס הילכט! און עס קומט אלץ נעהנטער און נעהנטער. אט ריהרט זיך די קלויז, עס ציטערען די ווענט, די גאנצע קלויז פון גרונט ביז'ן דאך ציטערט, וויגט זיך, וואקעלט זיך, שטיקער ציגעל פאלען ארויס פון ווענט. אביסעל ארויס, אביסעל אריין, און אלץ מעהר... ווען א ציגעל טרעפט, איינער, א צווייטער און מעהר, וואלט געוועזען: —

סקילה!

קומט איהם סקילה? — ווער ווייסט? —

א פנים נישט. די קלויז וואקעלט זיך, וויגט זיך, ציטערט אין אויער און האלט זיך. א פארצייטיג בנין... א זעצעריי פון דרויסען. אנדערע הייזער פאלען. א מערכה — לעדיגע. די קלייט האלט! אפשר אין זכות פון ארון קודש, פון די ספרים הקדושים, אין ארון קודש... סיי ווי סיי — נישט סקילה...

טררר!

א שטיק פייער פון איבער דער קלויז האט דורכגעריסען דעם דאך און געפאלען פאר'ן ארון קודש. אנגעצונדען די פארלאגעס אלט האלץ, אנגעכאפט זיך. פייערדיגע צונגען לאזען זיך אראפ צו די טרעפלעך. אנדערע הויבען זיך און כאפען ארום די טירלעך... זיי פלאצען. פראלען אויף. די פייערדיגע צונגען כאפען ארום די מענ־טעלעך... כתרים פאלען אראפ אין פייער אריין. פארמעט הויבט אן ברענען... מען דארף מציל זיין די ספרים הקדושים. נישטא קיין פיס. און זיי — אנטלאפען... איהם פארגעסען, די ספרים הקדושים פארגעסען... און די פייערדיגע צונגען שפרייטען זיך רעכטס און לינקס און אראפ אין קלויז אריין. די ספרים־שענק רעכטס און לינקס צום ארון קודש ברענען... דאס פייער קריכט צו איהם נעהנ־טער. האט ארומגעכאפט די שטענדערס... אויסגע'חלב'עט, זיי פלאַ־קערען... עס געהט צום שלחן... אויך דאס זעלבע... און עס געהט נעהנטער...

שרפה וועט זיין! שרפה!

— בום־בום!

א נייער קלאפ אין דאך אריין!

— נישט שרפה!

עס קומט איהם, באשיינפערליך, נישט קיין שרפה. דער דאך פון ארון קודש ביז איבער'ן שלחן איז אראפגעפאלען און דאס

פייער באגראבען... אבער אינ׳ם הויפען ברענט ווייטער. פון צוויי־שען די שטיקער סופיט געהט א רויך, א געדיכטער, און פארפולט פאמעלעך, פאמעלעך די קלויז. אסך געהט ארויס דורכ׳ן דאך: אסך בלייבט און שפרייט זיך... עס בייסט איהם די אלטע אויגען אויס, א פול מויל מיט ביטערקייט, אט אטעם פארפעהלט, נישט אפצוהוסטען...

— חנק וועט זיין, חנק!

נישט באשערט געווען קיין חנק.

די טיר פראלט אויף. א ווילדע בריאה, א קורצע נאז, צור־קאכט־בלוטיגע אויגען אין געשויבערטען קאפ — אונזערער צי א שונא... ער ווייסט נישט...

פאלט אריין, הרב שלופה אין דער האנט. א ווילד געשריי:

שפיאן! שפיאן! און —

א זעץ אין אלטען הארץ אריין.

וואס „שפיאן" איז טייטש, ווייסט ער נישט, נאר איינס ווייסט ער אויף זיכער, די אויגען זאגען!

הרג—און בסייף.

# מעשה׳לעך

## וואס מתים דערציילען.

עטליכע טעג נאכאנאנד האב איך געהונגערט.

און אז דער קאפ איז שוין צו־שווער געווארען, דאס בלוט האט מערדעריש אין די שלייפען געהאמערט, און פאר די פינטעל־דיגע אויגען האבען ווערימלעך געווימעלט, און איך האב מיך, אנ־האלטענדיג זיך ביי די ווענט, ארויסגעוואקעלט פאר דער טיר ב ע ט ע ן ברויט, איז פונקט געווען תשעה־באב, ווען אלע פאסטען.

די זון איז געשטאנען הויך איבער׳ן מארק, געגאסען ליכט און היץ אין די פארבארגענסטע ווינקעלעך אריין... און עס געהען די פאסטער אויפ׳ן בית־עלמין ארויס, זיך קיהלען.

געה איך מיט.

בוימלעך וואקסען צווישען די קברים, נאגען זיי די טויטע אויס. צום הימעל רייסען זיי זיך נישט, האבען זיי דערפאר שטא־מען פעסטערע, צווייגען דיקערע, צושפרייטערע, און בלעטער — פעטערע און גרינערע, און גיבען שאטען אסך. —

געקומען בין איך, דער הונגעריגסטער, אמשפעטסטען.

פארדריסט עס מיך; אלץ פארדריסט א הונגעריגען.

אויך פארדריסט מיך, פארוואס געהען די לעבעדיגע צווישען די קברים און וואקלען זיך, און וואלטען געשטרויכעלט און געפא־לען, ווען עס זאל זיך וואס אמאל א לעבעדיגער נישט אנכאפען אן א מצבה פון א טויטען...

און פארוואס, ארומדרעהענדיג זיך צווישען די קברים, רע־דען זיי אזוי שטיל? פארוואס זאלען די טויטע נישט הערען?

ווערען זיי מיר פארהאסט, די לעבעדיגע, מיט זייער סוד׳ען און וואקלען זיך, לאז איך מיך פון זיי צום שטיק א ל ט ע ן

בית־עולם אוועק, וואו די לעבעדיגע געהען שוין נישט, וואו זיי קאנען זיך שוין קיין קרובה׳שאפט נישט אויסרעכענען, און זייער פוס טרעט נישט. און ווארף מיך אין הויכען גראז אריין, וואו איך זעה־אלע און מיך זעהט קיינער נישט. און אז איך וויל אויך נישט זעהן, לאז איך די ברעמען אראפ, מאך די אויגען צו פעסט, דריי־מעל איך איין — —

געדענק איך נישט, וואס מיך האט אויפגעוועקט: א חלום א בייזער, צי א בייסענדיגער קאמאר. נאר אז איך האב מיך אויפגע־כאפט — א גרויסע לבנה שווימט, א שטילער בית־עלמין, טויטע שטערען נישט, שפעטער אווענט, פון שטאדט זעהען זיך נאר די באלייכטע פענסטער פון שול, דארט זאגט מען „ויחל״.

ווייסע פלעקען שוועבען דורך. דאס געהען מתים פארביי. מיט די פנים׳ער צו דער שול, מיט די רוקענס צו מיר און זעהען מיך נישט.

נישט ווייט פון מיר, הער איך זיי.

— איך געדענק — זאגט א לאנגער מת — שוין גארנישט.

שאקלען יענע צו מיר מיט די קעפ.

שטעלט מען זיך אפ.

— נאר איין חלום — גיט דער לאנגער צו — איז מיר אין זינען געבליבען; פון די יונגע יאהרען.

— דאמאלט גע׳חלום׳ט. און אפשר ערשט אצינד, און דאס לעבען דארט איז נאר דער באשייד צו דעם חלום געוועזן?

זאגען זיי:

— דערצעהל!

„ער געהט אויף א וועג, איינער אליין, און אין א פינסטער־ניש. וואס הינטער מיר, וואס רעכטס איז אין לינקס, ווייס איך נישט״...

געוואוסט, איינגענטליך, האט ער: סעדער געווען, גערטנער געווען. אין די סעדער און גערטנער זענען הייזער געשטא־נען, אין די הייזער האבען מענשען געוואוינט; יונגוואַרג — אין די סעדער און די גערטנער שפאצירט. פון בוים אראפ, אין די סע־דער, פריש אויבס אין מויל אריין זיך געריסען. בלומען — אין די גערטנער. און אין די גערטנער האט מוזיק געשפילט, האבען זיי ארום דער מוזיק שפאצירט: צום טאקט. אין די זייטען־וועגען — האר־

צינ געפּלוידערט. אין די טונקעלע ווינקעלעך — זיך געקושט. אין די אלטאַנען — געטרונקען און געלאַכט — — נאָר ג ע ז ע ה ע ן דאָס אַלץ האָט ער נישט. פאַר איהם איז אַלץ ארום איינגעזונקען געוואָרען אין חשך. ג ע ה ע ר ט האָט ער אויך נישט — פאַר זיין אויער איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרען... זיינע אויגען האָבען נאָר געזעהן דעם וועג פ אַ ר ז י ך, און די אויערען האָבען נאָר אַ געזאַנג פון ו ו י י ט ע ן געהערט. און אפשר האָבען נישט די א ו י ע ר ע ן געהערט, נאָר דאָס ה אַ ר ץ; אַ שטיל־פאַר'כשופ'טער געזאַנג געווען, אַ ליעד, וואָס האָט געצווי־גען... די ווערטער פון ליעד האָט ער נ י ש ט פאַרנומען; אפשר נאָר אויף אַ פרעמדער שפּראַך געווען, נאָר די מעלאַדיע. געפיהלט האָט ער, אַז ווען ער זאָל די ווערטער פ אַ ר נ ע מ ע ן, וואָלט ער אַ ל ץ געוואוסט, אויף אַלץ באַשייד באַקומען, — אַזוי האָט איהם דאָס הארץ געזאָגט... אין דער וועג גלאַנצט אויך פאַר'־כשופ'ט. עפּעס אַ שימערירענדיגער שאַרף ציהט זיך אין חשך, אויס־געצווינגען ביז אהין, ביז צום וואָרט פון דער מעלאַדיע...

ער זעצט זיך, יענע שטעלען זיך אַרום איהם.

— הײנט, זאָגט ער, ו ו י י ס איך, וואָס דער וועג האָט באַטייט...

„אַסך, אַזוינע, ווי איך, זענען פ אַ ר מיר געווען, האָבען זיי מיט די פיס דעם וועג אויסגעטראָטען. קיין גרעזעל, קיין בלי־מעל געבליבען...

„איך האָב מיך גאַנץ אָפּט אָפּגעשטעלט און געוויינט פאַר צער און צאָרן, פאַרוואָס מען קאָן נישט דערגעהן; זיי אויך...

פאַלען די טרערען פון פּנים אַראָפּ, ווערען זיי אויפ'ן וועג פאַרגליווערט, גלאַנצען זיי, שימערירען זיי, — די איינציגע טרייסט...

„דערגעהן קאָן מען נישט.

„ו ו ע ר עס זינגט און רופט, ווייסט מען נישט.

„אַמאָל האָט זיך מיר געדאַכט — אַ ווייטער שטערן אין הימ־מעל רופט, זינגענדיג. איך געה אַ זינגענדיגען שטערן נאָך. און באַרג אַרויף געהט דער וועג, צו הימעל צו...

„אַמאָל — אַז ז י רופט...

„זי האט שוין ל א נ ג נישט געלעבט. דאס האב איך גע־וואוסט, אבער אז זי רופט...

„און טיילמאל, אז א פ ו י ג ע ל זינגט, נאר עפעס אז א נ ד ע ר ע, נ י ש ט ווי א ל ע..."

ער לאזט אראפ דעם קאפ, פארטראכט זיך און עס דערהערט זיך א פרויען־שטימע:

„איך האב אנדערע וועגן געהאט — אין א גארטען! — גיט זי צו אביסעל באריהמעריש! —

און זיפצט באלד אפ:

— אויך א חלום פון יונגע יאהרען... און אפשר — גע־חלומ'ט ערשט אצינד... איך קאן נישט וויסען...

און זי פארצעהלט:

„א קליין מיידעלע ביז איך געווען, און איינע אליין אין שטוב.

„עפעס זענען אלע אוועקגעגאנגען, אויף א לויה, אויף א שמחה?...

„ניין, געמוזט א קונצענמאכער געהן אין מארק איבער א שטריק; די דינסטען זענען אויך אוועקגעגאנגען.

„קיין ניאניע שוין נישט געהאט; לאנג צוריקגעגאנגען אין דארף אריין.

„אבער גלייך ווי געהאט. איך האב נאך אלע איהרע מעשה'לעך געדענקט. א גאנץ ניאניע־וועלטעל האט אין יונגען הערצעל גע־לעבט — און דאס שפילצייג, וואס איך האב געהאט: העלדען אלערליי, פערדלעך פלינקע, א בת־מלכה, וואס האט געקאנט די אוי־געלעך עפענען און פארמאכען, ווען איך האב געוואלט. און א האן מיט א רויטען קאם און א הון, וואס האט געקוואקעט, ווען איך האב געהייסען... דאס אלץ איז געווען די באפעלקערונג פונ'ם וועלטעל... אפילו דאס טראמפייטערל מיט'ן פייקעל האבען אריינגעפאסט אין דער מלוכה פון די מעשה'לעך... בין איך ווירקליך א גוט און שטיל קינד געווען, קיינמאל נישט געוויינט... לעב איך מיר, אליין גע־לאזט, אין מיין ניאנעס וועלטעל און שפיל מיך...

„שפיל איך מיך אזוי.

„פאלט מיר פלוצלינג איין, גיב איך איינעם פון די העלדען א **פרעג:**

— **האסט מיך ליעב, הוסאר?**

„און דאָס ערשטע מאָל באַמערק איך, אַז ער ענטפערט נישט.
„זאָג איך: קוש מיך! און לעג־צו מויל צו מויל, און צום ערשטען מאָל דערפיהל איך אַ קעלט פון'ם בלעכעל...
פּאַפּט מיך אָן אַ פּלוצלינגער צאָרן.
„וואַרף איך דעם הוסאַר אויף דער פּאָדלאָגע; די אַנדערע העל־דען — נאָך. צוריים איך דאָס פערדעל; שיט זיך שטרוי. די בת־מלכה געשליידערט — פּאַרצעליי פּלאַצט. אַזוי די פּייקלעך. דאָס טראָמפּייטערל — טרעט איך זיי מיט די פיס און שריי:
— ניאַניע! ביסט אַ ליגנערין, ניאַניע!
„ווערט מיר אַ שאָד: אַ וועלטעל טויט געוואָרען...
„באַווייזט זי זיך, די ניאַניע.
„די טיר נישט געעפענט — אַריינגעקומען.
„שמייכעלט זי אַזוי ליעב, יעדעס שרימפּעלע שמייכעלט; פאַרגעס איך אַלץ. אויגעלעך האָב איך שוין טרוקענע. די הענטלעך אַרום איהר האַלז, קוש איך זי —
— קום, — זאָגט זי, — קינד מיינס, שפּאַצירען.
— וואוהין?
ענטפערט זי:
— פאַר'ן הויז! אין גאָרטען אַריין, שפּאַצירען.
„ווייס איך, אַז פאַר'ן הויז איז קיין גאָרטען נישט פאַראַן; נאָר אַז די ניאַניע זאָגט...
„עפענט זי די טיר אויף.
— „דיר, זאָגט זי — מוז מען עפענען.
„געהען מיר אַרויס פאַר דער טיר — אַ גאָרטען.
„אַרום גאָרטען — אַ מויער; אין דער מויער — אַ טירעל פאַראַן.
„עפענט זי מיר דאָס טירעל, שטופּט מיך פּלוצלונג אַריין, זי בלייבט אין דרויסען און פאַרמאַכט מיך איינע אַליין אין גאָרטען...
גיב איך אפילו אַ געשריי! אַזוי שעהן איז ער, דער גאָרטען. ווע־גען — גלאַנצענדיגע.“
און צום לאַנגען, וואָס האָט פריהער דערצעהלט, זיך ווענ־דענדיג:
„און נישט פון טרערען, ווי דיינער!“
און ווייטער באַריהמעריש:

— „מיט נאַלדענעם זאַמד אויסגעשיט!...

„און אַרום זיי — גאַנצע פעלדער בלומען, אַזוינע זאַפטיג־ליכטיג־פאַרביג, אַזוינע מיט וואוילגערוך רייצענדיגע, און אַזוינע ליעבליכע...

„און זיי ווינקען מיר, זיי עפענען חנ׳עוודיג די בעכערלעך און בויגען זיך, און נייגען זיך פאַר מיר, און יעדעס בלימעלע, דאַכט זיך, לאַדט מיך איין, בעט זיך פיין:

— מיידעלע פיינס, קום צו מיר! רייס מיך מיט דיינע ווייסע הענטלעך אָפּ... איך פּאַס צו דיר, באַשאַפען פאַר דיר!

„טו איך עס, און רייס אַ בלום, — גאָט מיין איינציגער! אַ ברענענדיגער שטאָך אין האַנט; אַ דערנדעל, נישט קיין בלום!

„נישט דערזעהן, טראַכט איך מיר, טועה געווען, און רייס אַ צווייטס — דאָס זעלבע, — דאָס דריטע, דאָס פיערטע — דערנדלעך אין דערנדלעך, און איינס פאַר׳ן צווייטען שטעכעדיגער, ברענענדיגער...

„דערשרעק איך מיך. טראַכט איך מיר: אַ פאַלשען וועג גענומען! גיזה איך, לויף איך אויף אַן אַנדערען.

„בלימעלעך נאָך שענערע, פאַרבען נאָך רייכערע, נאָך שמעקענדיגערע בשמים; פאַר דאָס, אין דערנדלעך אויף דער האַנט פאַרביטען, ש ט ע כ ע ן זיי מעהר, ברענען זיי שטאַרקער.

„וויל איך שוין ווינען, די גיאַניע רופען... שוין אויפ׳ן צעהנטען וועג, אויפ׳ן צוועלפטען.

„פליהט אַ מחנה זומער־פייגעלעך פאַרביי. זיי שמעקען נישט, לעבען זיי! און ליכטיגער זענען זיי, און פאַרביגער. לויף איך נאָך, כאַפּ איך איינס — —"

„אַ ווערימעל אויף דער האַנט!"...

— ניין מאָס רייד! — באַמערקט דער לאַנגער.

איילט זי זיך צו:

— לויף איך און לויף, פון ווערים געעקעלט, פון דערנער צו־שטאָכען, די הענטלעך צוהאַקט און פאַרברענט... און לויפענדיג, אַלע מאָל אויף נייע וועגען אַרום גאַרטען, בין איך פּלוצלונג צוריק צום טירעל געקומען...

— געלויבט איז גאָט! — עטעמט אָפּ דער לאַנגער.

מאַכט זי עס נאָך קורצער:

— עפּענט זיך דאָס טירעל אַליין פאַר מיר אויף. קום איך אַרויס — אַ וואַסערל פאַר׳ן טירעל! פריזהער נישט געווען — אַ קלאָר קריסטאַלען וואַסערל...

זאָגט יענער אונטער...

— „שפּיגעל איך מיך!"

באַשטעטיגט זי: יאָ!

און צוריק אין טאָן אַריין פאַלענדיג:

— דערזעה איך מיך: אַן אַלטע, אַ גרויע, אַן איינגעשרומ־פּענע...

„רוף איך דערשראָקען: ניאַניע! ניאַניע!

„באַווייזט זי זיך.

„נעמט זי מיך, ווי אַמאָל, אויף דער שויס, צו זיך, און רוימט מיר עפּעס איין. אַזוי זיס גלעטענדיג און שטיל קושענדיג. און זינגט מיר עפּעס וואָס, און וויגט מיך אַזוי איין, און שלעפערט מיך איין — —

„אויפגעכאַפּט האָב איך מיך דאָ!..."

עפּעס טונקעלער געוואָרען. די לבנה האָט געמוזט פאַרנעבעלט ווערען, אפשר פון דינסט פון די טויטע מעשה׳לעך; איך קוק אויף די מתים, נישט אַרויף. געהט נאָך אַ מת, אַ נידעריגער, אַ דיק־ליבער, מיט אַ האַלז אַ קורצען — געמוזט שטאַרבען אויף אַסטמאַ... און זעצט זיך, נישט ווייט פון מיר, אויף אַ שטיק אַלטער מצבה און זאָגט:

— אויך ביים וואַסערל געווען! אַ שטילס, אַ קריסטאַלענס... גאָלדענע פישלעך אינ׳ם וואַסערל פאַראַן... בין איך מיט אַ ווענט־קע געקומען... געשטעלט זיך, כאַפּען געוואָלט.

„איידער איך לאָז די ווענטקע אין וואַסער אַריין, באַווייזט עס זיך!

„אַ קינד, אַ הערליך קינד! —

„פון הימעל אַראָפּ, פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען— אַ מלאך׳ל אַ קליינס.

„און וואונדערליכע אויגעלעך: אַהן שוואַרצאַפּלען — מאַ־טע פערעלעך אַזוינע... זעהט אַלץ, נישט קוקענדיג. שטראַלט מאַט. נאָר עפּעס גלייך אין האַרץ אַריין. און האָט אַ קליין זעקעלע אין דער האַנט.

— זאמען אינ'ם זעקעלע! — זאגט עס, און דאס קול'כעל שפּילט.

„און עס יטטרעקט דאס הענטעל אוים:

— נא, — זאגט עס, — נעם.

„ווארף איך די ווענטקע פון דער האנט ארוים און נעם דאס זעקעלע.

— זייה, — זאגט עס, — זאמען פון דעם זעקעלע ארוים, זייה אויפ'ן וואסערל... ווילאנג דו וועסט ז י י ה ע ן, אזוי לאנג וועסטו לעבען.

„און פארשווינדט.

„פאלג איך, ווארף איך א קערענדעל נאך א קערענדעל אי־בער'ן וואסער לאנגזאם. עס ווילט זיך ווי אמלענגסטען לעבען... וואס עס וואקסט ארוים דערפון, ווייס איך נישט; עס טראגט דאס שטילע וואסערל, ראש און ווייט אוועק... מיט'ן אויג דעריאג איך נישט, דערזעה איך נישט... זייה איך אזוי, ביז דער זאמען האט זיך אויסגעלאזט..."

ער פארשוויינט, ארפּאלאזענדיג דעם קאפ, און נאך אן אנדע־רער נעמט דאס ווארט:

— א קינד האב איך א ו י ך געטראפען, נאר אין וואלד, אבער נישט קיין שעהנס, און גאר, גאר א קליינס —

„נאר פריהער האב איך אין דעם זעלבען וואלד א גרויסען גע־טראפען, גאר א גרויסען. און ער איז מיר נאך אין די אויגען גע־וואקסען, ארויף און ארויף...

„וואס איך האב אין וואלד געטאן? געזוכט!

„וואס? האב איך אליין נישט געוואוסט. נאר ג ע פ ע ה ל ט עפּעס האט מיר!

„איך האב געפיהלט, אז מיר פעהלט עפעס א ת ו ך און אן ע י ק ר. אהן וועלכען דאס לעבען האט קיין טעם און קיין ריח נישט און עס איז קיין לעבען נישט; זוך איך און ווייס נישט, וואס...

„געה איך און טרעף איהם, דעם גרויסען, גאר דעם גרויסען.

„אן אלטער, א גרייז־גרויער, נאר מיט אזוינע גרויסע און קלארע אויגען, אז איך האב גאר קיין פחד נישט געהאט צוצו־געהן —

„צוגעקומען, דערגרייך איך איהם שוין נישט צו די קנעכעל. פונדעסטוועגען רייס איך ארונטער דעם קאפ, און קוק איהם גלייך אין די אויגען אריין.

„שמייכעלט ער.

„פאלט מיר איין צו פרעגען, ווי אלט ער איז, לויט דער גרויס...

„זאגט ער: פון דעם קאן מען נישט וויסען... ער וואקסט ארויף און וואקסט אראפ. ער נעמט צו און נעמט אפ. ווי די לבנה... נאר געבוירען איז ער גלייך מיט דער צייט...

„וואונדער איך מיך און פרעג: ווי לאנג ער רעכענט אזוי צו לעבען?

„ענטפערט ער:

— אזוי לאנג, ווי די צייט! מיר זענען א צווילינג!

— און פון וואנען, פרעג איך, קומסט דו?

— פון גארנישט, גלייך מיט אלעם...

— און וואו אהין געהסט דו?

— צו ג א ר  אדער גארנישט, אויך גלייך מיט אלעם.

„זאג איך:

— דו מוזט זיין שרעקליך קלוג און געלערענט, אז איך פאר־שטעה נישט קיין איינציגעס פון דיינע ווערטער! אפשר קאנסטו מיר זאגען, ווי עס הייסט ד א ס, וואס איך זוך?

„ענטפערט ער:

— וואס עס ווערט געזוכט, האט קיין נאמען נישט... ערשט דערנאך, אז מען געפינט, באקומט עס א נאמען.

— און איך וועל געפינען?

— אויב דו וועסט געהן...

— אויף וועלכען וועג?

— אלע איינס, אז מען געהט, געפינט מען. אויף אלע ווע־גען —

„געה איך...

„און אין א צייט ארום האב איך דאס קינד געטראפען.

„גאר א קליינס. נישט אפצומאלען, ווי קליין. אבער נ י ש ט שעהן. איינגעשרומפען, געל. אין די אויגעלעך ברענט עפעס. אמאל

פלאמט עס אויף ווילד, אמאל טליעט עס, ווי אין אש... די שטים הייזעריג; אמאל שארף, ווי א מעסער.

„דערשרעק איך מיך:

— ווער ביסטו?

— „פינגערל“.

— א נאמען?

— דאס פינגערל פון מעשה׳לע!

„ווער איך שוין בייז:

— דו זאגסט נישט אמת! דאס „פינגערל“ פון מעשה׳לע איז שעהן. עס שטראלט, און עס בלאנקעט זיך נישט ארום צו־פוס אין די וועלדער... עס וויגט זיך אין דער לופט, אויף זילבערנע אדער גאלדענע שפינוועבס וויגט זיך עס, אדער אין די גערטנער, אין בעכער פון רויזען און ליליען...

— אזוי דערצעהלט א י ה ר! איהר קאנט קיינמאל קיין ריינעם אמת נישט דערצעהלען... איך בין דאס אמת׳ע „פינגערל“. דער אמת׳ער ט ע ם פון לעבען, דער ר י ח פון לעבען, דאס, וואס דו זוכסט, וואס דער ג ר ו י ס ע ר האט געזאגט, אז ד־ וועסט געפינען, אויב דו וועסט געהן... און אויף אלע וועגען.

— דו קענסט דעם גרויסען?

— איך בין זיין לייבליכער ברודער... נאר דער עלטערער! אונזער מאמע, דאס מעשה׳לע, האט מיך געבוירען פ א ר דער צייט! און שטארבען וועל איך דערפאר נ א ך דער צייט... איך בין — צער...

— ניין! — פרואוו איך מיך נאך שפארען — דער גרויסער האט געזאגט, אז דאס, וואס איך זוך, האט קיין נאמען נישט — —

— איך בין טאקע ד ע ר צ ע ר א ה ן א נ א מ ע ן...

———————————————————

ווי להכעיס, האט זיך מיר פלוצלונג פאר הונגער דער קאפ פארדרעהט. און האב שוין מעהר נישט געהערט.

א פאר׳חלש׳טען האט מיך צומארגען געפונען דער קברן און קוים אפגעמונטערט. טהרה־וואסער אויף מיר געגאסען...

# יענקעל פעסימיסט.

איינמאל גיט יענקעל א רוק מיט כעס דעם „חובת הלבבות“, ווארפט ארונטער דעם קאפ אויף דער אנלעהן פון באנק און פאר־גלאצט די אויגען צום סופים.

דערביי האט ער געמאכט אזא זויער־לאנגווייליגע מינע און האט זיך אזוי פארקרימט, אז עס האט זיך געדאכט, אז דאס לעבען קריכט איהם אויס'ן האלז ארויס.

— דאס גאנצע אומגליק איז, — זאגט ער — וואס ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י ! —

— יענקעל, וואס איז מיט דיר? וואס פעהלט דיר? א מאנ־טאג צי א דאנערשטאג?

— ער וויל מיר איינרעדען — ענטפערט יענקעל בייז, אנ־ווייזענדיג אויפ'ן אוועקגערוקטען „חובת הלבבות“,—אז א י ך בין די קרוין פון דער גאנצער טבע, אז מען מיינט נאר מיך. איך וואוין מיר אין דער שענסטער דירה, די ערד איז מיין פאדלאגע, זון און לבנה — מיינע הענגעל־לייכטער, די שטערען — מיינע העסעס; די חיות, עופות און בהמות און אפילו ווערים זענען מיינע משרתים! נו, פעהלט מיר עפעס?

— וועלכער טאג פעהלט דיר פארט?

— ע! עס געהט נישט אין די טעג — האט יענקעל געענט־פערט, — איך האב א שבת ביי בערעל קצב, איז ער מעהר ווערט, ווי ערגעץ אנדערש א גאנצע וואך...

זיין ווייב, די גראבע שפרינצע, שרייט נאר: עס! עס!
זי וואלט מיך איינגאנצען אנגעפילט ווי א קישקע!

— עס, עס, יונגערמאן, — זאגט זי, — וועסט דו כח האבען צו לערנען; וועט דער זכות פון דיין תורה אונז ביישטעהן!
איך מוז שטודירען ווייטער קישקע, ווייטער קוגעל! אבי יוצא

זיין, אבי דער זכות פון מיין תורה זאל זיי מציל זיין מדינו של גיהנום פאר א ביין א צולאג, פאר א פאלשע וואג, און אפשר נאך פאר א גוט אויג... ווייל איך זעה, אז זי ווארפט אמאל אן אויג...

— וואס פעהלט דיר פארט, יענקעל? גאט איז מיט דיר!

— עס פעהלט מיר גארנישט, נאר דאס לעבען איז מיר נמאס ומאוס, דאס לעבען!

— נו, ווער לאזט דיך נישט, יענקעל? מאך אן עק!

— ב ע ל  כ ר ח ך  א ת ה  ח י! — דאס זאג איך דאך! און ער לאזט נישט אראפ קיין אויג פון סופיט.

— ווי הייסט  ב ע ל  כ ר ח ך? און וואו איז א מעסער, א חלף, א טייך, א שטריק? ווילסט א זיסען טויט? — קויף דיר א צוקער־שטריקעל! א פרומען טויט? — הענג דיך אויף א הענגעל־לייכטער קעגען ארון־קודש!

יענקעל האט זיך ביטער צולאכט.

— הערט, — זאגט ער, — איך האב שוין דאס געקלערט, נאך אין דערהיים... איך האב מיך געוואלט, איינמאל פאר אלעמאל, אפ׳־גט׳ן מיט דער וועלט! פארוואס — וועל איך אייך אן אנדערש מאל דערצעהלען. די שאלה איז נאר געווען ווי אזוי?

אמבעסטען — האט זיך מיר געדאכט — איז שיסען זיך!

איך האב מיך געקענט מיט א אידישען זעלנער. נאר אז ער האט געהאלטען די ביקס אין דער האנט, פלעגען מיר די פיס אזוי ציטערען, אז איך האב באין אופן נישט געקאנט צוגעהן.

גלייך עמיץ האט מיך צוריקגעשלעפט ביי די האר.

א טיר אקעגען א טיר האט מיט אונז געוואוינט א שוחט; איך האב אמאל געפרואווט ביי איהם אוועקניפען דעם חלף... איך האב מיך תוך כדי דבור סקאליעטשעט א פינגער און שיער נישט נעבליבען חלשות.

פאר קאלט וואסער, ווייסט איהר, האב איך עד היום מורא. איז ביי מיר געבליבען, איך זאל מיך הענגען.

איך בין ארויפגעגאנגען אויפ׳ן שול־בוידעם, דערלאנגט א שטריק און האב שוין אפילו געהאט די פעטליע אויפ׳ן האלז, בין איך אבער פלוצלונג אזוי דורשטיג געווארען, אז איך האב געמוזט לויפען טון א טרונק קוואס.

דערווייל האָט מיך די מאַמע געשיקט קוילען אַז עוף און איך האָב מיך עד היום נאָך נישט געהאַנגען.

מיר האָבען זיך אַלע צולאַכט: „ווער איז דיר שולדיג, אַז דו ביסט אַ בעל־פּחדן?"

— ווער? אפשר בין א י ך שולדיג? איך ו ו י ל עפּעס מורא האָבען? וואָס איז, איך ווייס דען נישט, אַז וואָס פריער איז געזונטער? איך גלויב באמונה שלמה, אַז דאָס איז דאָס בעס־טע, וואָס אַ מענש קאָן טון אויף דער וועלט.

איך נעם צוזאַמען אַלע מיינע כחות, איך זאָל קיין מורא נישט האָבען; דער „ב ע ל כ ר ח ך א ת ה ח י" ליגט אָבער ערגעץ טיף פאַרבאָרגען אין הארצען, און אַז עס קומט צו עפּעס — שווימט ער אַרויס, איז ער דאָ!

מאַכט ע ר, עס זאָלען מיר ציטערען די פיס.
שלעפּט ע ר מיך ביי די האָר.
רוימט ע ר מיר איין אַ סוד, אַז איך בין דורשטיג...
נ י ש ט א י ך ב י ן שולדיג! —

— און אַמאָל — זאָגט ווייטער יענקעל — האָב איך אַן אַנדער מין מורא: איך טראַכט מיר: ווער ווייסט? אפשר דאַרף איך ווייטער לעבען אויפ'ן עולם הדמיון? זיין דאָרט אַ ישיבה־בחור; עסען דאָרט איין מאָל אין דער וואָך אויף זעקס טעג קישקע, אבי מזכה זיין בערעל קצב'ס ווייב! אַ קשיא אויף אַ מעשה? און אפשר נאָך, נאָך די יסורי מות, נאָכ'ן ביטערען טראָפּען און נאָך חבוט הקבר, וועל איך ערשט מגולגל ווערען אין אַן אָקס, אין אַ קאַלב, און מען וועט מ י ך פיהרען, הונגעריגערהייט, אויף אַ שטריק אין שחיטה־הויז אריין?...

א י ך וועל אַרויסשטעקען די צונג צו יעדען גרעזעל, צו יעדען טראָפּען וואַסער אין דער בלאָטע, און עמיץ אַ בערעל קצב וועט נאָכ־געהן מיט אַ פאַלקע און וועט טרייבען, טרייבען...

ערשט שפּעטער וועט קומען אַ פרומער איד... וועט פאַרגלאָ־צען די אויגען, מאַכען אַ ברכה, און — כיק!

יענקעל איז געוואָרען בלייך, ווי די וואַנט; אַ קאַלטער שוויים האָט איהם באַדעקט דעם שטערן.

— איהר לאכט, — זאגט ער מיט א הייזעריגעז קול, — איהר לאכט? באשר דער רמב"ם זאגט נ י י ן? דער אר"י זאגט דאך אבער יא! אוז שלמה המלך, דער אמת'ער חכם, זאגט פארט נישט מעהר ווי „מי יודע? !"...

ווער ווייסט? ווער קאז עס וויסעז?...

# ביים פאַקיער.

צו אַ פאַקיער קומט אריין אַ מענש, וואָס לאָזט זיך זעהר שווערליך באשרייבען: באָרוועס, מיט אַלט־צוריסענע קליידער אויפ'ן דאָרען לייב, און דאָך איז יעדע באוועגונג זיכער, כמעט שטאָלץ. די נערונצעלטע פאַרמעט־הויט אויפ'ן געזיכט זאָגט, אַז ער איז אַלט, זעהר אַלט, און דער בליק פון גרויסע, שוואַרצע אויגען איז שטרענג און פול קראַפט פון אַ יונגען מאַן. די ליפען בלוי־ליך און צופלאַצט, און ביי די ווינקלען פון שמאָלען מויל בלאַנ־דזשעט דאָך אַ שמייכעל פון בענגשאַפט, איראָניע און גוטקייט צו־זאַמען.

דער פאַקיער שטעהט אויף און געהט איהם אַקעגען, וואָס ער טוט זעלטען פאַר רייכע און גרויסע לייט.

— איך האָב צו דיר אַ קשה. — זאָגט דער גאַסט.

— זאָג, וואָס דיין פאַרלאַנג איז, — ענטפערט דער פאַקיער.

— ועסט דו מיר טון, וואָס איך וויל?

— אויב איך וועל ווע‏לען, — ענטפערט דער פאַקיער, און גיט צו מיר עניוות: — און אויב איך וועל קאָנען.

— דו קאָנסט, דאָס וויים איך, — זאָגט דער גאַסט, און זיין שטימע קלינגט וואָס אַמאָל העלער און ערנסטער צוזאַמען. — איך האָב עס פון דיר נישט איינמאָל געזעהן, נאָר נישט אומזיסט...

— און דו קאָנסט נישט באַצאָהלען?

— פיליייכט... דאָך...

— מיט וואָס? — פרעגט דער פאַקיער און מוסטערט נאָך אַמאָל דעם אָפּגעריסענעם שטאָלצען גאַסט... — האָסטו נישט, מיין קינד, ערגעץ...

— נע'גנב'עט? ניין... נישט מיט געלט וויל איך דיר באַ־צאָהלען... מיט מיין אייגענער געשיכטע.

— זי איז אזוי וויכטיג? זי וועט  מ י ר  צונויף קומען?

— וויכטיג, ווי פֿאר איינעם... צי זי וועט דיר צונויף קומען, ווייס איך נישט... דאך וועט זי דיך באפרייען פֿון מיה און מאטער.

— ווי אזוי?

— מיין ארייַנקומען, מיין פּערזאָן, האָט אויף דיר אן איינדרוק געמאכט. איך האָב דיך פֿאראינטערעסירט... אז איך וועל אוועקגעהן מיט א פֿארשלאָסען מויל, וועסט דו נישט איינמאל פֿארטראכטען זיך און קלערען: ווער איז ער געוועזען? וואס האָט ער געקאָנט וועלען? און א פּאקיערס צייט איז טייער, זיינע געדאנקען — נאך טייערער! פֿון צייט און געדאנקען לעבט א פּאקיער!

דער פּאקיער האָט געקלערט א ווײַלע, ער האָט זיך געפּרואווט, ווי וויים ער איז ווירקליך פֿאראינטערעסירט מיט'ן גאסט, צי ער וועט ווירקליך דעריבער קלערען. —

די צייט באנוצט דער גאסט און זאגט ווייטער:

— דו ביסט אלט, פּאקיער, זעהר אלט! אלע דיינע געפֿיהלען זענען אויסגעטריקענט... דיין הארץ געפֿינט שוין אין גארנישט קיין פֿרייד... מיט'ן קאָפּ לעבסט דו נאך... דאס געהירן איז נאך דאס איינציגע גליד אין דיר, וואס לעבט, נישט נאר אויס לויטער געוועהנהייט; נאר דיין מח האָט נאך זיינע ליידען און פֿריידען, ער קלערט און וויל וויסען... טו ־יין קאָפּ צוליעב, — זאל ער האָבען נאך איין איינדרוק פֿון דער וועלט, איידער ער וועט אויך בלייבען מיד און פֿויל צו שטארבען...

— גוט! — באשטעהט דער פּאקיער.

זיי זעצען זיך, דער גאסט פֿארצעהלט:

---

— קליינערהייט האָב איך אמאל שפּאצירט מיט מיין פֿאטער צווישען די בערג הינטער'ן שלאָס...

— איהר האָט אין א שלאָס געוואוינט?

— יא, מיר האָבען איבערגעשראָקען אן אָדלער, און ער איז ארויפֿגעשאָסען צום הימעל. „איך וואָלט אויך געוואָלט אזוי פֿליהען" — האָב איך הויך געטראכט. „דו וועסט עס אויך טון", — האָט מיר דער פֿאטער געענטפֿערט. — „נאר נישט אין דער לופֿט,

די לופט איז נישט אונזער עלעמענט; מיר קאנען **א י ן** איהר, און דעריבער — **פ ו ן** איהר, נישט לעבען"...

„און פליהען — זאגט ער ווייטער — ווערסט דו צום הימעל — דאס זענען די בלויע, די זיידענע בלויע, מיט גאלדענע שטערען אויסגעשטיקטע טאפעטען איז אונזער קעניגליכען פאלאץ... און גלייך צו דער זון — דאס איז דער קעניג אליין... די שטראלען פון זיין גנאד זענען ליכטיגער און ווארעמער, און זיי זענען נישט פאר אלע, נישט פאר יעדען בעסטען"...

איך האב די ווערטער דערנאך איבערגעגעבען מיין לעהרער, אויך א פאקיער, ווי דו. זיין געזיכט האט זיך דערביי נישט געענדערט. קאלט און שטרענג האט ער מיר געזאגט: „דער אדלער, אויב ער וויל לעבען, מוז ער עסען, און עסען — מוז ער אראפ אויף דער ערד... עסען־ווארג ליגט נידעריג, אפט אין בלאטע."

— זעהר קלוג.

— איך האב איהם דאך נישט פארשטאנען און אינ'ם גאנצען געשפרעך פארגעסען.

---

צוריק אויף די געדאנקען זענען מיר די ווערטער געקומען ערשט דאמאלט, ווען איך בין ערשטער מיניסטער געווארען.

— מאנציפוצי?

— אזוי פלעג איך הייסען —

— און היינט?

— האב איך קיין נאמען נישט.

— ווען איז עס געשעהען?

— שוין איינינע יאהר... עס פרעהט מיך פאר דיר, אז דו האסט פון דעם אלעם נישט געוואוסט, אז דו האסט געלעבט אזוי הויך, אזוי טיף אדער אזוי ווייט פון מיין געווענען לעבען!

איינמאל בין איך געשטאנען אזוי לאנג און אזוי טיף געבויגען פאר דער זון, אז עס איז מיר, נישט ווילענדיג, געקומען דער געדאנק אין קאפ אריין, מקנא צו זיין די זיילען אין פאלאץ, וואס האלטען איהם אויך אונטער און בויגען זיך נישט...

— דו האסט עס געזאגט?

— ניין; מיינע ליפען זענען נאר נישט געוועהנט געוועזען דערצו; נאר דער מארד־ביין!... און אומגערולדיגע באוועגונג האב איך געמאכט... די זון האט עס באמערקט...

— און דו לעבסט?

— גרויס איז געוועזען זיין ליעבשאפט צו מיר; מען האט מיך נאר פאר א לבנה געמאכט, א פראווינץ איבערגעגעבען...

— ביסט צופרידען געוועזען?

— א צייט... ביז די זון איז דורכגעפאהרען און די לבנה האט זיך וועניג געבוקט...

— און?

— מען האט מיך דעגראדירט אויף א שטערן... א שטאדט האב איך באקומען...

— און האסט רעגירט, ביז די לבנה איז געקומען...

— ריכטיג... דער מארד־ביין האט וואס אמאל זיך וועניגער געבויגען... איך בין אריין אין דער מילך־שטראסע; צווישען מיליאָנען קליינע שטערנדלעך —

— און?

— אליץ דער מארד־ביין!... מען האט מיך באקאנט געמאכט מיט'ן באמבוס און ארויסגעווארפען פון — הימעל!

— און דיין פאטער, דער שטאלצער שלאָם־הער?

— ער האט עס נישט אויסגעהאלטען, און האט מיר א גרויסע ירושה געלאזט; איך האב מיר געקאנט פאר זיך אליין א קליינעם הימעל מאכען...

— האסט עס נ י ש ט געטאן?

— ניין, איך האב אן אנדער ליידענשאפט געהאט. איך האב געוואלט, וואס אלע, אייגענטליך, ווילען: אנדערע זאלען עהנליך זיין צו מיר; מען זאל זיך אויפהערען בוקען.

— א געפעהרליכע ליידענשאפט...

— איך האב איינגעקויפט עסענווארג און קליידער, געעפענט די טויערען פון שלאָס און אויסגערופען אויפ'ן לאנד: ווער עס וויל, זאל קומען נעמען, וואס ער וויל... נאר א בארינג האָב איך גע־שטעלט: קיינער טאר נישט דאנקען. ווער עס וועט עס טון, וועט מוזען באצאהלען...

— פיעל האבען געקאנט?

— ווייניג, דאך מיט דער צייט איז די צאהל פון נישט־דאנ־קענדיגע געוואקסען, גרעסער געווארען; נאר מיט דער צייט האט מען מיך — —

— ארעסטירט?

— ניין, אין דול־הויז געשיקט...

— ריכטיג, אלס פארשווענדער...

---

— אז איך בין ארויס פון דול־הויז, איז פון מיין ירושה קיין צייכען נישט געבליבען... פריינד און באקאנטע האבען זיך באמיהט; שולדען האבען זיך באוויזען, דאס אויפהאלטען אין קעניגליכען דול־הויז, איז געווען טייער...

„געה ארבייטען" — האט מען מיר ביים ארויסלאזען גע־זאגט...

— און דאס איז, נאטירליך, דעם געוועזענעם מיניסטער נישט געפעלען.

— אימגעגענטייל, נאך אזויפיעל רוהען האב איך געבענקט נאך ארבייט... נאר אויסבעטלען זי האב איך נישט געקאנט... בעט־לען און בוקען זיך איז מיר שוין אוממעגליך געווארען...

דער גאסט שווייגט א ווייל, און דער פאקיער פרעגט:

— ווילסט, איך זאל דיך אויסלערנען?

— דאס, — ענטפערט שטאלץ דער גאסט, — וועסט דו נישט קאנען; הונגער און דורשט האבען עס נישט געקאנט... נאר דאס לעבען איז מיר שוין איבערדריסיג...

— ווילסט, איך זאל דיך דערפון באפרייען?...

— א, ניין! צו דעם דארף מען נישט דיין הילף... דאס ערש־טע בעסטע וואסער, דעם ערשטען בעסטען צווייג... זיי וואלט איך זאגאר נישט געדארפט קיין מעשיות דערצעהלען...

— וואס דען?

— איך גלויב, פאקיער, — יעדער מענש האט זיין גלויבען, דאס איז דער פאדים, מיט וועלכען די געטער בינדען אונז צו צום לע־בען — איך גלויב, אז עס וועט קומען אמאל א צייט פון גראדע

מענשען, מיט הארטע מארך־ביינער; פון מענשען, וואס וועלען נישט וועלען און נישט קאָנען זיך בויגען... איך וויל עס דערלעבען!

— אזוי לאנג לעבען ווילסט דו?

— ניין... פאר דעם שפּעטערען גליק, וואלט איך אזויפיעל נישט געצאהלט... שלאָפען וויל איך, איבערשלאָפען!...

דו קאָנסט עס! שלעף מיך איין, פּאקיער!...

---

דער פאקיער שווייגט.

— ווילסט דיין ווארט נישט האלטען? — פרעגט דער גאסט.

— נישט דאס, — ענטפערט דער פּאקיער, — איך קלער נאר, ווער וועט דיך וועקען? איך — נישט, מיינע קינדער און קינדס־קינדער — אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?

— שרעק נישט... מיך וועט וועקען די צ י י ט; גאָד שטיל וועט זי נ י ש ט קומען!

# באַנייט אַ תּליה.

אין אַ געוויסער מדינה זענען געווען, ווי געוועהנליך, גע־וועהנליכע מענשען, נישט אינגאַנצען גוט און פרום, נישט גאַר אינגאַנצען שלעכט, נאַר אַזוי — מיטעלמעסיג; איינער אביסעל ערגער, איינער אביסעל בעסער, ווי אַ מענש און ווי אַמאָל.

און דער מלך פון דער מדינה איז געווען זעהר אַ קלוגער שופט, וואָס האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי שלום צו מאַכען צווישען גאָט און לייט, צווישען לייט און לייט, און עס איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין שאַרפע שטראָפען. ער האָט שוין אין זיך אַ כח געהאַט צו שטילען דעם כעס פון מענשען: איינצוהאַלטען דעם בייזען, איבערצורעדען דעם איינגעשפּאַרטען, און נישט נאַר וואָס אין זיין צייט האָט מען קיינעם נישט געקעפּט, נישט געהאַנגען, נאַר פון תּפיסה אפילו האָט זיך די מלכה געמאַכט אַ הינער־שטייג — קיינער איז נישט געזעסען. אַ זינדיגען מענש פלעגט ער הייסען אַריינוואַרפען אין פּושקע פאַר אָרעמע לייט, שענקען אויפ׳ן שפּי־טאָל און — געענוג.

— עס וועט קומען אַ צייט, — האָט דער מלך געזאָגט, — ווען מענשען, קוקענדיג אויף דער תּליה, וואָס שטעהט אינמיטען מאַרק, וועט בשום אופן נישט פאַרשטעהען, נאַר וואָס מען האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד אַזאַ קלאָץ!

נאַר דאָס זאָגענדיג, האָט דער מלך אָפּגעקרעכצט, און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דער קרעכץ באַטייט.

דאָס האָט אָבער באַמערקט די בת מלכה, דעם מלך׳ס איין איינציגע טאָכטער, און האָט זיך איינגעשפּאַרט, דער פאָטער זאָל איהר אויסזאָגען, וואָס ער מיינט מיט׳ן קרעכץ.

און דער מלך האָט איהר נישט געקאָנט אָפּזאָגען און האָט איהר אויסגעזאָגט בסוד סודות, אז ער קרעכצט, ווייל ער האָט מורא פאר צוויי מענשען! די גאַנצע מדינה, זאָגט ער, קאָן מען פיהרען, ווייל דאָס זענען מענשען, וואָס אין זיי איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטען אויסגעמישט, און ווען זיי קומען צו איהם, פאַלט דאָס שלעכטע אראָפּ און דאָס גוטע קומט ארויף... צוויי מענשען אבער האָט ער אין דער מדינה, וואָס איינער האָט אין זיך סאַמע גוטעס אליין און דער צווייטער רשעות אליין. אז די ביידע — האָט דער מלך מורא — וועלען זיך אמאָל צוזאמענטרעפען, וועט זיין גאַנצע חכמה נישט העלפען, וועט מען ווייטער הענגען און קעפּען.

די בת מלכה האָט זיך פאַרטראַכט, געקלערט און געקלערט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער מלך מיינט.

— עט, — מאַכט זי, אַוועקוואַרפענדיג מיט דער האַנט, — פּאַרט אַ אַלטער!

---

איינמאָל איז אין דער עיר־המלוכה, אין דער רעזידענץ, געווען א גרויסער יריד און עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָהרען און צוזאַמענגעקומען אַלע מענשען פון דער מדינה. צווישען זיי זענען אויך געוועזען די צוויי מענשען, פאַר וועלכע דער מלך האָט מורא געהאַט: דער גאָר גוטער, און דער גאָר שלעכטער.

און עס איז געשעהען אַזאַ מעשה:

אַ דער גאָר שלעכטער האָט דערזעהן די לערע תליה אינ־מיטען מאַרק, האָט ער געזאָגט הויך פאַר אַלע:

— עולם, עס איז אַ רחמנות אויף אייך! איהר האָט שוין לאַנגע יאָהרען נישט געזעהן דעם נחת, ווי פּושעים הענגען און דריגען זיך אין דער לופטען...

— אמת, אמת! — האָט אָנגעהויבען דער עולם צו מורמלען.

דאָס האָט געהערט דער גאָר גוטער און האָט זיך אָנגערופען:

— עולם, מזל מיט ברכה איז מיט אייך! גאָט און שעהנע מלאכים זענען מיט אייך; איהר לעבט אַזוי גוט און פרום, אז קיי־נער פון אייך האָט נישט פאַרדינט מען זאָל איהם הענגען.

— אמת, אמת! — האט דער עולם ווייטער געמורמעלט.

— ניין, — האט זיך אנגערופען דער גאר שלעכטער, — די וועלט איז קיין הימעל נישט, דא וואוינען קיין מלאכים נישט! עס איז בלויז זינד; נאר דא זענען אזוינע פושעים, אזוינע רשעים, אזוינע זינדיגע פאר גאט, אז איינער האט מורא דעם צווייטען צו פארקלאגען, עס זאלען זיינע איינענע זינד נישט ארויס אויף דער זון און דעריבער שטעהט די תליה לעדיג!

דער עולם שווייגט, און איז אפילו אביסעל אין כעס.

דער גוטער וויל אנהויבען צו רעדען, נאר דער שלעכטער לאזט איהם נישט קומען צום ווארט...

— רבותים! — האט ער ווייטער אויסגעשריען, — אויב איך זאג נישט אמת, באווייזט! לאמיך זעהן, עמיץ פון אייך זאל זיך פיהלען אזוי גוט, אזוי פרום, אזוי ריין פאר גאט און פאר לייט, ער זאל קיין מורא נישט האבען און אנווייזען מיט'ן פינגער, וועמען מען דארף הענגען! מען זאל ק י י נ ע ם נישט דארפען הענגען איז אוממעגליך!

דער עולם רוקט זיך צוריק, ווי דערשראקען.

— איהר זעהט, פושעים! — שרייט דער שלעכטער, — איהר זעהט, ווי אמת מיינע ווערטער זענען! הא! נו, וועל איך אייך באווייזען, אז איך בין ריין! אז איך האב קיין מורא נישט!

— אט דעם דארף מען הענגען! און ער האט אנגעוויזען אויף גאר דעם גוטען.

דער עולם האט זיך נאך מעהר דערשראקען.

דער גוטער וויל ווייטער רעדען, נאר דער שלעכטער לאזט איהם ווייטער נישט קומען צום ווארט.

— נישט אומזיסט האט ער אייך געלויבט! נישט אומזיסט! די תליה וויל ער אונטערברענגען! די תליה, אהן וועלכער איהר וואלט אראפ פון גוטען וועג און אייערע קינדער וואלטען אן גאט פארגעסען. ווערגט איהם! ווער וויל באווייזען, אז ער איז נישט זיין קרוב, נישט זיין גואל — נישט זיין שותף, נישט זיין גליי־כען, — ווער עס וויל נישט פארדעקען פרעמדע זינד, כדי מען זאל זיינע אויך פארדעקען, דער זאל העלפען הענגען!

און אז דער שלעכטער האָט ארויסגענומען א שטריק פון בו־
זעם, האָבען זיך אויסגעשטרעקט הונדערטער הענט צו הילף און
אין א רגע אַרום איז דער גאַר גוטער געהאנגען...

נישט אומזיסט האָט זיך דער מלך געשראָקען — מען האָט
די תליה באניים...

# װעגן אַ שװימער, אַ דאַך־באַשלעגער און אַ פּאַרצעלײען מײדעלע.

(דרײ טרױעריגע געשיכטען).

פּאַר אונזערע הײמיש־געבאַקענע פּילאָזאָפען מאַמריסטען, דאַס הײסט פאַר די אַלע, װאָס רעדען פיעל, און הערען אַזוי װע־ניג, האָב איך דרײ טרױעריגע געשיכטען צו דערצעהלען: װעגען אַן אױסטערלישען שװימער אױף׳ן הײמישען טײכעל, װעגען אַ בלעכער, בעסער געזאָגט, אַ דאַך־באַשלעגער, װאָס האָט נישט געװאָלט אַראָפּלאָזען קײן אױג פון דאַך, און װעגען אַ שטיקעל פּאַרצעלײ, װאָס מען האָט אַרױסגעװאָרפען פון אַ הױכען פענס־טער...

און ראשית, דער שװימער איז אַן אױסטערלישער שװימער געװען. אַ פרײד געװען צו קוקען, װי ער מאַכט מיט די הענט אױף׳ן װאַסער־שפּיגעל, טײלמאָל נאָר מיט די פ י נ ג ע ר פון די הענט, למשל, בײם שװימען אױף׳ן רוקען, און טײלמאָל נאָר מיט די פינגער פון די פיס אַלײן. מאַנכע פּאָליטישע מענשען שאַקלען מיט זײ, על פּי סוד, אין די שטיװועל, און דער — פראַנק און פרײ איבער׳ן הײמישען טײך, װאָס פליסט שטיל און נעלאַסען אונטער דער קהל־שטוב, מיט דער מקוה, שול און בית־המדרש צוזאַמען, און לאָזט זיך העט, העט װײטער, פון װאַנען דאָס אַלץ זעהט זיך אַרױס, װי שװאַרצע, ציטערדיגע פּינטעלעך. נאָר נישט װעגען די פּינטעלעך געהט עס; װעגען שװימער, װעגען דעם גרױ־סען, אױסטערלישען שװימער פון אױבען, איבער׳ן שפּיגעל פון הײמישען טײכעל, אונטער׳ן שפּיגעל פון הױכען הימעל! אַ פעט מענשעל איז עס געװען, און װי באַקאַנט איז פעטס לײכטער, װי װאַסער, און דעריבער שװימען פעטע אַזוי לײכט פון אױבען, און

אז ער פלעגט נאך אנגעמען פולע לונגען מיט לופט, פלעגט ער בלייבען שטיל אויסגעצויגען אויפ'ן שפיגעל פון טייך; אפילו מיט די פינגער פון די פיס נישט גערירט! און אזוי שטיל, אזוי בשלום־ושלוה'דיג, אז פון ווייטענס האט זיך גדאכט: א טויטער וויגט זיך שטיל איבער'ן וואסער... א דערטרונקענער שווימט צום ברעג... נאהנט ערשט האט מען געזעהן, אז ער לעבט און האט אפענע אויגען; אפענע בלויע, כאטש נישט טיפע אויגען, וואס קוקען ארויף, ארויף גלייך אין הימעל אריין... און נישט נאר אויפ'ן רוקען שווימט ער! באריהמט איז אויך געווען זיין „קלאפּטער": א האנט נאך א האנט, אהן גערויש, אהן א שפריץ — קוים, קוים פון אוי־בען דאס וואסער געגלעט! אדער „פראש־פראש", געשווינד, איי־לענדיג... נאר דאס פלעגט ער באנוצען ביים אוועקשווימען ווייט, ווייט פון קהל־שטוב, פון מקוה, שול און בית־המדרש, צו וועלכע ער פלעגט דערנאך צוריק קומען „קלאפּטער", אויפצוזוכען זיינע מלבושים צוריקצוקומען צו קהל...

מיט איין ווארט: ש ע ה ן פלעגט ער שווימען. אמאל אויך ווייט; אבער קיינמאל נישט טיף! אונטערטוקען זיך, אדער ווי מען רופט עס: „נורקיווען" איז נישט געלעגען אין זיין נאטור! ער האט זיך איבער'ן טייכעל ווי געגליטשט... פון אויבען, פון אויבען...

וואס אונטען טוט זיך, ווי עס לעבט זיך אונטען, צווישען זאמד און שליים און אהן א ליכטיגען שטראל, — דאס האט איהם קיינמאל נישט אינטערעסירט... אונטען איז נישט שעהן, אפשר נאר — צו טיף...

אבער בשעת ער פלעגט ארומשווימען פון אויבען, האט אונ־טען נישט גערוהט! גאט ווייסט פון וואנען עס איז אויפ'ן זאמד א זאמען געפאלען, א לעבעדיגער זאמען, און דערפון איז א וואַ־סער־פלאנץ ארויס... קיין ציטרין, קיין פאמעראנץ, קיין אתרוג — דאס מוז שטעקען אין פעטער ערד און באדען זיך אין לופט, נאר א קבצנ'ישע וואסער־פלאנץ, וואס איז יוצא מיט'ן גרינעם ציט־ריגען וואסער־שיין און צוואוואקסט זיך אין דער נאסער פינסטער־קייט פון שעה צו שעה... און וואקסענדיג צושפרייט זי זיך, פאר־וויקעלט זיך און ציטערט ביי יעדער באוועגונג פון שטילען וואַ־סער, און דאך ארבייט זיך עס פאמעלעך, פאמעלעך ארויף א גע־

מיינע, נאר א פרוכטבארע וואסער־פלאנץ... אין דער לענג און אין דער ברייט וואקסט זי... דערפון אבער האט דער אויסטערלישער שווימער נישט געוואוסט. און פון וואנען? ער פלעגט זיך נישט אונטערטוקען, נישט טיפער אראפלאזען, האט די וואסער־פלאנץ אהן זיין וויסען זיך צוואוואקסען און אהן זיין וויסען זיך געמעהרט, און אז דער אויסטערלישער שווימער האט פלוצלונג אנגעריהרט זי מיט א פוס, איז עס נישט צו זיין גוטען געווען!

עס איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען: „טריט וואסער!" ער פרואווט און געהט טריט וואסער, און טרעפט צו דער וואסער־פלאנץ און פארטשעפעט א פוס אין עפעס קאלטעס, ווייכעס און לענגליכעס. ער דערשרעקט זיך: פון וואנען? וואס? קען ער דען נישט דעם טייך? און שרעק איז דער ערגסטער יועץ!... ער האט זיך אנגעהויבען ארויסצוארבייטען, ארויסצואוויקלען זיך פון די לאנגע, קאלטע, ווייכע שלאנגען, און האט זיך אליין אין זיי וואס אמאל מעהר פארפלאנטעט... וואס מעהר ער האט זיך געווארפען פאר שרעק, מעהר פארוויקעלט האט ער זיך אין דער ארעמער קבצנ'ישער וואסער־פלאנץ, וואס וואקסט פון אונטען ארויף, און אלץ שטארקער און שטארקער האט עס איהם אראפ און אראפ גע־צויגען!... אט זעהט שוין דער הימעל נישט מעהר פון גרויסען, ווייטען שווימער, ווי א קאפ; דער שעהנער לייב איז שוין פאר־שוואונדען... אט נישט מעהר, ווי שרעקליכע, אפען־געריסענע שווי־מער־אויגען... אט שוין נישט מעהר, ווי עטליכע לענגערע האר, וואס קריכען איבער'ן וואסער, ווי שווארצע ווערעמלעך, ענדליך ווערט דאס אויך פארשוואונדען...

אוים שווימער!

---

נישט בעסער האט אויסגעפיהרט א געוויסער דאך־באשלעגער, וואס האט זיך, נאך יאהרען פון מיה און מאטערניש, צו א הויך הייזעל דערשלאגען. ביליג האט ער עס געקויפט און באלד זיך גענומען דעם דאך צו באנייען. פארוואס גראד דעם דאך? ווייל דאס ק א ן ער, דאס איז זיין מלאכה, צו דעם ברויך ער קיי־נעמס האנט, קיינעמס עצה נישט!

פרעמדס האט ער פיינט!

און אז ער האט באנייט דעם דאך, האט ער שוין פון איהם קיין פוס און קיין אויג נישט אראפגעלאזט. און מוז בלייבען דער רייכסטער, דער שענסטער און דער שטארקסטער דאך אין שטאדט. וואס אין קעלער טוט זיך, איז נישט זיין זארג; דערויף איז ער קיין מבין נישט. וואס עס הערט זיך נאך טיפער, ביים פונדאמענט, איז נישט זיין זאך. אויפ'ן דאך, אין דער העכסטער הויך, איז פאר א דאך־באשלעגער, אזוי פריי, אזוי גוט... און א דאך פארלאנגט אן אויג! ווינטער מוז ער אפקערען דעם שניי... קוים עס פאלט אביסעל שניי, ער שטעהט שוין אויבען מיט'ן בעזעם! זומער־צייט האט ער נאך מעהר צו טון מיט'ן דאך! אט באווייזט זיך א גרעזעל (גאט ווייסט, פון וואנען דער זאמען דערצו האט זיך גענומען) אין א שפעלטעל צווישען צוויי בלעכען — רייסט מען עס אויס... אניט צוואוואקסט זיך דער קבצן און צושפארט די בלעכען פון אויבען! אט באווייזט זיך ערגעץ אויף א בלעך א שטיקעל שפרענקעלע, א פלעקעל א געלס, דאס איז געפעהרליך! עס הויבט אן ראסטען; און ער האט מיט זיך א קליין טעפעלע סמאלע מיט א פענזעל און פארבאפט, און פארשמירט... אמאל בויגט זיך אויס אן עק פון א בלעך, פון ווינט, צי פון דער זון, עס וועט זיך באלד איבערלעגען, ווי א „פאפליניק" — געשווינד לויפט ער נאך בליי און לייט־אייזען — די בלעך וועט זיך שוין נישט ריהרען!...

און אזוי טאג אויף טאג, טאג אויף טאג! זאל דער הימעל זעהן, ווי ער היט אפ זיין אייגענעם דאך און נחת האבען פון זיין גלאנץ...

אונטען האט זיך דערווייל אויך עפעס געטאן...

אין קעלער אריין איז וואסער גערונען. רעגען־וואסער, שניי־וואסער און אזוי פון גאס — רינשטאק־וואסער... פון דעם ווייסט קיין דאך־באשלעגער נישט. פונדאמענט און קעלער זענען נישט זיין פאך... און ווען ער איז פלוצלונג געוואר געווארען... נישט צו זיין גוטען איז עס געווען!

פאמעלעך, פאמעלעך, באטש אהן זיין וויסען, איז דאס וואסער צו די פונדאמענטען צו, און האט זיי אונטערגעוואשען, דורכגע־

נעצט, צווישען ציגעל און ציגעל זיך אריינגעדריקט און דעם גאנ־צען פונדאמענט צורודערט...

אויבען שטעהט דער דאך־באשלעגער און קלערט: ווי גלאנצט דער דאך! ווען ער האט לבנה און שטערען, וואלט ער א הימעל געווען! און אין דערזעלבער רגע: טראך! נאך אמאל: טראך!

צי דונערט פון רייגעם, בלויען הימעל?

ניין, דער ריינער, בלויער הימעל איז רוהיג; נאר דאס הייזעל פלאצט און פאלט און באגראבט דעם דאך־באשלעגער אין זיך!

---

מיר בלייבט נאך די דריטע, די לעצטע מעשה.

אמאל איז געווען א קארטאפעל־קינד... אין א הייל אין דער ערד איז עס געבוירען געווארען (גאט ווייסט, פון וואנען דער זאמען האט זיך דארט גענומען!) און דארט האט עס געלעבט און גע־קווענקעט, געלעבט און געקווענקעט.

דער זאמען, וואס גאט ווייסט, פון וואנען ער האט זיך גענו־מען, האט נאר א מוטער געהאט. און די מוטער האט איהם קוים מיט קארטאפעל און נישט צו דער זאט געשפייזט, מעהר האט זי איהם נישט געקאנט געבען, אפילו קיין נאמען נישט! קארטא־פעל — דאס ווייסט יעדער דאקטאר — פארמאגט אין זיך ווענינ פאספאר און אהן פאספאר קאנען זיך די ביינער רעכט נישט אנט־וויקלען. ביינער דארפען: פיש, פלייש און דער עיקר—מילך. די האבען אסך פאספאר אין זיך און דערפון ווערען די ביינער גע־בויט. דאס קינד, וואס האט זעלטען אמאל אביסעל וואסערדיגע מילך געזעהן, — און פלייש און פיש אין דער שענסטער שמחת־תורה־נאכט אפילו אין חלום נישט געזעהן! האט דעריבער שמאלע שוואכע ביינדלעך געהאט... און ווי מאגער און ווי דאר עס איז נישט געווען, ווי ווענינ פלייש עס האט אויף זיך נישט געהאט, האבען עס די שוואכע פיסלעך נישט געקאנט דערטראגען, זיי האט־בען זיך געבויגען אונטער דער לאסט; ווי צוויי פיילענבויגען האט־בען זיי זיך אויסגעדרעהט... און דאס קארטאפעל־קינד האט זיך אין דער נאסער, פינסטערער הייל אויף אלע פיער גערוטשט...

טיילמאל האט זיך עס אויך פון דער חייל ארויסגערוטשט. בפרט אין א שעהנעם זומער־טאג... עס האט געבענקט ארויס און ארויס... און געבענקט האט עס: נישט צו דער זון, נישט צו ליכט און ווארעמקייט אדער צו פרייער ליכט... נאך וואס? עס האט געבענקט צום קאלך, וואס מען האט אלס מיסט אויפ'ן פרייען פעלד פאר דער הייל צושפרייט... דעם קינדס אינסטינקט האט איהם אונטערגעזאגט: עס קאלך! עס האט איהם געיאגט צום פאס־פאר אינ'ם קאלך!...

און עס האט זיך גערוטשט אויף אלע פיער דאס קארטאפעל־קינד אין דער נאסער, פינסטערער הייל, און טיילמאל האט זיך עס אויף אלע פיער ארויסגערוטשט פון דער הייל, און אהן דער מוטערס וויסען — קאלך געלעקט... זי וואלט עס נישט דערלאזט!

מיט אמאל אבער האט זיך דעם קינדס לעבען פארבעסערט. די מוטער איז נישט רייכער געווארען, האט אויך קיין בעסערע ארבייט נישט באקומען. געשעהען איז עפעס אין דרויסען: א שטאדט־עושר האט זיך, נישט ווייט פון דער הייל, א זומער־וואוי־נונג, א קליין פאלאצעל געבויט; — די קיך פון פאלאץ איז אויס־געקומען פונקט קעגען דער הייל; און פ א ר דער קיך איז זיך א בערגעל מיסט געוואקסען, פון טאג צו טאג, פון שעה צו שעה, און אין דעם בערגעל איז פאר'ן קארטאפעל־קינד א גן־עדן, אן אוצר געווען, אן אוצר פון אלערליי שיריים פון רייכען טיש...

דאמאלט האט עס דעם קאלך פארגעסען, און האט זיך, ווי א ווארעם, אין מיסט געגראבעלט, איבער'ן בערגעל מיסט געצויגען און געשפייזט זיך...

אויף יענער זייט פאלאץ האט זיך א גארטען צוואוואקסען, א גארטען מיט בלומען... נאר אזוי ווייט האבען דעם קארטאפעל־קינדס פיסלעך נישט נעטראגען... און: נאך וואס בלומען? אי־בער'ן קאפ האט זיך א ליכטיגער, בלויער הימעל געצויגען; וואס האט עס צום הימעל? אזוי הויך הויבט דאס קארטאפעל־קינד דאס אנגעלאפענע קעפעל מיט די וואסעריגע אויגען נישט אויף!... אין בערגעל פאר דער קיך האט עס געגראבעלט, גאנץ אפט אפילו די הענט נישט באנוצט, און גלייך מיט'ן הונגעריגען מויל געשלונגען... אויפגעהויבען דעם קאפ האט עס שפעטער, ערשט

אינמיטען זומער, ווען עס האט זיך שוין געהאט אנגעגעסן כמעט צו דער זאט, ווען די פיסלער האבן זיך אביסעל געשטארקט און אויסגעגלייכט... און אויך דאמאלט, נישט צום הימעל, נאר צו די פענסטער פון פאלאץ, פון איבער דער קיך... און דערזעהן האט עס — ווייסע פארהאנגען...

איינמאל דאך האבן זיך די פארהאנגען צורוקט און צווישען זיי האט זיך עפעס באוויזען — א קליין, ראזיג קינד, מיט גרויסע, גרויסע אויגען אין א ווייס, מיט שטערענדלעך באשאטען, קליי־דעלע... פארציטערט איז דאס קארטאפעל־קינד אדער דאס מיסט־קינד געבליבען... און האט לאנג, לאנג פון פענסטער קיין אויג נישט ארפגעלאזט. נישט געקאנט ארפלאזען! דער פארהאנג האט זיך צוריק פארמאכט, און ער האט אלץ געקוקט און גע־קוקט... אין די וואסעריגע אויגען האט אנגעהויבען א ליכטיגער שטראל צו בלאנדזשען... ביינאכט האט ער וואונדערליכע, נישט פארשטאנענע, חלומות געהאט; דאס קליינע מיידעלע (עס איז א קליין מיידעלע געווען) איז פארשוואונדען געווארען, נאר דאס קארטאפעל־קינד האט שוין אויפגענומען אין ארעמען הערצעל איהר זיסע געשטאלט. ער האט זי שוין נישט פארגעסען! ער האט זי פארשלאסען אין זיך, ער זעהט זי בייטאג, ער חלום'ט פון איהר ביינאכט... א הייליגען סוד האט ער אין זיך איינגעשלאסען, און ער פלעגט זיך שוין ארויסרוטשען פון דער הייל נישט צוליעב דעם קאלך, אפילו נישט צוליעב שיריים אין מיסט, נאר צוליעב דעם פענסטער מיט די ווייסע פארהאנגען, צווישען וועלכע ער האט א אמאל דאס בעסטע און דאס שענסטע געזעהן און ער האפט, און הערט נישט אויף צו האפען, נאך אמאל עס צו זעהן...

און ער האט זי דערזעהן נאך אמאל.

נאר דאס איז שוין נאר, גאר סוף זומער געווען... און אויך נישט צו זיין גוטען...

מען האט זיך פון פאלאץ ארויסגעצויגען... צוריק אין שטאדט אריין... מען האט די פארהאנגען אראפגענומען, מען האט א פענס־טער געעפענט און פלוצלונג האט א האנט אנגענומען דאס קליינע נעהאפטע, גע'חלום'טע מיידעלע און פאר'ן קארטאפעל־קינד אין מיסט אריינגעשליידערט...

און דאָס קליינע געהאַפּטע, גע'חלום'טע האָט אויף אַ ביין געטראָפען, און עס האָט געפּלאַצט דאָס געהאַפּטע, גע'חלום'טע פאַרצעלייענע מיידעלע, און עס איז אַרוים — אַביסעל זעגעכץ!...

---

און דער מוסר דערפון?

1) נעמט טיפער!

2) קוקט אויף די פונדאַמענטען און זייט וויסען, אַז —

3) פאַרצעלייענע אידעאַלען, וואָס מען וואַרפט פון דער הויך פאַר קאַרטאָפעל־קינדער זענען פול מיט זעגעכץ...

# דער באָרד.

אין די ערגסטע צייטען זענען פאַראַן גוטהאַרציגע מענשען, וואָס האָבען ליעב, ווענינגסטענס, גוטע בשורות אָנצוזאָגען. און אַז דעם דיכטער איז געבוירען געוואָרען דער ערשטער לעזער, האָבען זיך געפונען גוטע לייט, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן העכסטען שטאָק און זענען געקומען אין דיכטערס דאַך־שטיבעל אַריין, אָנזאָגען איהם אַ מזל־טוב.

— מזל־טוב דיר, דיכטער, מען הויבט דיך אָן לעזען און פאַר־שטעהן.

און אַז דער דיכטער האָט זיך נישט דערפרעהט, האָבען זיי צוגעגעבען:

— אמת, איין שוואַלב מאַכט קיין זומער נישט. דאָך איז ער נישט ווייט; עס וועט קומען דער טאָג, ווען דיינע ליעדער וועלען אַרויסקלינגען פון אַלע פענסטער, דיינע מעלאָדיען וועלען געזונגען ווערען, און די הויף־מוטער וועט מיט דיין ליעב־זיס געזאַנג איינ־שלעפען איהר ליעב קינד. דיינע געפליגעלטע ווערטער וועלען זיין אין חתן־כלה'ס מויל און דער אָרעמער בלינדער בעטלער אין גאַס וועט פאַרהאַלטען די פאַרבייגעהער מיט דיינע זיס־קלינגענדיגע ריימען.

אזוי האָבען די גוטע מענשען געזאָגט און דער דיכטער איז דאָך נישט פרעהליך געוואָרען און האָט זיי מיט אַ טרויעריגער שטימע געענטפערט:

— איך האָב איידער פאַר דער גוטער בשורה נישט מיט וואָס אויפצונעמען. נעכטען האָב איך מיך מיט מיין קאַנאַרעק מיט'ן

לעצטען שטיקעל צוקער צוטיילט. פאר דאס, אויב איהר ווילט, וועל איך אייך א מעשה׳לע דערצעהלען...

זיי האבען א זיס־זויערליכע מינע געמאכט און זענען באַשטאנען.

---

— אין אלטע צייטען איז אין אן אלטער שטארקער בורג א יום־טוב געוועזען — א דרייפאכיגער יום־טוב. דער הער פון דער בורג האט זיין נאמען־טאג געהאט, ער איז צוריקגעקומען פון שלאכט־פעלד אלס זיגער און — ער האט זיך מיטגעבראכט א יפת־תואר — א געפאנגענע.

אילומינאציע.

אויף די גרינע, קאלטע בריסט פון וואסער, וואס רינגעלט ארום די בורג, זענען ברענענדיגע פעסער סמאלע געשוואומען. די אלטע מויערען זענען באהאנגען געווען מיט גירלאנדען און פאר־שידען־פארביגע לעמפלעך ביז די העכסטע שפיצען. די איינ־וואוינער פון טאל האבען די גאנצע נאכט אויף די קליינע דעכלעך וואך געהאלטען און די פונקען, וואס זענען אויף זיי פון דער בורג געפלויגען — אפגעשארט, ווי מיט בלוט אנגעגאסענע רוחות־אוי־גען, האבען די גאטישע פענסטער געפלאמט...

און אין סאלאן, וואו די גרויסע סעודה איז געווען, בליצט! עס פלאמען די שמעקעדיגע וואקס־ליכט. עס פינקלען דיאדעמען אויף די דאמען־קעפ, די גארטעל ביי די העלדען. עס בלאנקט זילבער, גאלד און קריסטאלען־געשיר אויפ׳ן טיש און פלאקערען די פנים׳ער פון וויין, די דאמען־אויגען שלאגען פונקען — — —

און דאך איז נישט היימליך ביים טיש.

— וויין, ווייב איז דא — זאגט מיט א גרונצעלטען שטערן דער בארא — וואו איז געזאנג?

— גרויסער, מעכטיגער זיגער — האט מען געענטפערט — עס זענען אין דיין לאנד בארדען געווען... האבען זיי פאר דיר פרעכע ליעדער געזונגען און מיר האבען אויף דיין באפעהל, זיי געהאנגען!

— איז קיין איינציגער געבליבען, ער זאל זינגען ביים טיש?

די הויף־לייט שווייגען, נאר אן אלטער קאמערדינער געגעהנט זיך בוקענדיג אוי זאגט:

— איינער, וואס האט נאך נישט די עהרע געהאט פאר דיינע אויגען צו זינגען, איז געבליבען; ער איז אין טאל... זיין מוטער שטארבט, און ער זיצט ביי איהר בעט און פאריאגט מיט זיין געזאנג די שרעק פאר'ן טויט פון איהרע אויגען.

— ברענגט'ן! — קלינגט דעם באראנס קורצער באפעהל — און מען האט'ן געבראכט אין קייטען געשמידט.

---

— ווילסט מיך טויטען, — זאגט דער בארד — טו עס באלד, זאל זיך מיין נשמה מיט מיין מוטערס נשמה טרעפען אויפ'ן וועג...

— זינג! — באפעהלט דער באראן.

— נעמט איהם די קייטען אראפ! — ווענדט ער זיך צו די חאלאבארדען, וואס האבען איהם געבראכט.

— וואס זאל איך דיר זינגען? — פרעגט דער בארד.

— זינג פון מיין זיג — פון די שטעדט, וואס איך האב פארברענט, פון די שלעסער, וואס איך האב צושמעטערט, פון העלדען־העלזער, אויף וועלכע איך האב מיין פוס געשטעלט, פון די בלוטיגע קעפ אויף די שפיצען פון אונזערע שפיזען — פון גלאנץ פון די טייערע אוצרות, וואס מיר האבען גערויבט!

— דאס קאן איך נישט, באראן! פאר'כשופ'ט איז מיין ציטער, און ריהר איך אן איהרע סטרונעס, וועלען די טייכען בלוט, וואס דו האסט פארגאסען, אנהויבען זידען... און דאס געקרעכצעריי און געשילטעריי פון די געטויטעטע וועט זיך וועקען, און דאס געפייפעריי פון די פייערדיגע שלאנגען, און דאס פארשטיקטע כארכלעריי פון געשענדעטע פרויען און די שרעק־רופען פון געשפאלטענע קינדער — דאס אלץ וועט זיך וועקען — און נישט פרייד וועל איך אייך געבען, נאר שרעק — שרעקליכע אנגסט. אייערע אויגען וועלען אייך פון די קעפ ארויסקריכען, אייערע האר וועלען זיך, ווי די שלאנגען צואווארפען —

— שווייג! באפעהלט דער באראן און זיך איינהאלטענדיג, זאגט ער ווייטער:

— נו, זינג די שעהנהייט פון מיין געפאנגענער ליעבשאפט. זינג איהרע אויגען, און פארגלייך זיי צו די שטערען, איהר בלאס געזיכט — און פארגלייך עס צום ריינסטען מארמאר, איהר שלאנקען קערפער — און פארגלייך עס — נו, געפין דו דעם פארגלייך.

— הייליג איז מיין ציטער און ריין — ענטפערט דער בארד,— קיין שאנד און זינד שפילט זי נישט... עס וועט איין סטרונע פלאצען נאך דער צווייטער... איהר אומגליק נאר קאן איך זינגען — די וואונדען, וואס וועלען איהר ארויסשפראצען אונטער דיינע זינדיגע קושען, דאס פארלעשען פון איהרע אויגען, וואס דו וועסט אויסזויגען מיט דיינע שאנד־דורשטיגע ליפען.

— שווייג! — נאר ער האלט זיך ווייטער איין, ער וויל דעם דרייפאכיגען יום־טוב זיך נישט צו שאנדען מאכען — זינג פון פרייד — פון וויין, וואס פערלט זיך אין גאלדענע — —

— בלוט פערלט זיך אין דיין בעכער — האקט איבער דער בארד — שוויים און בלוט זופען דיינע ליפען — —

און דער באראן גיט א ווינק, ער זאל שווייגען, און ווענדט זיך צו זיינע הערען:

— דריי מאל האט מיר געענטפערט דער בארד, צי האט איהר פארשטאנען זיינע רייד?

— קיין ווארט, — ענטפערען אלע, ווי איין מאן.

— איהר האט איהם דאס לעבען געראטעט — זאגט דער באראן — און איהם פארשליסט!

און אין פינסטערען קעלער זיצט דער בארד. דריי מאל אין טאג דערלאנגט מען איהם דורך א לאך אין דער וואנט ברויט מיט וואסער. אין דער פינסטערקייט זעהט ער אפילו נישט די האנט, וואס דערלאנגט עס איהם...

— נעבעך! — זיפצען אפ די גוטע לייט, וואס האבען די בשורה געבראכט.

— און דאך — דערצעהלט דער דיכטער — איז ער גליקליך געווען. ווייל גליק שטעקט אין דער מאכט. ווער, האט ער גערעכענט, איז שטארקער פאר איהם?

נישט קיין העלד געבוירען, קיין וואפען נישט געטראגען, קיין

הערשער־רעכט פון קיינעם נישט גע׳ירש׳נט, און דאך ציטערט פאר איהם די בורג, ציטערט איהר הערשער! מען ציטערט פאר זיין ווארט, פאר׳ן שטילסטען קלאנג פון זיין צימער!

ער זיצט אין דער פינסטער און זיין נשמה באדט זיך אין ליכטיגען נחת: איך בין דער שטארקער, מיך איינעם מוזען זיי אלע היטען, זיי, די שטארקע, די באוואפענטע, די הערשער!

און עס פליסען אוועק שטונדען, טעג, וואכען, מאנאטען און יאהרען — ער צעהלט זיי נישט; ער פיהלט נישט דעם גאנג פון דער צייט! איהרע שטילע פליגעל באריהרען נישט זיין געזיכט, און זייער גערויש קומט נישט אין זיינע אויערען אריין — ער פיהלט נאר זיין אייגענע קראפט און נאגט פון איהר שטילען און זיכערען תענוג! ארמאטען און טראמפייטען קאנען זיין שוואכע שטימע נישט פארשטילען! מען ציטערט פאר איהם, פאר שרעק האט מען איהם איינגעמויערט —

ער שלאפט נישט, דער באראן! לענדער האט ער איינגענו־מען, בורגען צושטערט — וועלדער ציטערען פאר איהם און זיינע הערשער, און ער ציטערט פאר מיר; כל־זמן איך לעב שרעקען איהם ווילדע חלומות, וואקעלט זיין טראן, איז פארגיפטעט זיין זינדיג לעבען...

— איך בין די קראפט!

---

קעגען וואס דערצעהלט ער עס? וואונדערען זיך די גוטע לייט, וואס האבען די גוטע בשורה געבראכט. און דער דיכטער רוהט זיך אפ א ווייל און ענדיגט זיין ערצעהלונג:

אויף אלץ קומט דאך זיין צייט! און, נאך לאנגע לאנגע טעג און נעכט, וועקען איהם טריט אין קארידאר און א געקלאנג פון אייזען.

— זיי קומען מיך טויטען! מיינט דער באדר און וויל אקעגען געהן דעם טויט מיט פרייד. דער טויט פון שטארקען איז שטאר־קער פון זיין לעבען. פאר זיין באפרייטען גייסט, וועלען זיי מעהר ציטערען — איך וועל זיי צו חלום קומען!

נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט.

— מיר זענען געקומען דיך באַפרייען! — רופט מען צו איחם מיט פרייד און מיט אייזען ברעכט מען די טויער — אַ שטראָם ליכט יאָגט אַריין —

— ווי אַלט ער איז געוואָרען! — באַמערקען די באַפרייער.

— ווי ווייס זיינע האָר!

— דאָך די אויגען ברענען!

נאָר די אויגען לעשען זיך און מיט אַ געבראָכענער שטימע פרעגט דער באָרד:

— באַפרייען ווילט איהר מיך? מען האָט שוין פאַר מיר קיין פחד נישט? אַזוי אַלט בין איך?

און די באַפרייער ענטפערען:

— נישט מורא האָט מען פאַר דיר; מען האָט זיך צו דיר פאַר־בענקט! יעצט פאַרשטעהט מען דיך, און מען וויל עס הערען פון דיין מויל אַליין! דער באַראָן אַליין האָט זיך אָן דיר דערמאָנט... ער אַליין שיקט נאָך דיר. זיין נאָמענס־טאָג איז היינט און ביים טיש איז אָנגעגרייט, ביי זיין רעכטער האַנט, אַן עהרען־שטול פאַר דיר און גאָלדענע בעכער אויפ'ן טיש. און די הויף־דאַמען זענען זיך אין די גערטנער צולאָפען זוכען בלומען אויף אַ קראַנץ פאַר דיר... און די הערען זאַמלען אויף אַ געשענק פאַר דיר — אַן אייביג געדעכעניש... אַזוי הויך שעצט מען דיך. מען האָט דיך ליעב באַ־קומען — דיינע ליעדער פון טאָל ווערען אין הויף געזונגען — —

— קום מיט אונז, דו האָסט דיין גליק דערלעבט...

— איך ווייס נישט, — ענטפערט דער דיכטער — ווי לאַנג איך האָב אויף דעם גליק, פון וועלכען איהר רעדט, געוואַרט — איך האָב די יאָהרען נישט געצעהלט; נאָר איבער די צייט בין איך ווילד באַוואַקסען געוואָרען...

— מען וועט דיך שערען און קרייזלען און מיט שמעקענדיג וואַסער באַגיסען — —

— און צופוילט זענען מיינע קליידער —

— נייע, זילבער און גאָלד־געשטיקטע קליידער וואַרטען אויף דיר — קום, געליעבטער דיכטער מיט אונז —

— ווי קאָן איך אָנטון — קלאָגט זיך ווייטער דער באָרד — די קעניגליכע קליידער, אַז מיין ליים איז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען

און אוטריין! — גוטע לייט, פיהרט מיך פריהער צום וואסער, וואס פליסט ארום שלאס, און לאזט מיך פריהער זיך באדען און וואשען!

דערויף זענען די גוטע מענשען בעשטאנען.

דער באָרד איז אין וואסער אריין, אבער מעהר ארויפגעקומען איז ער נישט.

— ער האט זיך דערטרונקען? — פרעגען די לייט דערשראקען.

— געוויס!

— פארוואס?

— נאר וואס האט ער נאר געוואלט לעבען?

# דער שטראָל

(מעשה'לעך).

## 1.

## די אָפּטרינינע.

און גאָט, וואָס וועט אייביג זיין, איז אייביג געווען, און האָט אייביג זיינע חלומות געהאַט. און מקוים און פאַרקערפּערט פלעגען ווערען די חלומות, נאָר אויך באַלד פאַרלוירען אין דער פינסטער־ניש פון אַנגעשיטען תהו ובהו...

חלומ'ט זיך גאָט א טורעם, שטעלט ער זיך, דער טורעם, אין דער פינסטער אויפ'ן שפּיץ, און פאַלט, און פּלאַצט, און צופּלאַצט, און עס ווערט פון איהם אַש און שטויב און זיי צושפּרייטען זיך אי־בער'ן אומענדליכען תהו ובהו...

און חלומ'ט זיך גאָט א ים, פאַלט ער אין דער פינסטערניש פון תהו ובהו פון געלעגער אַרויס, שלאָגט זיך אָן פעלזען און בערג פון אנדערע געטליכע חלומות, און צופאַלט אויף וואַלען; די וואַ־לען אויף וואַסערלעך, אויף וואַסער־צונגען און וואַסער־שטראַלען; קומען ווינטען פון נאָך אנדערע געטליכע חלומות, צוברעקלען און צוואָגען זיי ביז איינציגע טראָפּען... קומען שווערע, שוואַרץ־דורש־טיגע נעבעל און טרינקען זיי אויס...

און די נ י ד ע ר הויבט זיך אין דער פינסטער איבער דער ה ו י ך און שלינגט זיי איין... און וועלטען לויפען קעגען וועלטען, און שלאָגען זיך אָן, און פּלאַצען, און צופאַלען זיך אין די אָפּגרונטען פון תהו ובהו, און פאַרשווינדען, גלייך זיי וואָלטען קיינמאָל נישט געווען. און איבער די חורבות פון איינגעפאַלענע וועלטען, גיסען

זיך איבער די פינסטערע תהו־ובהו־וואלען, און זיי לאכען צו זיך, און שפעטען פון באשעפער און זיינע חלומות, און קראַהען — מער־דער־געדאַנקען פליהען אויף די שווארצסטע פליגלען איבער שטי־קער מפולת פון איינגעפאלענע חלומות, און שטעכען אויס, וואו עס עפענט זיך אין דער פינסטערניש ערגעץ אַן אויג און וויל שיי־נען... און בייזע ווינטען יאָגען, קאַלערען זיך אין דער פינסטער־ניש, און פארשיטען מיט תהו־ובהו־אַש, וואו עס וועקט זיך און עס וויל אויפפלאַמען א פונק פון ווילען, פון לעבען.

ביז גאָט האָט אויף זיינע חלומות רחמנות באקומען און א טראַכט געטאָן: זאָל זיין ליכט!...

און עס איז געוואָרען ליכט; פון זיך אויסגעשטראַלט האָט ער עס, פון שענסטען חלום, פון דער טיפסטער נשמה אויסגעשטראַלט... געטליך ליכט.

און אין דער ליכטיגקייט האָט זיך יעדער באשאַפענער חלום אויף זיין אָרט געשטעלט.

און אין דער פיינסטער אָרדנונג איז אריבער א טאָג נאָך א טאָג, און נאָט האָט דערזעהן, אַז עס איז גוט. לעבען גוטען אָבער האָט ער אויך דאָס שלעכטע דערזעהן; שאָטען געהען נאָך דעם ליכט... איז איהם, דעם גערעכטען גאָט, באנג געוואָרען אויף זיין פון זיך זעלבסט אויסגעשטראַלט ליכט, עס זאָל לייכטען דעם בייזען, ווי דעם גוטען. און ער האָט באשלאָסען דאָס ליכט נאָר פאַר גוטע, נאָר פאר צדיקים צו באהאַלטען, זאָל עס זיין דער לוין פאר זייערע מעשים טובים...

און דאַמאָלט האָט ער די ליכטער אין הימעל באשאַפען: די זון זאָל רעגירען בייטאָג, לבנה און שטערען — ביינאַכט, און די שטראַלען, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשטראַלט פון זיך, האָט ער צוריקגערופען — — —

און די שטראַלען פליהען צוריק אין זייערע קוואַלען. נאָר איי־נער האָט זיך אָפגעריסען פון אַלע; איז אָפטריניג געוואָרען!

— די שלעכטע — האָט דער אָפטריניגער געטראַכט — זענען די אומגליקליכסטע, און אויב זיי ווערען אצינד פון אַלע מיינע ברידער פארלאָזט, וועל איך מיך, זיי צוליעב, אָפזאָגען פון הימעל און בלייבען ביי זיי...

און דער אָפטריניגער שטראַל האָט זיך ערגעץ אויף א שפיץ

בארג אין דארן־שטרוים באהאלטען. באלד האבען אויפ׳ן שטרוים רויזען אויפגעפלאכט, און דערוייל — האט זיך דער הימעל צוריק פארשלאסען.

איינס האט דער שטראל נישט געוואוסט, אז, נ א ח נ ט צו דער ערד, איז די לופט אזוי געדיכט, אז ער וועט זי נישט דורכ־דרינגען, אז ער וועט צו דער נידער קיינמאל נישט קומען... אז ער וועט בלייבען נאר געגוג הויך, און וועט קיינמאל די נידער נישט זעהן...

ווען ער האט זיך דערפון דערוואוסט, איז שוין צו שפעט געווען; איז דער הימעל געווען שוין פארמאכט, און אז ער האט שטיל און פול חרטה, אנגעקלאפט מיט א ציטערדיגען פליגעל, האט איהם א רחמנות׳דיגער מלאך געענטפערט:

— געה! גאט וועט דיך דערזעהן און פארטיליגען, אפטריניגע איז ער נישט מוחל...

און אראפ איז צוריק דער שטראל.

און קיינער ווייסט נישט פון דעם פארלוירענעם שטראל, פאר וועלכען די הויך איז פארשלאסען און די נידער צו טיף — און דאך חלום׳ט מען פון איהם, בענקט מען צו איהם... הערצער פיהלען, — נשמות לעכצען — נישט וויסענדיג...

## 2.

# דער איינזאַמער שיפער.

דעם בארג צופוסענס — פליסט פארביי א וואסער. און אי־בער׳ן וואסער געהען שיפען, און פיהרען איבער פון לאנד צו לאנד — דעם פארגליווערטען מענשען־שוויים און מענשען־בלוט, אין גע־שטאַלט פון אלערליי, אויפ׳ן אָרט איבעריגע סחורות. אויך מענשען שיפען זיך אַפּט איבער פון טריקעניש צו טריקעניש, פון לאנד צו לאנד... ווערט עמיץ מיד פון לעבען אין איין לאנד, שיפט ער זיך איבער צום צווייטען. און, ווערענד א געוויסע צייט, דאכט זיך איהם, אז ער האָט אָנגעהויבען א ניי לעבען, אַ פרישׁ לעבען... אַן אַנ־דערער האָט, גערן אָדער נישט גערן־וויליג, אין וואָס עס איז זיין נשמה באַפלעקט, שיפט ער זיך איבער צו נייע שכנים, וואָס ווייסען נישט פון פלעק, און וועלען מיט די פינגער נישט טייטלען!

שיפען געהען איבער׳ן וואסער, גרויסע און קליינע, נאָר אלע פולע: פול סחורות. און אויך פול מענשען, וואָס קוקען מיט בענג־שאַפט צום באָרט, וואָס זיי פארלאָזען, און מיט שרעקיגער האָפ־נונג צום באָרט, וואוהין זיי ווערען געשיפט. נאָר איין שיפעל געהט איינזאם, זיין קאַפּיטאַן איז אויך זיין איינציגער פּאַסאַזשיר.

וואוהין רודערסטו, איינזאמער שיפער? וואו פיהרט דיין וועג?

דער איינזאמער שיפער ענטפערט נישט; מיט דער צייט האָט מען אויפגעהערט צו פרעגען, צו גריסען... נישט היימליך האָט אויסגעזעהן דאָס לערע שיפעל, נאָך וועניגער דאָס פינסטערע גע־זיכט פון איינזאַמען שיפער און זיינע קאַלט־שטראַלענדיגע אויגען. וואָס האָבען אַ בליצענדיגע מעסער דערמאָנט...

און א גאַנצען טאָג רודערט דער איינזאמער שיפער. און ערשט ביינאַכט, ווען דאָס שיפעל, וואָס האָט קיין איינציגען לאַמטערען נישט, ווערט איינגעהילט אין נעבעל, שיפט ער זיך צום באָרג, אַנ־קערט אין שאָטען פון פעלזען אָדער געוויקסען, און רוהט פאַרשלונ־

גען מיט'ן שיפעל אין נעבעל, ביז דער מארגענשטערן זאגט אן די בשורה פון א נייעם טאג. אבער רוהען רוהט דאס ש י פ ע ל, נישט ער...

דער איינזאמער שיפער ווייסט נישט פון קיין שלאף; זיינע ברעמען פאלען נישט צו; זיינע אויגען פארמאכען זיך נישט...

ער האט געאנקערט. און אט נעמט ער פון טאש א גרויסען שליסעל ארויס און עפענט די איינאיינציגע קאיוטע אויפ'ן שיפעל. דערנאך — א קלענערען און שליסט אויף די איינאיינציגע זאך אין קאיוטע — א שראנק.

און א פארצעלייערנער טאק — א פרויען־בילד באווייזט זיך, מיט אויגען בלויע, ווי דער הימעל. נאר דער הימעל, וואס איז פאר־כשופ'ט געווארען אין זיי, איז אייביג ריין... ער קאן זיך קיינמאל נישט פארנעבלען; ער האט קיינמאל נישט געבליצט — א פאר־צעלייענער טאק. און פאר איהם האט זיך דער איינזאמער שיפער אויף די קני געלאזט, די גאלדענע שיבלעך פון קליין־פיסיגען טאק געקושט, און דערנאך דעם קאפ אויפגעהויבען, און מיט א שטיל און הייס־פארגניגט געבעט אין די אויגען אריין פון טאק געקוקט...

לעב, לעב אויף! האבען זיך די אויגען געבעטען. איך בין אזוי עלענד, אזוי אליין...

און אז דער ערשטער מארגען־שטראל האט זיך א גליטש גע־טאן איבער'ן שטילען וואסער־שפיגעל — לעשט זיך איהם דאס געבעט אין די אויגען אויס, הויבט ער זיך, זיפצענדיג, פון די קני אויף; פארמאכט — מיט'ן קליינעם שליסעלע דעם שראנק, מיט'ן גרויסען — די קאיוטע; און, מיט צוריק קאלט־שטראלענדיגע אוי־גען אין פינסטערען פנים, נעמט ער זיך צום רודער צוריק.

און אזוי געהען פארביי טעג, מאנאטען, יאהרען...

און איינמאל — עס איז א טריבער טאג געווען — און דער איינזאמער שיפער איז גראד ביים בארג צופוסענס געשוואומען. האט ער אויפ'ן רוקען פון בארג א שטיל־שיינענדיגען גלאנץ דער־זעהן — ווי דער שמייכעל, פון וועלכען ער האט גע'חלומ'ט, און האט פול בענקשאפט געוואלט ארויסרופען אויפ'ן אלבאסטער־פנים פון טאק. און צו זיך געצויגענע האט'ם פלוצלונג דער בארג; נעהנ־טער איז ער צוגעשוואומען...

„בארג אויף! בארג אויף!" האט אין איהם דאס פארבענקטע

הארץ, ווי געשריען; און געדוכט האָט איהם, אַז ער הערט די שטי־מע פון אַ גוסס, וואָס רופט נאָך אַ זיכערער הילף... און דאָס ערש־טע מאָל, נאָך טעג, מאָנאַטען, יאָהרען האָט דער איינזאַמער שיפער אין אַ טריבען טאָג געאַנקערט, און איז אויפ׳ן באַרג־רוקען אַרויפ־געשפרונגען, און האָט אָנגעהויבען געהן...

און ער געהט. צווישען פעלזען און שטיינער שטייגט ער... שטיינער און שטיקער ערד קייקלען זיך איהם, רווישענדיג, פון אונ־טער די פיס, שטיינער שאַרפערע שניידען און פאַרוואונדען איהם די זוילען; ער דאַך שטייגט. און וואָס העכער, איז דער באַרג גרי־נער, לעבעדיגער, פון וואָס העכער קוקען וואָס מעהר בלומען אַראָפּ און גאָר הויך טאַנצט אַרום אַ שיין, ווי אַ געטליך באַרמהאַרציגער שמייכעל, און רופט... רופט, און דאָס האַרץ בענקט אַזוי צום שמיי־כעל... צום געטליך באַרמהאַרציגען שמייכעל...

שטאַרק איז דער איינזאַמער שיפער געווען! און שטייגענ־דיג, האָט די קראַפט אין איהם געוואַקסען, און דאָס האַרציגע גע־וויין אין איהם האָט זיך, וואָס אַמאָל מעהר, אין פריידען־אויסגע־שרייען פאַרביטען...

און ער וואָלט דעם שפּיץ באַרג דערגרייכט, צום קוואַל פון לעבען — צום שטראַל געקומען, ווען נישט אַ קליינער געדאַנק, וואָס האָט איהם פּלוצלונג אויפגעבליצט אין געהירן:

— ווי ווייט בין איך שוין אָפּגעגאַנגען פון איהר? ווי הויך בין איך שוין איבער י ע נ ע ר בענקשאַפט געשטיגען?

און ער האָט זיך אומגעדרעהט אויף אַ ווײַלע, און זעהט!—

ביים ראַנד פון שיפעל שטעהט זי — דער טאָק — די הענט אויסגעשפּרייט. אַ לייטזעליג־פאַרקלערט־בעטענדיגער שמייכעל שי־מערירט איבער׳ן אַלבאַסטער־ווייסען געזיכט, און אין די אויגען— אין די אויגען אַזויפיעל בענקשאַפט, אַזויפיעל וועה...

ווי אַזוי איז דאָס וואונדער געשעהען?

און צוריק אַראָפּ געהט דער איינזאַמער שיפער...

„דו ביסט פון מיר אוועק — האָט זי איהם געזאָגט, און די שטימע האָט ווי פון אַ פיינסטער האַרפע געקלונגען — און אין מיר איז בענקשאַפט געבוירען געוואָרען, אַ וואונדערליכער שמערץ האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר... און דאָס איז מיין נשמה געוואָ־

רען! און אַט, זעה! איך לעב! לעב!" און הייס־גאָלדענע שטראַ־
לען שפּריצען איהר פון אונטער די זיידענע ברעמען אַפיר.

באַגליקט, האָט ער זי אין זיינע אָרעם געשלאָסען; מיט ברע־
נענדיגע ליפּען איהר שטערן מיט די באַוועגליכע שלייפען געקושט
און מיט א גליק־פאַר'שכור'ט האַרץ צו איהר האַרץ־קלאַפּען זיך
איינגעהערט — — — אין די בלויע אָדערלעך, וואָס שפּרינגען
אונטער איהרע שלייפען, זיך איינגעקוקט, ער קאָן פון זיי קיין אויג
נישט אָפּרייסען.

— זי לעבט, זי לעבט! — יויכצט דאָס האַרץ — — —

אָבער אין זיינע אָרעם האָבען זיך איהרע ליפּען צוריק צוזאַ־
מענגעצויגען און געשלאָסען... אויסגעלייטערט, ווי אַן אייביג שטיל־
בלויער הימעל, האָבען זיך די אויגען... שטיל שטעהען די שלייפען...
שטיל — דאָס האַרץ. אין זיינע אָרעם איז זי צוריק א טאָקעל גע־
וואָרען... און ער האָט זי צוריק אין שראַנק פון דער איינאיינציגער
קאַיוטע פאַרשלאָסען! און איז געלאָפען באַרג אַרויף, אום נאָך
אַמאָל זיך אומצוקוקען.

און פון דאַמאָלט אַן האָט קיין שיפער דעם איינזאַמען נישט
געזעהן. קיינער האָט נאָך איהם נישט געבענקט; „א נישט היימ־
ליכער געווען — פינסטערע בליקען געהאַט, איבער'ן וואַסער מיט
עפּעס א שרעקיגען סוד געשוואוּמען"... „אומגליק ברענגט ער!"
האָבען אַנדערע, וואָס האָבען שיף־ברוך געליטען, געמיינט — — —

צופוסענס דעם באַרג, אין שאָטען פון ציפּרעסען איז דאָס שי־
פעל פאַראַנקערט... גרין מיט מושעלן אויסגעזעצט, פאַרוואַקסען...
קיין פיש אין וואַסער מיידט עס נישט; קיין מעווע אין דער לופט
שרעקט עס נישט איבער... פויגעל־נעסטען אין אַלע זיינע שפּאַל־
טען. און דער איינזאַמער שיפער וואַנדעלט טאָג אויף טאָג; שטייגט
און נידערט, נידערט און שטייגט — — — קומט ער העכער און
רעהט זיך אום — לעבט אויף דער טאַק, קומט ער אַראָפּ און
שליסט זי אין זיינע אָרעם — ווערט דאָס וואונדער פאַרלאָשען...
און עס רופט דער שפּיץ־באַרג!...

דער — ווערט דעם שטראָל נישט דערגרייכען.

## 8.

# דער אַלטער כשוף־מאַכער.

אמאָל איז א כשוף־מאַכער געווען...

נאָר שרעקט אייך נישט, א גוטער געווען; נאָר צום גוטען האָט ער זיין קראַפט גענוצט... דער ווילען איז געווען אין איהם שטאַרק, דער שטאַרקער ווילען ש אַ פ ט, און ער האָט נאָר מעשים טובים געשאַפען... הונגעריגע געזעטיגט, דורשטיגע גע־טרענקט, טרערען פון אלמנה־ און יתומים־אויגען געטריקענט... און די קראַפט האָט ער פון בארג גענומען...

ארויף האָט ער נישט געקאָנט, דאָס גוטע הארץ קאָן אליין נישט געניסען פון גוטען! דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס קוועלט און מאַטערט זיך אונטען אין ט אָ ל, טרייבט איהם... ער שטייגט, וויגט מיט די אויגען דעם געטליכען שמייכעל, וואָס שיינט אויפ'ן בארג־רוקען אין דער הויך, אין הארץ, אין דער נשמה אריין; די נשמה וואַקסט, דאָס הארץ וואַקסט, דער ווילען וואַקסט, אבער דאָס רחמנות וואַקסט מעהר פאַר אלע, און ער לויפט אראָפּ: „עס זאָל זיין אין הייזעל ברויט!" — און עס איז געוואָרען ברויט! — „פון שטיין זאָל פאַר'ן פאַר'חלש'טען וואַסער שפּריצען", און א רעגענ־בויגען־פאַרביגער וואַסער־שטראַל שיסט שוין ארויף און צושפּריצט זיך גלייך די שענסטע פּערעל... ער האָט פון ווילען אפילו שטעק־שיך פאַר שוואַכע און ביין־קליידער פאַר נאַקעטע געמאַכט... און מענשען האָבען געזאָגט ס'איז כשוף, און איהם האָט מען גערופען כשוף־מאַכער... פאַרברענט האָט מען איהם נישט; ער האָט גרויסע טובות געטאָן!

ארויף איז ער נישט — דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס מאַ־טערט און קוועלט זיך אונטען, טרייבט ארויף און טרייבט צוריק— און דעם קוואַל פון לעבען האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכען און איז מיט דער צייט דעריבער אלט און יעדען טאָג שוואַכער גע־וואָרען...

און וואס אמאל האט ער ווייניגער בארג געמאכט, טאג אויף טאג צו א קלענערער הויך געשטיגען... דער שאפענדער ווילען איז איהם איז פון טאג צו טאג קלענער געווארען... ער האט שוין גע־קאנט מאכען בלויז לײמענע פײפערלעך פאר וויינענדיגע קינדער...

און מענשען האבען אין זייער כשוף־מאכער פארגעסען. מאנכע האבען איהם אויפגעהערט צו גריסען: „עס האט געמוזט זיין א שווינדעל!" יונגערע — האבען געלייקענט, — מאלע וואס אלטע דערצעהלען...

און בענקען האט אנגעהויבען דער כשוף־מאכער צו דער הויך. צו דער העכערער הויך, צום פרישען קוואל פון זיין קראפט; נאר שוואכער און שוואכער ווערט זיין לייב, מידער די פיס... די רחמנות־פליגעל, וואס האבען איהם געטראגען, זענען מיט יעדען טאג קירצער געווארען...

— נייע פליגעל דארף מען! — זאגט איהם דאס פארבענקטע הארץ.

— נאר די אומשולד קאן זיי געבען! — ווייסט ער.

און דער אלטער כשוף־מאכער לאזט זיך אראפ זוכען די אומ־שולד...

נישט לייכט איז זי צו געפינען... איהר ווייסט, ווי עס שטעהט היינט מיט דער אומשולד... איהרע פאפירען ווערען אויף קיין בער־זע ניט נאטירט...

„געווען, באנקראט געווארען"...

בלאנדזשעט ער אזוי...

איינמאל קומט ער ערגעץ אויף א קליין, ווילד־פארוואקסען בערגעל ארויף, טרעפט ער א קליין דארפס־מיידעלע, וואס פאשעט שווארצע ציגען.

— פארוואס דורכאויס שווארצע? — פרעגט ער זי זעהר מיטליידיג. — פארוואס געוועהנסט דו, אזוי יונג נאך, דיינע אוי־גען צום שווארצען?...

און שאקלענדיג מיט'ן קאפ, ענטפערט איהם דאס מיידעל:

— מענש, טריבע אויגען האסט דו! מיינע ציגען זיינען ווייס.

— אלע?

— ביז צום לעצטען! און וויים, ווי ערשט געפאלענער שניי!
— באשטעטיגט דאס קינד. —
„דאס איז די אומשולד אליין" — טראכט ער און נעמט זי מיט מיט זיך צום רוקען פון בארג...
און זיי שטייגען...
— קינד, — זאגט ער איהר, — וואס העכער איז אלץ לייט־זעליגער דער שיין פון געטליכען שמייכעל... ווייסער זענען די לי־ליען, רויטער זענען די רויזען, בלויער און קלארער ריזלען די וואַ־סער־סטענגעלעך, העכער וואקסען די בוימער, שענער און פרעהלי־כער זינגען די פייגעל צווישען די צווייגען...
און זי הערט מיט א גליקליכען גלויבענס־שמייכעל. נישט ווי־סענדיג דערפון, האט זי פליגעל, וואס טראגען זי, און ער האלט זיך מיט א פארציטערטער האנט אן איהר שירץ און טראגט זיך מיט...
— איך דאנק דיר — זאגט איהם דאס הארציגע קינד — פאר דעם וואס דו פיהרסט מיך ארויף... ארויף צום געטליכען לייטזעליגען שמייכעל צום קלארען, ריינעם גליק...
און ער האט שוין נישט די קראפט געהאט, זיך מודה צו זיין, אז ער האט נאר דאס וויסען פון דער הויך, און זי די פליגעל צו איהר — און דעריבער איז ער מיד געווארען... און וואס א טאג על־טער און מידער, און אז ער וויל רוהען און זי ווערט פון איהרע פלי־געל ווייטער געטראגען, שלעפט ער זי אייז...
פלאמענדיגע מאן וואקסט אויפ'ן רוקען פון בארג, ער רייסט דעם מאן, צודריקט איהם אין דער פלאכער האנט, פיהרט זי איבער איהרע אויגען.
— ווי דו גלעטסט מיך! — זאגט זי דאנקבאר פאר דער לאס־קע און שלאפט איין... און ערשט ווען ער רוהט אויס, וועקט ער זי דערפרישט צום ווייטער געהן...
ער וועט נ י ש ט דערגעהן...
זי — ערשט ווען ער וועט פאלען, ווען זי וועט זיין טויטען קערפער פארלאזען... זי וועט'ן באוויינען, פארגעסען און שטיי־גען...

4.

# די טויטע האנט.

און נישט מיט אמאל מוז מען ארויפקומען...

מען קאן שטארבען און ניי געבוירען ווערען און ווייטער שטייגען... איהר גלויבט געווים אין תחית המתים? „ער“, וואס איז מיט „איהר“ געשטיגען, האט געגלויבט! און „ער“ און „זי“ שטייגען — די ליעבע טראגט זיי צו פרייד, צו ליכט, צום געטלי־כען שמייכעל אויף די גאלדיגסטע פליגעל... אויפ'ן בארג־רוקען דורך א צווינגטען וואלד שטייגען זיי, זינגענדיג מיט די פייגעל, וואקסענדיג מיט די בוימער, בליהענדיג מיט די בליטען...

איינמאל האט ער זי פרעהליך געלאזט, און, צוריק קומענדיג, מיט א טרער אין אויג געטראפען...

— וואס איז? — פרעגט ער, אויסקושענדיג איהר די טרער.

— איך האב מיך מיט א שרעקליכען סוד געטראפען...

זי שפארט אן דעם גאלדענעם קאפ אויף זיין שויס, הויבט צו איהם די טיף־דערשראקענע אויגען אויף, און דערצעהלענדיג, ציטערען איהר די ליפען.

— איך האב א בלאט אין וואלד געטראפען, אויף דער ערד, צווישען גראז איז עס געלעגען, און א גאלדענע זוים האט עס גע־האט...

— ווי גאלדען־שיין דו ביסט, בלאט! — האב איך מיך צו איהם אראפגעבויגען.

— און שטיל זיפצענדיג, אז מיין אויער האט קוים קוים גע־הערט, — האט מיר געענטפערט דאס בלאט:

— גאלדיג איז דער בלעטער־טויט... אזוי שטארבען מיר...

— וואס איז טויט? וואס איז שטארבען?

— איך ווייס נישט—ס'א סוד... אונזער גאלדיגער, שרעקליך גאלדיגער סוד, וואס שלינגט אונז איין...

און אַז אַטעם פֿון אַ ליכט ווינטעל האָט'ס פּלוצלונג אָוועקגע־טראָגען... וואוהין?

ער שווייגט.

— איך געה ווייטער — אַ וואונדערליכע שטונדע געוועזן — היפּט אַ פֿויגעלע פֿון מיינע פֿיס, צווישען גראָז היפּט עס.

— פֿויגעלע, פֿויגעלע, פאַרוואָס פֿליהסטו נישט?

— כ'האָב מיר אַ פֿליגעל פאַרוואונדעט! — ענטפֿערט עס נאָך פֿיעל טרויעריגער פאַר'ן בלאַט...

— וואָס שמאַכסטו? טוט עס דיר אַזוי וועה?

ניין, נאָר דער ווינטער קומט, די מייניגע וועלען אָוועקפֿליהען. איך איינער וועל דאָ בלייבען און פאַרגעהן!

— וואָס איז פאַרגעהן?

— אַ סוד... עפּעס אַ ווייסער סוד... דאָס ווייסט קיין פֿויגעל נישט... אָבער עס שלינגט אונז איין דער ווייסער סוד... און ער היפּט פֿון מיר אָפּ...

ענג איז מיר געוואָרען אין דער ברוסט, און דיך בין איך גע־גאַנגען זוכען... און בין פֿון וואַלד אַרויסגעקומען... אַ שטיק פֿעלד דערזעהן... עס וויגען זיך די זאַנגען... גאָלדענע זאַנגען אַזוי שטיל, אַזוי טרויעריג שטיל...

— וואָס טרויערט איהר, גאָלדענע זאַנגען?

— פאַרטיג זענען מיר, פאַרטיג און זאַגען וידוי, גרייטענדיג זיך צום טויט!

— וואָס איז ט ו י ט?

— אַ סוד... אַ שרעקליכער סוד — אויף אַ בלאַנק שנייד־מע־סער אַ בליצענדיגער סוד... און דעריבער שרעקען מיר זיך און טרויערען...

— ליעבער! — כאַפּט זי איהם אַז ביי דער האַנט — רעדטע אונזער ליעבע און דאָס שענסטע און בעסטע פֿון וואַלד.

— ווי אַזוי, קינד?

—אַ פעסטונג זאָלסטו געגען ווינטער בויען... אַן אומגעהייערע פעסטונג, אַן אומגעהייער צימער פֿון דורכזיכטיג גלאָז... און ווייט און ברייט זאָל אונזער פעסטונג, אונזער ליעבע־שוץ אונזער היי־

ליגקייט זיין; מען זאָל קיינמאָל מעהר, ווי איין וואנט נישט זעהן... אין דער מיט מיט קיין איינציגע... עס זאָל קיין געפעגניש נישט זיין... און אהין וועלען מיר דעם „סוד“ נישט אריינלאָזען, ער זאָל אונזער ליעבע און געליעבטע נישט איינשלינגען?

נישט איינזאם וועלען מיר זיין... אלע וואס גוט איז און שעהן וועלען מיר רעטען, צו זיך אין היילינטום נעמען... די שענסטע בוי־מער, די שענסטע בלומען, די זינגענדיגע פייגעל, אלע, אלע!

— קינד — ארום היילינטום וועט געהן דער טויט, און זיין אָטעם וועט אלץ פאַר׳סמ׳ען אויף טויט... עס וועט קיין ריכטיג לע־בען נישט זיין, נאָר עפעס ערגערס פאַר׳ן טויט! — א געפאַנגע־נער וועט זיין דער פויגעל, און גוסס׳ענדיגע ליעדער זינגען... שטאַר־בען וועט דער בוים... אייביג קראנק וועט זיין די בלום... און א בלאסער, קרענקליכער שאָטען, וועט זיך ארומדרעהען אונזער ליעבע צווישען טויטע; און פאלש וועט קלינגען אונזער וואָרט, פאלש יע־דער קוש... ווער עס וויל לעבען, מוז שטאַרבען!

פאַרגעהן און אויפערשטעהן!

— אלע שטעהען אויף?

— די, וואס גלויבען!

— דו גלויבסט?

— איך גלויב! און ד ו?

— איך גלויב אין ד ע ם, וואס דו גלויבסט...

מיט שטראַלענדיגע אויגען זאָגט ער איהר:

— שטאַרבען איז נאָר איין העלפט פון סוד: אויפערשטעהן די צווייטע... און וויפיעל מאָל שטאַרבען און אויפערשטעהן מען האָט אונז ביז׳ן שפיץ בארג — ביז צום ריינעם געטליכען ליכט באשערט, דאס קאָן מען נישט וויסען... עס ציהט זיך א גאָלדענע שנור; וויפיעל מאָל א פארבאָרגענע האנט וועט זי איבעררייסען און צוריק פאַרקניפּען — דאס איז א ו י ך א סוד — דער ג ר ע ס ט ע ר סוד...

איהרע אויגען טרענקען פארטרויט אין זיינע — און זי הערט זיך איין.

— א קבר וועל׳ן מיר זיך גראָבען, דאס היילינטום, דעם אי־

בערגאנג פון איין זייט סוד צו דער צווייטער... דארט וועלען מיר רוהען. גאדעקען, שיצען אוןווארעמען וועט אונז דער שניי, דער ווייסער, קלארער שניי, וואס איז ווייס און קלאר, ווי אלע געטליכע סודות זענען... און שלאפען וועלען מיר, רוהיג שלאפען... רוהיג שלאפען די, וואס גלויבען... דער גלויבען אין אונז, — דער גלויבען אין אויפערשטעהן, — דער זאמען פון ניי־געבוירען ווערען, פון אויפלעבען אויפ׳ס ניי, וועט אין אונז נישט שלאפען... שטיל וועט ער געדייהען... שטיל וואקסען, וואקסען, און וועט ארויסשפראצען אלס א ניי געפליגעלט לעבען...

לאנג האט ער גערעדט, לאנג! — זי גלויבט, נאר אונטער׳ן גלויבען אין זיינע רייד נאגט א ווארעם. „זיין גלויבען איז זיין אייגענער, מיינער איז נאר אן אפגלאנץ פון איהם — וועט ער נישט אויפערשטעהן אהן מיר?"

זי פארהעהלט עס דאך פון איהם, און מיט צוטרויען הערט זי ווייטער זיינע רייד:

— און אז ער, דער ערשטער שטראל פון דער זון, וועט דורכ־דרינגען די ערד, וועט זיך וועקען אונזער אויג, וועט זיך אויפהויבען אונזער ברעם... און אז דער ערשטער טריל פון א צוריק־געקומענעם, אויף די פליגעל פון היים־וועה געטראגענעם פויגעל וועט דורכ־קלינגען אין דער לופט, וועט ער וועקען אונזער אויער... און אז פון געטליכען גנאד וועט אויסשפראצען די ערשטע פריהלינגס־בלום, וועט אויפבליהען אונזער ליעבע, און וועקען אונזער הארץ, און מיר וועלען אויפערשטעהן...

— איך גלויב! — זאגען איהרע קוש־דורשטיגע ליפען — און א גערדאנק פליהט איהר דורך דעם גאלד־פארהארטען קאפ:

— איך וועל מיין האנט אויף זיין הארץ לעגען, ער וועט אהן מיין וויסען נישט אויפערשטעהן!

און אזוי איז געשעהען...

נישט איין ווינטער איז אריבער, נישט איין פריהלינג איז גע־קומען... עס דרינגט דורך דער ערשטער שטראל, ער הויבט די ברע־מען אויף; עס טרילערט דער ערשטער פויגעל אין דער לופט, עס עפענען זיך זיינע אויערען... די ערשטע בלום שפראצט ארויס, די

ליעבע וועקט ביי איהם דאס הארץ, נאר פריי אויפאטעמען קאן דאס הארץ נישט — א טויטע האנט ליגט אויף דעם הארץ, אויפ־לעבען קאן עס נישט...

מיט אפענע אויערען און אויגען ליגט ער איבער'ן זומער... ווינטער פארדעקט זיי צוריק דער שניי... שלאפט ער טיפער איין...

5.

# פ י י ג ע ל.

מאנכע, ס׳מעהרסט צופעליג, דערגרייכען דאך דעם שפּיץ פֿון בארג...

איינער — נאָכיאָגענדיג א האָז, א צווייטער נאָכלויפענדיג נאָך א זומער־פויגעלע... א שכור, זאָגט מען איז אמאָל אויף אלע פיער ארויף... נאָר די קומען נישט צוריק אראָפּ...

די צופעליג־ארויפגעקומענע ווערען אין זינגענדיגע פייגעל פארביטען, בויען זיך נעסטען אין די צווייגען פון די העכסטע ביי־מער און — זינגען — פאר זיך, נאָר פאר זיך!

אין חלום הערט זיך אמאָל זייער געזאַנג, — ווי פון די ווייטס־טע וועלטען קומט ער...

# לבנה־פּערל און אלטוואַרג.

אמאָל איז געווען אַ „בת־מלכה“...

איך וויל אייך אבער נישט גענאַרען; עס איז קיין עכטע בת־מלכה נישט געווען...

דער פאָטער, אויב ער איז זיכער, איז אַ פאַר׳מרה־שחורה׳־טער שוסטער געווען, די מוטער —אַ מאַרק־אידענע, וואָס האָט ליעב געהאט דעם ביטערען טראָפּען... נאָר אויגען האָט זי געהאט פון אַ בת־מלכה, מען האָט זיך טועה געווען...

און פאַרליעבט אין די אויגען האָבען זיך צוויי אָרעמע יונגע־לייט. זיי האָבען זי פאַר אַ ווירקליכע בת־מלכה געהאַלטען, און ביידע, כאָטש יעדערער באַזונדער, האָבען געזאָגט: „זי, אָדער — אַ שטריק אויף׳ן האַלז“, די אייגענע ווערטער, כאָטש איינער האָט פון צווייטען נישט געוואוסט, זיי האָבען זי גאָר אפשר נישט גע־קענט.

און ביידע, כאָטש יעדערער באַזונדער, האָבען זיך באַשלאָסען די בת־מלכה צו באַקומען.

נאָר ווי אַזוי?

מען געהט דאָך נישט צו קיין בת־מלכה — בפרט, ווי זיי האָבען געמיינט, צו אַן אמת׳ער, מיט לעדיגע הענט, האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען, מיט וואָס נושא־חן צו זיין אין איהרע אויגען.

און ביידע האָבען געזוכט, נאָר יעדערער אויף זיין אופן:

איינער האָט אָנגעהויבען ארומגעהן גאַנצע טעג מיט די אויגען אַראָפּ, דער צווייטער נעכט — מיט די אויגען אַרויף.

דער „מיט די אויגען אַרויף“ איז געווען אַ ראָמאַנטישע נאַ־טור: ער האָט זיין גליק נישט געוואָלט אויפהויבען פון מיסט אין

גאס. ער האט זיין גליק אין הימעל געזוכט; דערהויפט — אין אויסגעשטערענטע לייטזעליג־פאר׳חלום׳טע נעכט...

און גאנצע נעכט האט ער הינטער דער שטאדט, אין וואלד, אין פעלד, צי ביים טייכעל פארברענגט אדער אפגעשטאנען ביים קליינעם פענסטערל אין דאך־שטיבעל ביי זיך, און אלץ מיט די אויגען אין דער הויך, אלץ צום הימעל ארויף, צו דער בלויער הויך, צו לבנה און שטערען. מיט הארציג־פייכטע אויגען האט ער זיך פאר זיי אויף זיין מזל געקלאגט, מיט ציטעריגע ליפען פון זיין ליעבע דערצעהלט און אלץ אין איינעם געבעטען זיך: שענקט מיר, הימעלשע לייט, פון אייערע גוטע זאכען עפעס ריינס און גוטס פאר א מתנה פאר דער שעהנער בת־מלכה; זאל איך נושא חן זיין אין איהרע אויגען, זאל זיך איהר הארץ ווענדען צו מיר, זאל זי מיר איהר ליעבע שענקען, ווארים, אז נישט, וואס איז מיין לעבען ווערט?

דער ערשטער אבער, דער „מיט די אויגען אראפ“, האט אנדערש געטאן! ער ווייסט, אז עס וואלגערען זיך ארום אויף דער ערד אלערליי אוועקגעווארפענע און פארלוירענע זאכען. מעןווארפט ארויס פון א הויז א שטיקעל אלטווארג; עס גליטשט זיך אויס פון א האנט א צו־גלאטער גראשען; א פערד פארלירט אמאל א פאדקאווע; עס וואלגערען זיך אויסגעקרימטע נעגעל, עס טרעפען זיך אמאל אויך כשר׳ע מציאות — און אז מען האט געדולד און א גוט אויג, און מען קלייבט לאנג, קאן מען צו עפעס קומען: פון גארנישט מיט גארנישט ווערט עפעס, פון עפעס און עפעס — א פאר גראשען; און די גרעסטע פארמעגענס באשטעהען אויך נאר פון גראשען, — און ביי א פארמעגען ווערען בת־מלכה׳ס הערצער ווייך ווי א וואקס...

הויבט ער אן זוכען אין גאס...

דאס זענען געוועזען די צוויי אופנים פון די צוויי ליעבהאבער...

און פון וועלכען זאל איך אייך דערצעהלען פריהער? אין גאס, אין געשעפט, ווען איהר זוכט שדוכים פאר אייערע טעכטער, זענט איהר, נעווים, פראקטישע מענשען, איז דער „מיט די אויגען אראפ“ וואלט אייך מעהר אינטערעסירט; צווישען טאג און נאכט אבער,

ווען איהר נעמט אייך צום לייענען, ווערט איהר סאמע רוחניות, סאמע נשמה, און אייער מיטגעפיהל איז אודאי אויף דער זייט פון דעם „מיט די אויגען ארויף“, לאז איך איבער, אויף א ווייל, דעם „מיט די אויגען אראפּ“ און וועל אייך פריהער דערצעהלען, ווי אזוי עס איז געגאנגען דעם פון „די אויגען ארויף“...

ער קוקט אין הימעל אריין, און ער האט אזוי לאנג געקוקט און געקוקט, און געקלאגט זיך אזוי הארציג אויף זיין מזל, און אזוי ריהרענד דערצעהלט פון זיין ארעם לעבען און רייכער ליעבע; ער האט אזוי פיעל שעהנע און הארציגע ווערטער געהאט פאר זיין איינזאמקייט, בענקשאפט און דער פלאם, וואס ברענט איהם אין הארצען, — ביז די גוטע שטערענדלעך מיט די קינדערש־ריינע הערצעלעך האבען אויף איהם א רחמנות באקומען, און געמיהט זיך פאר איהם ביי דער קאלטער לבנה! — נישט איין שטערענדעל, האט געזאגט, אז עס געהט אוים פאר צער! — — אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז די לבנה האט אויך אויף איהם רחמנות באקומען, און איינמאל אין א שעהנער העלער ענדע־נאכט, עס האט נאר וואס געזאלט אנהויבען גרויען דער טאג, האט זי אויף איהם א לייטזעליג אויג געווארפען און אין דאך־שטיבעל אריין, דורכ'ן קליינעם פענסטער, אויף א לאנגען זילבערנעם שטראל — נישט מעהר און נישט ווייניגער, נאר א שנירעל לבנה־פערל דערלאנגט!

דער ארעם־בחור ווערט שיער נישט משוגע פאר פרייד, און כאפט תיכף ומיד, און לויפט צו דער בת־מלכה און קלאפט אן אין טיר.

— ווער איז דארט? — הערט זיך דער בת־מלכה'ס זיסער קול, נאר אביסעל פארשלאפען און דערשראקען — ווער וועקט עס מיך פון שלאף? ווער האט מיר מיינע שעהנע טויבען, די געפליגעלטע חלומות פאריאגט?

— איך! איך! —ענטפערט ער מיט א פארציטערטען קול,— בת־מלכה! איך האב דיר א הימלישע מתנה געבראכט, אזוינע, וואס קיין שררה שענקט זיין ווייב, און אפילו זיין געליעבטער נישט, וואס יענע האבען אין זייערע אוצרות נישט, וואס די וועלט, די גאנצע וועלט פארמאגט נישט, און איך האב פון הימעל באקימען און איך פארלאנג דיין ליעבע דערפאר...

„פון הימעל?" וואונדערט זיך די בת־מלכה און שפּרינגט אראָפּ פון בעט און שליסט אויף די טיר און עפענט אַ שמאָלע שפּאַרע, און שטעקט אַרויס די ווייסע מאַרמאָרנע האַנט נאָך דער מתנה.

און אַז דער יונגערמאַן דערמאָנט נאָך אַמאָל זיין באַדינג, הייסט זי איהם קומען פּאַרנאַכט, אַז די זון וועט אונטערגעהן נאָך אַ תשובה...

איז ער, דער ליעבהאָבער מיט די אויגען אַרויף, דערפרעהט געוואָרען און איז זינגענדיג און אונטערטאַנצענדיג פון שטאָדט אַרויס, צום פעלד, צום טייך, צום וואַלד. אין די אויגען — די ווייסע מאַרמאָרנע האַנט, אין אויער — דער זיסער קול... ער לויפט. די זאַנגען אין פעלד, דאַכט זיך איהם, ווינשען איהם גליק, דאָס טייכעל רוישט: מזל־טוב! מזל־טוב! די בוימער שאָקלען צו מיט די קעפּ: יאָ, יאָ, עס קומט דיר, דו לבנה־פריינד! און די פייגעל, די באַזינגען איהם שוין די כלה...

נישט געגעסען און נישט געטרונקען, איז ער אַזוי, זינגענדיג און טאַנצענדיג, אַרומגעלאָפען הינטער דער שטאָדט. נאָר אַט לאָזט זיך די פלאַמענדיגע זון אַראָפּ, ווייכע קיהלע שאָטען לעגען זיך איבער טייך און פעלד, די בוימער־שטאַמען גילדען זיך, אַ שטיל ווינטעל צולאָזט די פליגעל און עפּעס אַן אויסטערלישער פויגעל קלאַפּט מיט׳ן שנאָבעל אין בוים אַריין, און רופט: צייט! צייט! און ער לויפט אין שטאָדט אַריין נאָך אַ תשובה...

ער קלאַפּט נאָך אַמאָל אַן אין דער בת־מלכה׳ס טיר, נאָר שוין זיכערער.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט די בת־מלכה שאַרף און אומגעדולדיג.

— איך, דער וואָס האָט דיר פון דער לבנה׳ס פערל געבראַכט — נאָך אַ תשובה בין איך געקומען...

און עס הערען זיך לייכטע טריט, און אויף אַ שמאָלע שפּאַרע עפענט זיך נאָך אַמאָל די טיר, און ווי אין דערפריה שטעקט זיך אַן אַלבאַסטער־האַנט, נאָר שוין נישט קיין נאַקעטע, אַרויס...

— „איך האָב דיינע פערעל צו אַלע גאָלדשמידען געטראָגען — קיינער וויל זיי אין האַנט אַריין נישט נעמען: נישט קויפען,

נישט טוישען... עפּעס פרעמדע שטיינדלער, זאגען זיי, נאָר דאָ אַהן א ווערט. איך בין אין א שניט־קראָם געלאָפען, געוואָלט כאָטש א ציצען קליידעל דערפאר, — מען האָט מיך אויסגעלאכט. מיך און הונגעריג בין איך צו א שפּייז־געוועלבעל געקומען, און האָב פאר'ן גאנצען שנירעל לבנה־פּערעל א קליין שטיקעל קעז געבעטען, האָט מען מיך, ווי א ווילד־משוגענע, ארויסגעטריבען.״—

און די מאַרמאָרנע האנט וואַרפט איהם די פּערעל צו די פיס און ציהט זיך צוריק און פארוואַרפט די טיר, און הייזעריג דרעהט זיך איבער דער שליסעל אין שלאָס...

---

נאָר אנדערש איז צוגעגאנגען מיט'ן צווייטען, מיט דעם פון „די אויגען אראָפּ.״

ער האָט געקליבען און געקליבען: טעג, חדשים, יאָהרען...

א קורצע צייט ארום, אז ער האָט שוין א פולע קאַמער שטיק־לעך און אלטווארג געהאַט, האָט עס א געהער פאר קליין געלט אָפּ־געקויפט. דער „קלייבער״ האָט דאָס געלט אין א שפּאַרקאַסע גע־לעגט און ווייטער געקליבען און ווייטער פארקויפט... אמאָל האָט זיך איהם אויך א כשר'ע מציאה געטראָפען... אז מען זוכט, געפינט מען; גאָט העלפט... פון נאַרנישט מיט נאַרנישט ווערט עפּעס, פון עפּעס און עפּעס — א דרייער און ווי געזאָגט, דאָס גרעסטע פאר־מעגען באשטעהט פון דרייער. איז ער טאַקע צו א פאַרמעגען גע־קומען, צו כבוד אויך. אנפאנגס האָט מען זיך פון איהם אָפּגע־רוקט: א מענש זוכט אין דער בלאָטע!... דערנאָך גיטיג צוגע־שמייכעלט... שפּעטער — ערנסט באַטראַכט, און נאָר דערנאָך, אז ער איז שוין רייך געוואָרען, באוואונדערט און פאר א מוסטער גע־שטעלט!...

און אז ער איז שוין רייך געוואָרען, האָט ער זיך א פּאַלאַץ געקויפט ביי א שררה'ס א געליעבטער, אלט, נאָר גרויסאַרטיג מע־בעל אָפּגעהאַנדעלט און דאָס פּאַלאַצעל אויסגעצירט; אין דער שענסטער שטוב האָט ער א גאָלדען בעט, מיט אטלאָס און סאַמע־טען בעטגעוואַנט געשטעלט און האָט פון פּאַלאַץ דעם גאָלדענעם

שליסעל גענומען און איז צו דער בת־מלכה געגאנגען און געבעטן זי, צי וויל זי מיט איהם צוזאמען וואוינען אין פאלאץ און שלאפען אין גאלדענעם בעט? און זי האט געענטפערט: יא.

---

און אין חופה־טאג, איז ביי דער ארעמער סעודה, דער „מיט די אויגען ארויף" צווישען די ארעמע לייט געזעסען און געגעסען און מיט שלעכטען בראנפען זיך אנגע'שכור'ט... און ביינאכט, אז מען האט דאס פאר־פאלק לעגען געפיהרט, איז ער אנטלאפען אין וואלד אריין און — האט זיך אויפ'ן ערשטען בעסטען בוים — אויפגעהאנגען...

# דריי מאָל גערופען.

(איבערזעצט פון א גאָר אַלטען, נישט געענדיגטען כתב־יד).

1.

איך בין דאמאָלט געשטאַנען אין פעלד, ווייט פון באגראָד, וואו איך בין געבוירען געוואָרען און מיין פאָטערס הויז איז גע־שטאַנען...

איך זעה זי דאָך, די שטאָדט, פון וויטען... איהרע טויזענ־טער ליכטלעך שניידען זיך דורך דעם שווערען, פייכטען נעבעל דורך און קוקען אויף מיר, ווי טויזענטער אויגען, פול בארמהער־ציגקייט און זאָרג.

זי האָט מיטלייד מיט מיר, אויפ'ן קליינעם, שוואכען איגגעל, וואָס האָט זיך פארבלאָנקעט אזוי ווייט פון דערהיים און שטעהט איינער אליין אויפ'ן פרייען פעלד...

כרויעריג שווימט אויך איבער מיין קאָפ די לבנה...

אנדערש קוקען די שטערענדלעך! מיט מיליאָרדען פינקעלדיגע אויגען שמייכעלט צו מיר דער הימעל אראָפ. ער ווייסט, אז איך בין נישט פאראירט נישט פון דער שטאָדט, נישט פון טאַטענס הויז; אז איך וויים, וואו איך בין, וואוהין איך געה און וואָס איך מ ו ז טון!

און נעמליך: איך מוז ארויף אויפ'ן שפיץ טורעם, די ריינע ווארהייט מוז איך וויסען!

אזוי האָט מען מיך געהייסען!

---

וואונדערליכע געשיכטען דערצעהלט מען וועגען דעם טורעם; מעשיות — איינע שענער פאר דער צווייטער.

דא — זאגען טייל — איז אמאל א שטאדט און א פעסטונג געשטאנען; א שטאדט א גרויסע, א גרעסערע אלס באגדאד; און א פעסטונג, וואס האט געווארפען א דיקען, שווערען שאטען פון איהרע מויערען איבער שטעדט און לענדער... דער טורעם איז גע־שטאנען אין דערמיט פעסטונג, און ארום שפּיץ טורעם איז גע־ווען א באלקאן, אויף וועלכען עס איז ארומגעגאנגען א וואך.

איינמאל האט זיך א פיינט צוגעשלייכט צו דער פעסטונג, און דער וועכטער איז געשלאפען און האט נישט ב א מ ע ר ק ט, קיין ס י ג נ א ל נישט געגעבען, דאס פ א ל ק נישט גע־וועקט! דער פיינט האט געשטורעמט די מויער, אריין אין שטאדט, אויסגעקוילעט דאס פאלק, פארברענט די שטאדט און איינגע־ווארפען די פעסטונג... איין טורעם איז געבליבען... און נאכט אויף נאכט שטעהט דער וועכטער פון קבר אויף, געהט אויפ׳ן באלקאן פון טורעם ארויף, — געהט אויף דער וואך, ביז ער שלאפט איין... וועה־געשרייען וועקען איהם, ער עפענט די אויגען און זעהט, ווי מען קוילעט זיינע ברידער; ער ווארפט זיך פון טורעם אראפּ— דאס איז זיין אייביגע שטראף.

און אנדערע זאגען: עס איז א טורעם פאר שטערענזעהער געוועזען; פאר אזוינע כשוף־מאכער, וואס האבען מיט אפענע אויי־גען געקוקט אין הימעל אריין און געזעהן, וואס יעדען איז באשערט; וועמענס מזל עס צופלאקערט זיך און וועמענס שטערן לעשט זיך און פאלט, און יעדען געווארענט אדער בשורות אנגעזאגט — פאר קליין־געלט; גוטע מענשען געוועזען...

און ווער עס האט געהערט, געגלויבט, און, אויב א שלעכטע בשורה — תשובה געטאן, איז גוט! אדער ער איז געשטארבען א בעל־תשובה און געפונען אפען פאר זיך די טויערען פון גן־עדן. אדער ער האט פיעל געוויינט און געבעטען, ביז מען האט איהם פראלאנגירט אויף א צייט... האט אבער ווער נישט געגלויבט, — זענט איהר איהם זיכער נישט מקנא...

איינמאל האבען די מכשפים געשיקט א שליח מיוחד מודיע זיין דעם כליף, אז זיין צייט איז געקומען, אז מען רופט איהם אויף יענער וועלט... זיי האבען זיין ליכטיגען שטערן אין הימעל אונטער־געהן געזעהן און מורא געהאט, ער זאל נישט געהן פון דער וועלט אהן א צוואה, וועמען פון זיינע זיהן ער גיט איבער די קרוין און

וועלכע ברידער זאָלען וועלען געטויט... די טויזענט זיהן פון עטליכע הונדערט ווייבער זאָלען נישט צורייסען דאָס לאַנד, ווי אַ אַלטען מאַנטעל...

דער פרומער כליף האָט געגלויבט. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער געפאַסט, אַפּגערייניגט די נשמה פון זינד, צוטיילט דאָס לאַנד צווישען אַלע פרומע קינדער, און נאָר די נישט פרומע אין וואַסער אַריינגעוואָרפען. און גרייט צו געהן אין זיין רוה אַריין, האָט ער געוואָלט מיטנעמען די כשוף־מאַכער; אָהן זיי וויל ער זיך אין גן־עדן נישט ווייזען; אָהן זיי וועט ער דאָרט נישט קאָנען קיין מויל עפענען. ער קאָן זיך בלאַמירען מיט וואָס עס איז פאַר אַ נישט פּאַסענדיגען וואָרט. האָט ער זיי רויטע זיידענע שטריקלעך געשיקט.

נאָכ'ן טויט האָט מען דעם כליף געקרוינט מיט'ן נאָמען: „חכם“. און אַזוי רופט מען איהם אין אַלע געשיכטע־ביכער ביז'ן היינטיגען טאָג. אָבער דער טורעם פאַר שטערנזעהער איז פון דאַמאָלט אַן געבליבען — לער!

די שטערנזעהער האָט מען נ י ש ט געקוילעט; זיי זע־נען, באַקומענדיג די שטריקלעך, אַנטלאָפען אין סטעפּ אַריין; און מענשען און כליפ'ען לעבען, נישט וויסענדיג, וואָס מאָרגען וועט זיין..., זעלטען עמיץ זאָל תשובה טון פאַר'ן טויט; אַז קיינער וואָ־רענט נישט!

אָבער נאָך אַנדערע זאָגען, אַז דאָס, וואָס אויבען איז גע־שטאַנען, איז „נישט געשטויגען, נישט געפלויגען“. דעם אמת ווייסען ז י י...

דאָ — ווייסען זיי — ליגט נמרוד באַגראָבען! דער גרויסער יעגער נמרוד, פון וועלכען מען רעדט אין בראשית; פאַר וועלכען אַ וועלט האָט געציטערט!

אַז ער האָט דערפיהלט, אַז עס געהט זיין עק, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, ער מוז שטאַרבען, שטעהענדיג אויף די פיס! און אַזוי שוין בלייבען שטעהן! כאַפּט ער אויפ'ן קאַרק אַרויף אַ שטיי־נערנעם טורעם, ווי אַ קיווער, און אַ הויכען, מען זאָל איהם אין הימעל דערזעהן, מען זאָל זעהן, ווי נמרוד שטאַרבט שטעהענדיג, און בויגט זיך נישט, און פאַלט קיינעם נישט צו די פיס!

און דער טורעם, וואָס האָט איינגעשלאָסען אין זיך נמרוד'ס

ליב, זינקט — טאג און נאכט זינקט ער, שוין טויזענטער יאהר. און איז נאך נישט איינגעזונקען...

אבער מיידלעך און ווייבלעך יונגע דערצעהלען פון טורעם גאר א שעהנע מעשה... א בת־מלכה שלאפט אין טורעם... א גאלדענע שטוב איז דארט פאראן, א גאלדען בעט שטעהט אין שטוב, און א גאלדענע בת־מלכה שלאפט אין גאלדענעם בעט.

א כשוף האט מען איהר אנגעטאן, געשטראפט האט מען זי, ווייל זי האט קיין אלטען מאן נישט געוואלט, די קעניגליכע טאטע־מאמע נישט געפאלגט, נישט געוואלט... פון ליעבע געטרוימט!

און שלאפען וועט זי אזוי לאנג, ביז איהר אויסלעזער וועט קומען! און איהר אויסלעזער וועט זיין א פרישער, אומשולדיגער יונגערמאן, מיט אויגען, ווי שטערען, קראפט פון א ריז, און אומשולדיג, ווי א לעמעלע...

ער וועט ארויפגעהן, וועט זי דערזעהן און צוריהרען זיך צו איהרע ליפען אזוי אומשולדיג, ווי א ברודער קושט זיין אייגענע שוועסטער...

פון דעם ריינעם קוש וועט זי דערוואכען... דער כשוף וועט פארשווינדען, מען וועט חופה שטעלען, א סעודה וועט זיין און נדן וועט דאס פאר־פאלק באקומען — אחשורוש'עם מלוכה!

---

נעה, וויים!

מיין רבי, יוסעל דער פילאזאף, זאגט: הבל הבלים... נאראנים דערצעהלען, נאראנים גלויבען!

שמעיה בטלן — אזוי רופט מען איהם, דעם חבר מיינעם — גלויבט, אז אלע מעשיות זענען משלים, זענען שאלען, אין וועלכע דער נמשל — דער סוד ליגט, ווי א נאמען באהאלטען; מען דארפ'ן נאר ארויסבאקומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס הארץ ביי מיר קלאפט, די פיס ציטערען... איך וויל ארויף אויפ'ן טורעם, איך מוז! פון קינדווייז אן איז דער טורעם מיין פארלאנג, מיין איינציגער חלום... איך טראכט פון איהם, זיצענדיג ביים ספר ביימאג, ליגענדיג מיט אפענע אויגען ביינאכט...

עס רופט מיך, עס ציהט מיך. איך וויל, איך מוז!

„עס צ י ה ט מיך, איך ו ו י ל און איך מ ו ז!“
אלץ איז אזוי... צווישען מיר און דעם טורעם וועבט זיך א געהייער פאדים. ער וועבט זיך יעדע סעקונדע דיקער און קירצער... ער ציהט, איך וויל און מוז צו איהם געהן...
נאר נישט שרעקען זיך!

---

אויפ'ן ערשטען שטאק...

אן אומגעהויער צימער, נאר לער, פינסטער... א פענסטער איז וואנט... דורכ'ן פענסטער פאלט פון דרויסען א פיעל־פארביג ליכט אריין און באלייכט די טרעפ קעגענאיבער: די טרעפ, וואס פיהרען העכער ארויף...

א נעץ פון פארבינע ליכט צווישען פענסטער און טרעפ ארויף און אין צימער איז לער! איך געה ארום און שלאג מיך אן גארנישט אן; קיינער און קיין זאך שטעהען מיר נישט אין וועג; אויסער די ווענט... די קאלטע, פייכטע, גליטשיגע ווענט... די הארטע, די פעסטע... אהן א מינדעסטען שפאלט, — אהן א ריץ; קיין נאגעל אריינצושטעקען...

איך געה צום פענסטער צו... גרויס איז עס און ברייט. איך קוק ארויס און זעה מעהר, ווי פריהער, ווען איך בין אונטען געשטאנען... גרעסער און ברייטער אנטפלעקט זיך פאר מיר דאס פעלד מיט די זאנגען, צווישען וועלכע איך בין געשטאנען...

און זיי באוועגען זיך, די זאנגען, שאקלען מיט די קעפ...

וואס האט איהר מיר צו זאגען, זאנגען? וואס ניקט איהר מיר צו מיט די קעפ? איהר באדויערט מיך אדער ווינשט מיר גליק?

אבער נישט איהר טוט עס, דאס אוועט־ווינטעל וויגט אייך... רעכטס און לינקס, אהין און צוריק...

מיך טרייבט עס ז ר ו י ף, אלץ ארויף; העכער און העכער!

און ווער באוועגט אונז?

נישט איהר ווייסט, נישט איך... און מיר וועלען עס, געוויס, קיינמאל נישט ויסען...

בלייבען זיי שטעהן, די זאנגען... האב איך זיי איבערגעשראַ־קען?

און איך דערזעה פון ווייטען מיין שטאָדט, מיין באָגדאַד... און צווישען די הייזער דערקען איך אונזער הויז...

דער טאַטע איז שוין געווים אהיים געקומען... ער האָט זיך געוואַשען, גאָט געדאַנקט און עסט זיין אָווענט־ברויט; זאָל איהם זיין צו געזונט... די מאַמע זעצט זיך קעגענאיבער... וויל איהם לע־זען פון די אויגען אַרוים, ווי עס שמעקט איהם... „צו געזונט!" — שעפּטשען איהרע ליפּען... מיין קליין שוועסטערל, מיין שעהן שוועסטערל, גראַבעלט זיך אויפ׳ן טאַטענס קני אַרויף, און פאַר־האַלט זיך, פאַרוואונדערט, וואָס איך העלף איהר נישט, קוקט זיך ערשט אום, אַז איך בין נישט דאָ... זי פרעגט אויף מיר. דער טאַטע ווערט אומרוהיג... ער פרעגט: וואו איז ער? „לערענט אודאי מיט שמעיה בטלן ביי יוסל פילאָזאָף... — ענטפערט די מאַמע און רוי־טעלט זיך פאַר נחת... — פאַרשפּעטיגט זיך..." עס פאַלט זיי נישט איין, אַז איך האָב ביידע פאַרלאָזט און שטייג אויפ׳ן טורם...

צוריקגעהן און זאָגען? אַ שטימע רופט פון אויבען אַראָפּ!

— קום! קום!

דאָס איז זי, די שטימע, וואָס איך האָב נישט איינמאָל אין טרוים געהערט...

ווי זיס איז זי, די שטימע, און עס קלינגט דאָך אין איהר:

— איך הייס!

ו ו ע ר הייסט?

— אַרויף! — רופט מען פעסטער.

און איך געה...

---

ווייטער אַ צימער, נאָר שמעלער און קלענער פאַר יענעם...
ווייטער אַ פענסטער, נאָר אויך קלענער פאַר יענעם, און דאָס ליכט פאַלט אויך נישט איבער׳ן גאַנצען צימער; אַ שטרייף געהט פון פענסטער צו די טרעפּ, וואָס פיהרען נאָך העכער...

אין צימער, אויב עס איז מעגליך, איז נאָך לערער, נאָך פינס־טערער, נאָך אומהיימליכער... די ווענט — פייכטער, קעלטער און פעסטער... און אַזאַ וואָנט איז זיך לייכט דעם קאָפּ צו שפּאַלטען...

אבער העכער — בין איך! איך קוק פון פענסטער ארויס און זעהר מעהר, נאך מעהר, נאך ווייטער! — ברייטער און לענגער איז געווארען די געגענד... עס האט זיך ארויסגעוויקעלט א טייך; איך האב איהם פריהער נישט געזעהן... און נייע בוימער, א נייער וואלד... פאר מיר ניי—; פאר די, וואס וואוינען דארט — אלט...

איך הויב די אויגען אויף אין דער הויך — א גרעסער שטיק הימעל — נאך א שטיק וואלקען, און שטערען פאר מיר נייע... ביי עמיצען זענען זיי געצעהלט!

איך פ ר ע ה מיך נישט דערמיט; אבער שטאלץ דערויף ווער איך... דאס אלץ זעה א י ך...

פלוצים שטעלט זיך א שאטען פאר מיר... איך דערקען איהם— שמעיה בטלן!

— וואס ביסט דו אזוי גרויס ביי זיך? — שפעט אויס מיר שמעיה — דו זעהסט מעהר, אבער צי זעהסטו בעסער? זעהסטו טיפער? און אויפ'ן שפיץ טורם, צום הימעל נאהנט צו די שטערען, ווערסט דו בעסער אדער טיפער זעהן? !

אייביג ווערט זיך דיין בליק גליטשען א י ב ע ר די זאכען, פון אויבען ג ל י ט ש ע ן, נישט אריינדרינגען אין דער זאך אליין, אין עצם־זאך! אין דער נשמה פון איהר.

און ער פארלעגט די הענט אויף דער ברוסט און זאגט: אלץ האט זיין אייגענע נשמה — א מענש, א טיר, א געוויקס, א שטיין, א קערענדעל זאמד... נישט אלע נשמות אבער זענען גלייך לעבעדיג און וואך... דאס מערסט נשמות שלאפט, אין הארטע קערפער פאר־שלאפען און עס פאלט אויף זיי קיין טוי פון לעבען נישט, שפראָ־צען זיי נישט ארויס די נשמות...

וועקט זיך אבער א נשמה, פון וואס עס זאל נישט זיין א נשמה, קאן פון איהר ווערען אלע, אלץ — דאס שענסטע, דאס בעסטע, דאס העכסטע...

און קענען, זאגט ער — דארף מען נאר איין נשמה... פון וואס עס איז א נשמה... קען מען איינע, קען מען אלע... אלע נשמות זע־נען גלייך, זיי זענען נאר וואך און אויפגעלעבט נישט אויף איין מדרגה...

אבער דעם תוך, דעם עצם־זאך, די נשמה זעהט מען נישט מיט בלויסע אויגען... דערצו דארף מען ברילען...

— ברילען!

— פאראן אזוינע, דורך וועלכע מען זעהט נשמות... הוילע, נאקעטע נשמות...

— וואו זענען זיי?

— אין א הייל! — אין א הייל הינטער ירושלים, אין אן אייזערנעם קאסטען מיט א קופערנען באשלאג און שטאלענע שלעסער ליגט אן אלטער „כתב יד“, א שטיקעל פארמעט מיט א שם המפורש, מיט וועלכען מען קאן עפענען אן אנדער הייל, לעבען טייך גאנגעס, לעבען גן־עדן — אין כינא... און דארט אין יענער הייל ליגען זיי—די ברילען. די הייל איז אבער באוואכט מיט לייבען, ענדרישען און ברענענדיגע שלאנגען.

און פייניגט מען דעם גוף, ביז ער ווערט איינגעשרומפען, די חיות רעות זאלען קיין חשק נישט האבען אריינצושטעקען א צאן, און האט מען מיט זיך דעם שם, צו עפענען דעם קאסטען —

— ארויף!

הערט זיך פלוצלינג די שטימע; דער שאטען פארשווינדט...

אויפ׳ן וועג כאפט מיך יוסל פילאזאף, מיין רבי, ביי דער פאלע אן:

— וואוהין געהסט דו? נאך וואס שטייגסט דו? אלץ וויים דיין נשמה, אלץ שטעקט אין דיין נשמה... זעץ דיך נאר אין א ווינקעל, פינסטער ווינקעלע קלערען... נאר קלערען...

— ארויף! — גיט א רוף די שטימע פון דער הויך; ער פארשווינדט און איך שטייג...

און וואס העכער איך שטייג, קלענער ווערען די צימערען, קלענער די פענסטער, ארעמער דער שטראל, וואס פאלט פון זיי אויף די טרעפ קעגענאיבער... הארטער, נאסער און גליטשיגער ווערען די ווענט...

אבער זעהן זעה איך וואס אמאל מעהר, אלץ ווייטער און ווייטער! —

די פינסטערניש אין צימער ווערט, וואס העכער, אלץ געדיכטער, און לעגט זיך מיר, ווי א שווערע לאסט אויף דער ברוסט... איך אטעם קוים... דאס בלוט אין די אדערען גליווערט פאר שרעק... איך אייל מיך אלץ צום פענסטער צו... איך וויל ליכט פון דרויסען און לופט. צו־לאנג אבער שטעהן לאזט מען נישט.

— העבער! — רופט מען אלץ אינאייגעם...
איך ווער בייז.

— ווער רופט מיך? ווער האט מיר צו באפעהלען? די פיס— געשוואלען, אטעם — פעהלט, און דו רופסט און רופסט, וואס אמאל שארפער, געביטערישער! מיט וואס פאר א רעכט?

— העבער! — רופט די שטימע.

איך געה אלץ העבער און העבער, און אין הארץ קוילערט זיך ארום ביי מיר א לעבערליכער געדאנק: דו אליין רופסט! באהערש נאר דיך אליין!...

און איך וויל מיך איבערדערען און שטעל מיך אפ און רעד צו מיר אליין:

— און אז דו וועסט שוין זעהן נאך וועלדער און פעלדער, נאך טייכען, נאך בערג, נאך ערד... און אז דו וועסט שוין זעהן נאך טויזענט שטערען, נאך שטיקער וואלקען, נאך הימעל, וועט דיר גענוג זיין? די זאכען זענען א ר ו ם דיר און מיט העבער קומסט דו צו זיי נישט נעהנטער... זיי רינגלען דיך ארום, דו ביסט די מיט, ארום וועלכער אלץ דרעהט זיך אין א ראד... מיט העבער קומסט דו צו קיין קערענדעל זאמד נישט נעהנטער!...

און וואס העבער, אלץ קלענער ווערען זיי, די זאכען, וועניגער דערקענסט דו זיי...

און איך לויף צום פענסטער צו, קוק ארויס: וואו איז באנ־ דאד, וואו מיין טאטע־מאמעס הויז, וואו מיינע גאסען, מיינע חברים, מיין בית־המדרש?

פינטעלער זעה איך... גלייכע, אויסגעמישטע פינטעלער... און — זיי ווילען מיר אויך פארשווינדען... אליין וועל איך בליי־ בען... און וואס העבער — איינזאמער, עלענדער...

וואוהין אייל איך מיך? —
— ארויף!

---

איך דערהער א געוויין... א היימיש־הארציגע קול וויינט... צי איז נישט דארט וואס געשעהען? צי איז נישט דארט עמיץ פון

מיינע געשטארבען? א ברונען איז דא אויפ׳ן הויף, צי איז ניי...
מיין שוועסטערל אין ברונען אריינגעפאלען?

און איך הער דער מאמעס שטימע:

— קינד מיינס, וואס טוסטו דו? דו שפילסט מיט׳ן לעבען...
אויפ׳ן שפיץ טורם שטעהט דער וועכטער, ער וועט דיך פאר א
שונא האלטען, שטעכען דיך!

— ברודערל, ברודערל מיינס! דארטען זענען כשוף־מאכער,
זיי וועלען דיר שלעכטס טון! וועסט אין עפעס משונה׳דיגעס
מגולגל ווערען!

— ארונטער! — בייזערט זיך דער טאטע, — נמרוד וועט
דערהערען, אז דו קריכסט איהם אויפ׳ן קיווער, וועט ער זיך א ריהר
טון, פאלסט דו אראפ, ווי א שטייב...

— א! די בת־מלכה ציהט דיך! די בת־מלכה...

איך ווער פארציטערט!

— קום! — רופט ווייטער די שטימע.

איך געה און אויף שטיקער רייסט זיך דאס הארץ. —

אט בליצט עפעס אויף! א שפיגעל! ווער האט דא אויפגע־
האנגען א שפיגעל?

און — דאס בין איך?

דאס ליימינע, גערינצעלטע פנים, די מידע, האלב־אויסגערי־
בענע אויגען, די ווייסע גרויע האר... ד א ס איז דער סוף?

— געוויס! — ענטפערען אלע מידע גלידער...

— אזוי איז... אקצענטירען די פיס...

— אזוי! בלוטיגט דאס הארץ.

איך רייס מיך מיט שרעק אוועק פון שפיגעל און וויל ווייטער
לויפען... ארויף, ארויף, וועניגסטענס דעם שפיץ דערגרייכען, מיט׳ן
לעצטען טראפען בלוט, מיט׳ן לעצטען אטעם...

— אראפ! — דונערט פלוצלונג די זעלבע שטימע פון דער
הויך.

— איך געה נישט אראפ! — שפאר איך פארצווייפעלט דעם
פוס אין באדען!

— ווער עס געהט נישט, פאלט!
און איך קאלער מיך אראפּ...

2.

איך בין זיכער, אז קיינער האט דערינען קיין טעות נישט געהאט; אז אלע האבען פארשטאנען, אז איך פארצעהל א חלום פון מיינע קינדער־יאהרען...

און, אויב עמיצער האט א טעות געהאט, איז אויך קיין אומגליק נישט... א חלום ווערט אויך נישט אויסגעטראכט, ער בינדט זיך נאר צוזאמען... שטעלט איבער, דרעהט אוים; אבער — אלץ פון לעבען... וואס שאדט, אויב ער פארבט אמאל שענער, מאהלט פאנטאסטישער?

און ווער קען די גרענעץ צווישען חלום און לעבען?

---

און נאך א מעשה איז געשעהען...

און דאמאלט בין איך שוין געוועזען אין די מיטעלע יאהרען... און נישט אין דער היים... איך האב גלות געליטען... גע׳חלומ׳ט האט זיך מיר שוין אויף פרעמדע בעטען, וואו פרעמד אומפּלוט האט געביסען, געוועקט און קיין איינציגער חלום האט זיך ביז צו ענדע נישט אויסגעשפּינט! שוין לאנג ארויס פון די קינדער־שיך, פון קאליפען־לאנד... אוים ענובען, קעבס־ווייבער, בשוף־מאכער, אוים נמרוד מיט׳ן קיווער, אוים בת־מלכה׳ס, וואס שיקען אמאל א לבנה־שטראל אין א מיד הארץ אריין...

א גלות־מענש בין איך; איך ארבייט, פיהר „מלחמה פאר׳ן לעבען“, פאר מיר, פאר ווייב און קינד! אוים חלומות!

דאס לעבען, דאס ווירקליכע לעבען איז צו הארט, צו פעסט איינדרינגליך, עס זאל בלייבען פּלאץ פאר חלומות... קינדער אין ווינען חלומ׳ט שוין נישט...

און אוועגט־צייט איז עס געוועזען, א שעהנער אוועגט, און איך בין מיר פאר׳ן הויז אין גערטעל געשטאנען. אין פרעמדען גערטעל פאר׳ן פרעמדען הויז...

א וואונדערליכער אוועגט געוועזען...

צו מיטאָג האָבען זיך אויפ'ן הימעל צוזאַמענגעקליבען לייכ־טע, זילבערנע, דינע נעבעל, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעהעקעלט, און ווי אַ פיין געשפּונען טישטוך אויסגעשפּרייט, אַ‏ון פון צווישען די לעבלעך זענען טראָפּען, ווי טרערען פון אויגען געפאַלען... דער־נאָך האָט דאָס טריפען אויפגעהערט, די לייכטע נעבעלעך צושווי־מען זיך...

די זון געהט אונטער, דאַרף ווערען טונקעלער; די לייכטע נע־בעל צופליהען זיך — ווערט ליכטיגער —

בלייבט עס שטעהן! — נישט ליכטיגער ווערט, נישט טונקע־לער... עס האָט זיך די צייט, ווי אָפּגעשטעלט! דער אומרוה פון וועלט־זייגער איז שטעהן געבליבען!

די בוימלעך אין גאָרטען וואונדערען זיך... די בלומען אין גראָז ווייסען נישט, וואָס מיט זיך צו טון... עפענען זיך נאָכ'ן רע־גען, פאַרוויקלען זיך פאַר דער נאַכט?

איך שטעה דערשראָקען.

און וואָס וועט זיין, אויב דער פּאַרים, וואָס באַוועגט אַלעס, האָט זיך ווירקליך אָפּגעריסען? אויב איך בין אויפ'ן גרענעץ פון דער צייט, עס שלאָגט אויס איהר לעצטע סעקונדע! און דאָס, וואָס עס איז, וועט שוין אַזוי לעבען און דויערען אייביג; נישט פאַר־ענדערען זיך, נישט אויפהערען... אַלץ וועט פאַרגליווערט, פאַר־שטיינערט ווערען; אַלץ וועט בלייבען אין דער זעלבער פאָרם!

דער אָקס, וואָס האָט דעם קאָפּ געבויגען און אַרויסגעשטעקט די רויטע צונג צום גרעזעל, וועט עס נישט דערגרייכען...

דער אָדלער מיט'ן קינד, וואָס ער האָט אין די נעגעל, וועט בלייבען הענגען אין דער לופט, אונטער'ן הימעל, און די מוטער, וואָס קניט אויף דער ערד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, פאַר־שטאַרט פאַר שרעק, וועט שוין בלייבען קניען... דאָס געשריי פון קינד און פון דער מוטער וועלען פאַרפריהרען אויף אייביג אין דער לופט!

געבויגען אונטער אַ לאַסט, וועט פאַרשטאַרט ווערען דער טרעגער, ער וועט קיינמאָל נישט אויסגלייכען די אַקסעל... דער טראָפּען שוויים, וואָס האָט זיך איהם געלאָזט פון שטערן, וועט נישט דערגרייכען די באַק, וועט הענגען בלייבען איבער דער ברעם...

און אלטע מויד וועט בלייבען ביי די קארטען, וואס זי לעגט זיך; דער „אייבער" וועט איהר שוין קיינמאל נישט ארויס...

און דער, וואס קניט פאר'ן פרעמדען ווייב, וועט שוין נישט אויפשטעהן; די ליפען, וואס זי טראגט איהם אקעגען, בלייבען אין דער לופט, און דער מאן, וואס לויפט מיט'ן מעסער צו, וועט ביידע נישט דערגרייכען...

א קינד כארכעלט אין וויג, דיפטעריט... עס וועט נישט שטארבען. נאר אייביג כארכלען... דער קראמפף אויפ'ן פנים פון דער מוטער, וואס קניט ביי דער וויג, וועט נישט אראפ...

די אלטע זעק־פליקערין בלייבט מיט דער נאדעל אין איין האנט, מיט'ן פאדים אין דער צווייטער...

דער מערדער אין וואלד, מיט'ן בילד פון זיין אפפער אין אויג!

און די טויטע וועלען שוין נישט אויפשטעהן, די לעבעדיגע— נישט שטארבען... אלץ וועט זיך איינציהען און איינגעצויגען ווערען אין איין סעקונדע — די אלע בילדער פון שרעק, פון פארצווייפלונג, פון כעס, רציחה, רחמנות, געבעט — אויף תמיד!

הער איך פלוצלונג א שטימע...

אייביגער נחת, אייביגער צער, אייביגע פרייד, אייביגע טארטורען...

— געה!

נישט ווילענדיג ריהר איך מיט א פוס, און אלץ הויבט זיך אן ארום מיר צו באוועגען...

איז דאס אויך געווען א חלום?

אבער, די שטימע האב איך דערקענט!

דיזעלבע!

— וואוהין געהן?

קיין ענטפער!

3.

אלט בין איך אצינד און זעה אויס, ווי דאמאלט אין שפיגעל... די פיס ווילען שוין נישט טראגען... איך האב שוין לאנג קיין

גערטעל, קיין בלומען, קיין הויז, אפילו קיין פרעמדס... איך וואנ־
דער...

און צו חלום קומען: אייזערנע בלומען, קברים־קרענץ...

און פארגעסען פון אלע, עלענד, צוגעשלאגען אין א גאסט־
הויז צום בעט.

אינדרייסען, הינטער די ווענט, שטורעמט און זידט ווייטער
דאס לעבען, נישט מ י י ן לעבען שוין!

רייסט זיך אמאל צו מיר אריין א שטימע, פארשטעה איך זי
נישט... א פרעמדע שפראך, און ווייס נישט, וועגען וואס עס געהט...

איך הער נאך: שווערדען קלינגען... הורא! עמיץ זינגט! אנ־
דערע שילטען און פאלען...

איך בין אויך אמאל א קריגער געווען, א שווערד געהאט...
וועגען עפעס געפאכטען, אבער וועגען וואס געדענק איך נישט...

דער קאפ איז צו שוואך; איך ווייס שוין נישט, צי מיר האָ־
בען געזיגט, צי דאס פעלד געריינינגט...

צי געדענקט מיך נאך עמיץ דארט? געוויס נישט; איך האב
זיי אויך פארגעסען!

אין אלטען הארץ שימערט נאר א קליין פלעמעל: דאכט זיך,
א ליכטעל צאנקט, נאר עס האט שוין קיין קראפט נישט צו פאר־
טרייבען די קאלטע, שווערע שאטענס, וואס לעגען זיך מיר אלץ
מעהר אויף דער נשמה...

אמאל אלטע שאטענס; באווייזען זיך אמאל אין געהירן, איך
דערקען זיי נישט... איך ווייס נישט, ביי וואס איך האב אמאל
געוויינט, פארוואס איך האב אמאל געלאכט...

און די אויגען זענען פארמאכט אויף אייביג... נאר די אויערען
הערען נאך עפעס...

נאך וואס? דאס גערויש פון לעבען פארשטעה איך נישט...

און אפען זענען זיי, איך זאל נאך אמאל ווערען גערופען! און
די זעלבע שטימע וועט רופען... דאס ווייס איך...

— ווער ביסט דו, וואס דו וועסט רופען?

— איך וועל געהן, איך וועל פאלגען, ווייל איך מוז! נאר ווער
ביסט דו?

ביז איך נאר דיין ווערקצייג געוועזען, נישט ווימענדיג, דיינע צוועקען געדיענט, און צינד, אז איך טויג נישט מעהר, וועסט דו מיך צושמעטערען?

און איך זאל אפילו קיין רעכט נישט האבען צו פרעגען: צו **וואס** איך האב דיך גענוצט?

# אַ רייזע אין דער צייט.

...און איך וואַרף מיך אַרום אין בעט; אַ געדאַנק מאַטערט און לאָזט נישט שלאָפֿען. אין דרעמעל פּלאָנטערט ער זיך אַריין אין מיינע חלומות...

„מיר לעבען אין צ י י ט און אָ ר ט.“

דעם אָרט קאָן מען נאָך באַהערשען: ווילען מיר, ש ט ע ה ע ן מיר, ווילען מיר, ב אַ ו ו ע ג ע ן מיר זיך: טוישען מיר דעם פּלאַץ.

אָבער מיט דער צייט — צי מיר ווילען צי נישט, מיר ב אַ־ ו ו ע ג ע ן זיך; אַפילו די רעליגיאָן רוקט זיך אויך פאָראויס!

און דער אָרט האָט פיער זייטען.

מיר קאָנען געהן אהין און צוריק, רעכטס און לינקס.

דער אָרט איז אַן אומפאַנג, אַ פאַרנעם.

אָבער די צייט איז אַ שטריך. נישטאָ קיין רעכטס און לינקס, נאָר אַ פאָרענט און אַ הינטען.

די היסטאָריקער קערען זיך אום צוריק, און מיט דער פאַנטאַ־ זיע דערגרייכען זיי אַמאָל צוריק ביז אָ ד ם און ח ו ה, און זעהען זיי אַרומגעהן נאַקעט און עסען גראָז...

אַנטקעגען זיי שטעהען די פּראָפעטען, די טרוימער. נאָר פאָר־ ווערטס! שפּרינגען אַמאָל אין דער צוקונפט אַריין, גלייך צום לעצ־ טען גרויסען טאָג אָדער צום קליינעם אינגעל, וואָס פיהרט מיט אַ רויזען־שטעקעל אין דער האַנט וואָלף און שעפּס צוזאַמען.

די זענען אָבער אויסנאַמען, אויסטערלישע מענשען, און באַ־ גניגען זיך אָפט דעריבער מיט אַ זייפענבלאָז פון לעבען אַנשטאָט לעבען. אָבער גאַנץ פאָלק, די גרויסע מאַסע, וואָס געהט טריט ביי טריט, און איך, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, צווישען זיי, צווי־ שען דעם ערב־רב... מיר וואָס? מיר ווילען לעבען, און נישט קיין

וועקסעל אויפ'ן לעבען. די עראינערונג פון טאפ פליוש איז עפעס מעהר ווערט אלס די זיסע האפנונגען פון מילך און האניג...

מיינע אויגען זענען האלב פארמאכט, און איך פרעג זיך:

„פארוואס געהען מיר נישט און פאהרען נישט אין דער צייט?

וואס אנבאלאנגט דעם ארט, אנטוויקלען מיר זיך, ווערען מיר פאלקאמענער פון טאג צו טאג. אמאל זענען מיר געגאנגען. (און פילייכט נאך אויף אלע פיער). דערנאך געקומען צום רייטען. האט א גוטער מענש ערפונדען דאס ראד, האבען מיר צוגעשפאנט דאס פערד און געפאהרען! איז געקומען דער דאמפף און האט באזיגט דאס פערד. איצט באשטרייט די עלעקטריציטעט דעם דאמפף און זיגט! ציינד בויט מען לופט־שיפען, און מיר וועלען פליהען, ווי די אדלער!

נאר מיט דער צייט? קיין עצה, קיין ראט אנטקעגען דער צייט!

די ברעמען זענען שווער, ווי בליי. פאלען צו. קוים נאך א קליינער, שמאלער שפאלט... און דער געדאנק הערט נישט אויף צו מאטערען:

—„אז מיר איז קאלט דא, און איך האב געלט, אנטלויף איך פון דער קעלט, פארבייט איך דאס פינסטערניש מיט ליכט, ווינטער מיט זומער! און וויל איך און האב געלט, מאך איך מיר א גאנץ יאהר פריהלינג אדער א זומער: דער געזאנג פון די פייגעלעך הערט נישט אויף, און איך קוועל פון נחת — אין די ווארעמע לענדער.

אבער, אז עס איז מיר קאלט אין דער צייט, איז נישט דא וואו צו אנטלויפען!

נישטא קיין רעדער, קיין דאמפף, קיין עלעקטריציטעט און קיין לופט־באלאן...

און — מען טאר נישט בלייבען שטעהן! איך מוז מיך באוועגען, און באוועגען דורכאוים — אזוי וויל עמיץ — טריט ביי טריט!

צוריק, מיט די היסטאריקער, קאן איך זיך נישט אומקערען. מיך עקלען די דורות אהן וויסע, געפרעסטע העמדער...

און נביאות זאגען קאן איך אויך נישט: זינט דער בית־המקדש

איז חרוב געווארען, ווייסט איהר דאך ביי וועמען איז די הענט דאס נביאות איז געבליבען!

איך וויל פ א ה ר ע ן איז דער צייט, איך וויל!

און דרעמעל איין און טראכט, אז עס איז גארנישט אזוי אומ־מעגליך.

מען דארף נאר ו ו ע ל ע ן! אלץ הענגט אפ פון ווילען.

און איך וויל, איך וויל מיט אלע קרעפטען, מיט׳ן גאנצען הארץ.

און פלוצלונג — איך פאהר...

---

אוים! עס וואקסט שוין מעהר קיין ברויט נישט. און אויפ־געהערט האט די ערד צו זיין דאס אייגענטום פון „פריצים" און פעלקער... די כ ע מ י ע מאכט ברויט פון דערנער, און מיר קאנ־קורירען נאר מיט די דערנער־פרעסער — די אייזלען. א רחמנות אפילו, וואס קאן מען אבער מאכען? אזא וועלט, ס׳רעדעל דרעהט זיך! הונדערטער יאהרען האבען ז י י געגעסען און מ י ר געהונגערט! און נישט נאר ברויט אליין ג י ט אונז די כעמיע — אויך פלייש און פיש, און געפליגעל און הערינג. ס׳הייסט — נאר דעם געשמאק דערפון. און דער גראבער בויך איז פארשוואונדען. דער טרעלבוד, דאס איבעריגע שטיק פלייש, וואס האט זיך נאכ־געשלעפט דעם מענשען הונדערטער יאהרען נאכאנאנד. און מיר עסען נישט, נאר מיר טרינקען. און אין פאריז טרינקט מען שוין אויך נישט, נאר מען שמעקט. די שפייזען געהען אריין דורכ׳ן נאז. די ענגלענדער טראגען קליינע זעקעלעך מיט שטויב, מיט פור־דער פון שפייז, אונטער דער נאז איבער די וואנסען און שמעקען ווען עס ווילט זיך זיי. און אויב דאס מויל איז נאך אינגאנצען נישט פארשטאפט געווארען איז עס נאר, ווייל עס קומט צונוץ — ווייבער קאמפלימענטען צו מאכען, צו פלירט!

און די ליעבע — איז פריי, אהן א בייז אויג, אהן אייפער־זוכט — גארנישט!

נישט דער מאן שפייזט דאס ווייב, ווי אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט, און נישט די פרוי האלט אוים דעם מאן, ווי אין דרייסיגסטען! יעדער האט זיך זיין פלעשעלע מיט פודער, און

שמעקט. האט די פרוי קיין באזונדער רעכט איבער'ן מאן און נישט פארקערט — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און דו, ווער ביסט?

— איך?

— יא, דו?

— איך — דער קוטששער!

— דער קוטשער?

— יא, כ'פיהר דעם וואגען אויפ'ן צייט־וועג. ווילסט דאך פאהרען... פארווערטס?! צו דער צוקונפט?

— יא, צום קליינעם אינגעל מיט'ן רויזען־שטעקעל. טרייב אן!

און מיר פליהען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און וואס פאר א צייט זענען מיר איצט? ווי הייסט זי?

— זי האט נאך קיין נאמען נישט; זי איז נאך נישט געבוי־רען געווארען...

— שנעל, ווייטער!

און מענשען לויפען הין און צוריק ארום, ווי פאר'סמ'טע מייז און שרייען:

— וואס טוט מען? נישטא גאר קיין הונגעריגע, זיי צו גע־בען ברויט, קיין דורשטיגע צו דערקוויקען מיט א טרונק, קיין נא־קעטע צו באקליידען, קיין קראנקע צו היילען? נישטא גאר קיין אומגליקליכע, קיין דערשלאגענע, פעלקער אדער איינצעלנע מענ־שען, רחמנות צו האבען?

די קיה גיבען מילך און קיין קעלבער צו זויגען זענען נישטא...

אלץ לעבט און שטארבט — נאטירליך, צו דער צייט!

אלץ לעבט און נעמט דאס לעבען פון זעקעלע. שטארבען שטארבט מען בלויז פון אלטקייט...

אלץ לעבט אין א פאלשטענדיגער הארמאניע מיט דער נאטור און שטארבט איז א פאלשטענדיגער הארמאניע מיט דער נאטור.

נישטא קיין קראנקהייט, נאר עלטער...

מיט דער צייט שרימפּען זיך די גלידער איין ביז צום פאַר־שווינדען און אַלע אין איין צייט. אין איין מאָס—לויט מ ע ט ש־נ י ק אָ ו ו ' ס מעטאָדע.

קיין איין גליד שטאַרבט פאַר זיינע חברים נישט אָפּ און טויט זיי נישט מיט זיך פאַר זייער צייט. און אָהן ליידען, אָהן שמער־צען געהט מען פון דער וועלט.

זיי לעבען אין האַרמאָניע און שטאַרבען אין האַרמאָניע, אָהן וועהטאָג, אָהן לייד. און די נשמה און דער גוף געהען אויס אינ־איינעם. נישטאָ קיין לעבעדיגע נשמה אין א טויטען גוף, און נישט פאַרקערט. נישטאָ קיין ווילען גרעסער אלס די מעגליכקייט, און קיין מעגליכקייט אָהן ווילען... נישטאָ קיין פאַרלאַנג, וואָס קאָן נישט דערפילט ווערען, און נישטאָ קיין איינגעהאַלטענע, אָנגעזאַמעלטע ענערגיע, וואָס גיסט זיך אין וועהטאָג איבער!

און מיט דער צייט איז אויך דער פלירט פאַרגעסען געוואָ־רען; נישטאָ קיין ווילען אָהן מעגליכקייט...

און קיין דיסקוסיען אויך נישטאָ! די ט ע מ פּ אָ ס זענען פאַרשוואונדען. די מיינונגען זענען אָהן אינטערעס און די שטימען אָהן פאַרב. קיין צאָרן, קיין בארעדען; קיין שפּאַס, קיין וויץ! איינמאָל האָט זיך געמאַכט א צופאַל, „שלום עליכם" איז דורכ־געפאָהרען, מען האָט איהם איינגעלאַדען אויף א מאָלצייט — ער האָט געלעזען און אַלע — געגענעצט...

מיט דער צייט איז דאָס געגעצען געוואָרען אן אַנשטעקענדיגע קרענק, אן אַלגעמיינע וועלט־קראַנקהייט...

— און וואו איז דאָס אינגעל מיט'ן רויזען־שטעקעל?

— צו וואָס טויג ער אונז, צו וועלכע שוואַרצע יאָהר? די וועלט, די שלאַנגען און איבעריגע ווילדע חיות זענען דער'הרג'עט געוואָרען דורך עלעקטריציטעט... אפילו די פרומע פרעש, א ליכטי־גען גן־עדן זאָלען זיי האָבען!

— די ערד אפילו האָט שוין אזוי לאַנג נישט געציטערט — האָט זיך איינער פון די אַלטע לייט געוואָלט באַקלאָגען, און האָט א געגעץ געטאָן.

און איך ווענד זיך צום קוטשער און רוף אויס מיט שרעק:

טרייב אָן, ווייטער! — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואס, א „יריד“?

— גאט באהיט! מען קויפט נישט און מען פארקויפט נישט!

— וואס דען? קאראנאציע?

— אויך דאס האט מען שוין פארגעסן! לאמיר אראפגעהן זעהן —

די גאס ווימעלט פון מענשען.

און מען דערצעהלט א געשיכטע:

אמאל, אז מען האט ארויסגעטריבען די יעזואיטען פון פראנק־רייך, האט איינער פון די הייליגע, פאר צארן און לייד, זיך אנגע־טרונקען מיט טארטארען. א שכור'ער איז ער אנידערגעפאלען ביים פאס אין קעלער און א לעטארגישען שלאף ביז אויף היינטיגען טאג. אהן יעזואיטען איז פראנקרייך געפאלען און געפאלען, ווי שפאניען. נאכדעם, אז מען האט ארויסגעטריבען די אידען. דאס לאנד האט זיך געבאדען אין שמוץ; פראנקרייך האט א ציטער געטאן, א קראמפף האט די ערד געכאפט און — א בארג אש, צי א סטעפ. איצט האט איינער פון די, וואס גענעצען, זיך געוואלט אויסגרא־בען א קבר און לעבעדיגערהייט באגראבען. און גראבענדיג, געפו־נען דעם יעזואיט! האט ער איהם אריינגעבראכט אין שטאדט. מיט געווירצען האט מען איהם אויפגעמונטערט...

און ווי ער האט זיך אויפגעכאפט, האט איהם דער גאנצער עולם ארומגערינגעלט און געפרעגט: צי דאמאלט, אין דער יעזו־איטען־צייט, האט מען אויך גענעצט?

— יא, — ענטפערט ער — עס האבען גענעצט לארדען אין ענגלאנד, מיליארדערען אין אמעריקא און דערגלייכען!

— און די איבעריגע? דער עולם?

— ניין, דאכט זיך: ניין!

— וואס האט מען געטאן?

— איידער מען האט פארבאט די יעזואיטען, האט מען אין אלע לענדער געדאווענט, גאט געלויבט, געבעטען...

— א געשעפט! לעדיג־געהער געווען? וואס?

— מען האט זיך געפרעהט מיט דעם אויפגאנג פון דער זון אין דערפריה, און מיט'ן אונטערגאנג ביינאכט, צום ביישפיל: די פא־טען!

— מיר האָבען קיין מאָרגען און קיין אָוונט. די עלעקטרישע זון ביינאַכט לייכט נאָך בעסער, ווי די בייטאָג!
— עס זענען אויך געווען קאָנצערטען פאַר וואוילטעטיגע צוועקען.
— מיר האָבען קיין „צדקה" נישט; נישטאָ קיין אָרעמע לייט!
— קאַטערינקעס האָבען אין די גאַסען געשפּילט...
— מיר האָבען „קנעפּלער" — אַ דריק, און עס הערט זיך אַ געזאַנג, נאָר ווייל אַלע קאָנען דריקען און הערען — —
— אַ! — דערמאָנט זיך דער יעזואיט — ס'זענען געווען אָרעמע, וואָס פלעגען צוליעב פאַרגניגען, אַזוי אַמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אַרויסשטעקען אַ פוס פון אונטער דער קאָלדרע און אַריינכאַפּען צוריק!
— נישטאָ ביי אונז קיין קעלט און קיין ווינטער! אַ מיטעלמעסיגער קלימאַט אויף דער גאַנצער ערד!
— נאָך עפּעס געדענק איך, — זאָגט דער פּאַרמאַטערטער יעזואיט, — כ'וועל אייך זאָגען, נאָר — אַביסעל וויין...
— אַביסעל וויין־שטויב צום שמעקען, גוט!
— זעלנער פלעגען דורכגעהן אין די גאַסען, פאַר זיי אַ קאַפּעליע מיט מוזיק, און דער עולם פלעגט זיי נאָכלויפען מיט פרייד.
— וואָס טייטש „זעלנער"?
— אָנגעטאָן אין אוניפאָרם, באַוואָפענט!
— וואָס הייסט אוניפאָרם? און וואָס איז אַזוינס באַוואָפענט?
— גיב מיר נאָך אַ שמעק וויין, ווייל מיין געדעכניש ווערט שוואַך.
מען האָט איהם געגעבען צו שמעקען, און ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט און דערקלערט.
— גוט, זאָגט דער עולם, און גלייך זענען באַשאַפען געוואָרען זעלנער מיט אוניפאָרמען און געוועהר.
און די „זעלנער" מאַרשירען איבער די גאַסען און גענעצען, און דער „עולם" גענעצט מיט...
— זאָגסט ליגען, יעזואיט!
— ניין, כ'זאָג גאָר קיין ליגען נישט... אָבער דאָס זענען נישט קיין זעלנער.

— זיי געהען דאך אין אוניפארם ?

— ריכטיג.

— זענען דאך באוואפענט ?

— יא, אבער — —

— וואס „אבער" ?

— זיי האבען נאך קיין בלוט נישט פארגאסען, און זיי האבען קיין צייכען פון קיין זעלנער אויף די פנים'ער.

— פארגיסט בלוט ! — האט דאס פאלק פלוצלונג אנגעהויבען ליארמען — שטעכט, שיסט, טויט !

— וועמען ? — פרעגט דער גענעראל.

— אונז, אונז אלעמען, שיסט, אבי נישט גענעצען, שיסט !— דונערט די שטימע פון פאלק ; און דאס פאלק איז די לעצטע אינסטאנץ !

— שיסט ! — קאמאנדירט דער גענעראל...

איך האב מיך אויפגעכאפט.

# פּאָעמען אן פּראָזא

## געה נישט מיט מיר.

געה נישט מיט מיר, גאָלדענ, הארציג קינד; טרויעריג איז דעם איינזאמענ וואנדערערס וועג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווער איך שוואך אמאָל —

און ווער איך שוואך אמאָל, פונ הארץ־רייסענדיגער בענקשאפט באפאלענ, פונ שמערצענ באזיגט, און איך קני פאר דיר, און בעט מיך, מיט נישט מענשליכע טרערענ, ביי דיר: קום! — נויג נישט צו דיינ אויער צו מיינ געבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טרויעריג איז דעם איינזאמענ וואנדערערס וועג; פונ טרויער־ווײדענ געהיט, מיט זייערע שאטענ אויסגעבעט...

דער הימעל האט זיי אפגעשטויסענ, די ערד האט זיי צוגע־צויגענ...

דער שטראָל פונ העלסטענ, פונ גאָלדענסטענ טאג, וואס רייסט זיך דורך די אבלים דורך, ווערט פונ פרייד און גלאנץ בארויבט, און איבער׳נ וועג לעגט זיך מיד און בלייך א טויטער שטראָל, א ברימנ — א שטראָל!...

נישט פאר דיר, גאָלדענ, הארציג קינד, איז דעם איינזאמענ וואנדערערס וועג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישענ צווייגענ און בלעטער פונ די אבלים, וואס זעהענ קיינ הימעל נישט, וואו עס נעסטענ קיינ פייגעל נישט, — פארבענקענ וועט זיך דיינ נשמה צו זאנג און קלאנג...

אויפ'ן שאטען־אויסגעבעטען וועג וואקסען קיין בלומען נישט;
אומזיסט וועט זיי מיט בענקשאפט זוכען דיין אויג...
א, געה נישט מיט מיט מיר, גאלדען, הארציג קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לעש, קינד, די בארמהערציגע פונקען פון דיינע אויגען אויס; אומהיימליך איז דעם איינזאמען וואנדערערס וועג.

טרויער־ווייד היטען איהם פון אלע זייטען; נישט היימליך איז מיטער־נאכט דאס געוויש, וואס שלאגט זיך צווישען שווערע צווייגען און בלעטער...

אלט־פארשטומטע קלאגען, וואס דער הימעל נעמט נישט אויף... פלוכען און ציין־קריצעריי פון פארשטויסענע און פארשאל־טענע... מיטער־נאכט וועקט זיך דאס אלץ און מישט זיך צוזאמען מיט'ן יאמער פון פארזינדיגטע נשמות, וואס פלאטערן ארום, און זוכען און געפינען נישט קיין תקון...

נישט פרעהליכער איז דער טאג... דורך אש פון פארברענטע, דורך שטויב פון צו קבר־ישראל נישט געקומענע, קוקט דורך א רויט צארניגע זון...
נישט פאר דיר איז דער וועג, גאלדען, הארציג קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געה נישט מיט מיט מיר, גאלדען, הארציג קינד; שרעקליך איז דעם איינזאמען וואנדערערס וועג.

שארבען־קעפ וואלגערען זיך איבער'ן וועג, שארבען־קעפ וואל־גערען זיך ארום אין זיינע שאטען, שארבען־קעפ פון לאנג געשטאר־בענע און נישט באגראבענע, און מיט הוילע אויגען־לעכער קוקען זיי ארום אויף דער וועלט און שרייען שווייגענדיג: פארוואס? פאר־וואס?

און איבער קברים פיהרט דער וועג; איבער פארגעסענע דער־נער־באוואקסענע קברים...

דאס זענען די קברים פון די פאר'עקשנ'טע מלאכים, וואס האבען אמאל דעם כסא־הכבוד געשטורעמט און דערנאך, באזיגטע און פון הימעל אראפגעשליידערטע, אומזיסט געזוכט פארגעסעניש און טרויסט אין דער שוים פון ערד־געבוירענע טעכטער, ביז זיי זענען אויסגעגאנגען, ווי א ליכט...

צוגענומען האט זיי די ערד, נאר פארצעהרען זיי קאן זי נישט!

און, הער, קינד! אפט אין האלבער נאכט שפאלטען זיך די קברים, די פארגעסענע, דערנער־באוואקסענע קברים...

און זיי, די געוועזענע מלאכים, שטעהען אויף, געהען פון די קברים ארויס, שטעלען זיך אויס און קוקען מיט א ברענענדיגען האס אין די אויגען צום הימעל ארויף, און הויבען מיט גרימצארן די פויסטען קעגען כסא הכבוד אויף, און כאפען זיי באלד צוריק צו די מיילער... און בייסען די פינגער פאר צער און שאנד, — פאר־וואס זענען די הענט אזוי קורץ!

---

געה נישט מיט מיר גאלדען, הארציג קינד!

איך בעט דיך דארום, שאקעל דיך אפ פון מיין געבעט, ווי פון א גרינעם ווארעם, וואס פאלט דיר פון בוים אראפ אויף דיין ברוסט!

דארט געהען ארום די שאטען פון נאך נישט געשעהענעם, פון נאך נישט באשאפענעם; אומרוהיגע שאטען, וואס רייסען זיך, קע־גען גאטס ווילען, צו ליכט און לעבען פאר דער צייט, נאך איידער ער האט זיי מיט פלייש און בלוט באקליידט.

לעבענס־הונגעריגע זענען די ווידערשפענסטיגע גייסטער, און וועה איז דעם, וואס זיי טרעפען אויפ'ן וועג... זיי נעמען צו פון די באקען די פארב, זויגען אויס דאס ליכט פון די אויגען, און נאגען אויס דאס בלוט פון הארץ... לעבענס־הונגעריג זענען זיי...

נישט פאר דיר איז דעם איינזאמען וואנדערערס וועג...

---

און ווער איך שוואך אמאל, פון שמערץ און בענקשאפט פאר־מאטערט, און קני פאר דיר, און בעט זיך רחמים ביי דיר: קום, פארלאז מיך נישט! — הער נישט מיין געבעט!

לעש די בארמהערציגע פונקען אין דיינע אויגען אויס; און די בענקשאפט, וואס איך האב פארזייהט אין דיר, רייס דיר, ווי א דארן פון הארץ ארויס! זעה, ווי צארניג עס שפרייט זיך איבער מיר דער הימעלס־בויגען...

נעה, קינד! זאל דער דונער, וואס ווערט פאר מיר געשמידט, דיך אומזיסט נישט טרעפען...

נישט דאס האט דיין מאמע, איבער דיין וויג געבויגען, דיר געזונגען!

נישט דעם ווייסטען חלום האבען לבנה און שטערען. אין די שטילע זיסע נעכט, דורכ'ן מיידעלשען פענסטער דיר אויסגעשפינט!

געה אין דיין רוה אריין, קינד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זעה, צארניג פינסטער בויגט זיך איבער מיר דער הימעל...

און פון צווישען די בוימער, אין פינסטערניש, פאר שרעק צוזאמענגערוקטע, פינקעלט ארויס דיין היים, דיין זיסע שטילע היים!

מיט ווארעמע בליקען ווינקט זי צו דיר, צערטליך רופט זי דיך: קום! געה אין דיין רוה אריין, קינד!

געה, צארניגער נאך ווערט דער הימעל...

געה אין דיין רוה אריין, קינד, לעג דיך... לעג צו דיין קעפעלע צום קישען און קריאת־שמע לייען!

און הויב דיינע שטילע זיסע אויגען צום הימעל אויף און בעט!

בעט, ער זאל דיר אפציהען דעם שווארצען וואלקען, וואס האט זיך איבער דיין יונגען, אומשולדיג־בלויען הימעל געלעגט... אויסגע־ריסען זאל ווערען דער זאמען פון אומרוה און בענקשאפט, וואס איך האב מיט מיין זינדיגער האנט אין דיין הייליג שטיל הארץ פאר־פלאנצט...

און אפגעהן זאל דער שאטען, וואס דער פארבייגעהענדיגער איינזאמער וואנדערער האט אויף דיין ריין־געשטראלטע נשמה געווארפען. —

בעט, קינד! דיר איז דער הימעל נישט צארניג און וועט הע־רען דיין געבעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געה נישט מיט מיר, גאלדען, הארציג קינד!

# עס זענען קיין וואונדער געשעהען.

א, וויסטע, טויב־שטומע נעכט, נעכט אהן חלומות, אהן שלאף, אהן טרייסט...

פון זיין שטראלענדיגער צירונג בארויבט, ליגט מיר אויסגע־שפרייט דער בלאס־גרויער הימעל; אין אייגענעם, אויסגענעבעלטען שוויים האט זיך איינגעהילט די ערד, און אין דער לופט שוועבט די אומפרוכטבארע מידקייט פון גאט און לייט, פון וועלט און באשעפער!

דורך פארדרעהטע צווייגען פון פארקריפעלטע בוימער קוקט צו מיר אריין די אומפרוכטבארע, טויב־שטומע נאכט; מיט די וואסע־ריג־גרויע אויגען זויגט זי מיר אויס דעם לעצטען טראפען וויל׳ען...

פייכט און קאלט הויכט זי אויף מיר, און א פייכטע קעלט צוגעהט זיך אין אלע מיינע גלידער; איך פריר...

איך פריר ביז׳ן מארך אין די ביינער, ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט אין הארץ...

נעם, אלטע פארפרוירענע נשמה, א פייער־טאפ, נעם און גיה פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, און בעט א פונק פייער... א פונק פייער זיך צו דערוואַרעמען.

---

מיד בין איך, שטערבליך מיד, נישטא מיט וואס און נאך וואס צו לעבען... און שטארבען קאן איך נישט: מיט וואס וועל איך קו־מען אהין?...

מיד בין איך, שטערבליך מיד, און דאך בין איך אמאל שטארק געווען — גאטס גענאד האט אויף מיר געשטראלט...

נאר פארזינדיגט האב איך מיך און די קראפט פארלוירען, און פארשלאסען האט זיך פאר מיר דער הימעל און וועט מיר שוין נישט אויסשטראלען קיין נייע קראפט...

א גאלד־געלאקטער, פון גאט געזאלבטער קעניג בין איך אראפ־געקומען פון די הויכע בערג. — א בליצענדיגע קרוין אויפ'ן קאפ געהאט, אן אויסגעשטראלטען מאנטעל אויפ'ן לייב געטראגען, מיט א גינגאלדענער קעניגליכער הארפע אין דער האנט — — —

איך בין אראפגעקומען און אלץ אין דער נידער פארשוואנדט...

---

די גאלדענע לאקען זענען אראפגעפאלען אין דלילה'ס פאל־שען שויס...

לילית האט מיך מיט איהר כשוף אין איהר נעץ געפאנגען; איך האב איהר ליוב געזונגען און צוגעשפילט אויף דער גינגאלדע־נער הארפע, און עס האט געפלאצט א סטרונע נאך א סטרונע...

אין פאר'כשופ'טע נעכט, אויף פארבליהטע זומפען, האב איך מיט איהרע טעכטער רעדלעך געטאנצט, און אינ'ם טאנץ די קרוין פון קאפ אראפ פארלוירען; און איינגעשלונגען האט זי דער זומפ.

אויף קרומע, פארלוירענע וועגען בין איך געגאנגען, און די דער־נער אויף די קרומע, פארלוירענע וועגען האבען מיר דעם קעניגליך־אויסגעשטראלטען מאנטעל פון לייב אראפגעריסען; צווטען־וויין, פעדים־וויין...

א, נעכט אהן חלומות, אהן שלאף, אהן טרייסט...

---

נאט האט מיר א ליכטיגע נשמה געגעבען, און איך האב פון איהר גראשענדיגע ליכטלעך געצווינגען און אין לוסט־פארביגע נאר־טען־לעמפלעך אריינגעשטעלט, און פארברענט די ליכטיגע נשמה!

דאס גאלדענע הארץ, וואס איך האב פון זיין ליעבען־נאמענס האנט באקומען, האב איך צולאזט, אויף קליין געלט צומינצט, קראנקע שמייכלען אויף געשמינקטע פנימ'ער איינגעקויפט — און פארשוואנדט דאס גאלדענע הארץ...

אן אויסגעלאשענער פלאקער בין איך. און דער הימעל האט זיך מיר פארשלאסען און וועט מיר שוין נישט אויסשטראלען קיין נייע ליכט, קיין נייע קראפט...

צום געבעט פון אומריינע ליפען, וואס האבען לילית׳עס לויב געזונגען און איהרע טעכטער געקושט, וועט גאט נישט צונויגען זיין אויער...

מיד, שטערבליך מיד ליג איך.

נישטא מיט וואס און צו וואס צו לעבען...

און שטארבען קאן איך נישט; נישטא מיט וואס אהין צו קר־מען.

מען וועט מיך פרעגען: וואו זענען דיינע גאלדענע לאקען און די קרוין אויף זיי? דיין אויסגעשטראלטער מאנטעל וואו איז? פארוואס האבען געפלאצט די סטרונעס אויף דיין קעניגליכער האר־פע, מיט וועלכע מען האט דיך אראפגעשיקט?

א, די נעכט אהן שלאף, אהן חלומות, אהן טרייסט!

---

ווי א בר־מנן, וואס זוכט זיינע פארלוירענע נעגעל אויף, זוך איך די שטראלען פון מיין פארלוירענער קראפט...

מיט צושויבערטע האר אויפ׳ן קאפ, מיט פרעמדע אויסגעבעט־טעלטע קליידער אויפ׳ן לייב, מיט אן אויסגעדארטען וואלד־שטע־קען אין דער ציטערדיגער האנט, וואנדער איך און זוך מיין געווע־זען שטראלענדיג גליק, און געפין נישט...

מיד, שטערבליך מיד וואנדער איך! פון גערדאנקען, ווי פון רויב־פייגעל געיאגט...

איבער בארג און טאל וואנדער איך; איבער פעלד און וואלד, אויף לאנקעס און ביי ברעגען פון טייכען — טאג אויף טאג, טאג אויף טאג, און זוך אומזיסט...

צום נידעריגען גראז בויג איך מיך אראפ, — זאל איך כאטש איינם דערקענען, וואס האט אויסגעשפראצט פון מיין הארציג בלוט — און דערקען נישט... און דאך האב איך אויף די לאנקעס אויסגעטריפט מיין הארץ!

אויף וואסער־שפיגלען קוק איך און קוק מיר די אויגען אויס...

טויזענטער גלאנצען קאלירען, וויקלען זיך, פלעכטען און טאנ־צען, שפּילענדיג אויפ'ן בלאנקען וואסער־שפיגעל, — — קיין איינ־ציגער גלאנץ פון מיין נשמה שמייכעלט מיר נישט אקעגען; און דאך האב איך אויף דעם וואסער־שפּיגעל מיין נשמה אויסגעהויכט...
נישט מיינע פארבען טראגען די בלומען אין פעלד...

און הויב איך די אויגען צו די בוימער אויף, פליסט מיר קיין איינציגער טאָן פון מיין געבענשטער הארפע פון זייערע צווייגען נישט ארויס...

און די דערנער, וואס איך פרעג אויף צויטען און פעדים פון מיין קעניגליך־אויסגעשטראלטען מאנטעל, לאכען מיך אויס שטע־כענדיג: צויטען און פעדים פון אן אויסגעשטראלטען קעניגליכען מאנטעל זוכט ער, דער בעטלער!

---

נישט פריינדליך איז מיר דא די ערד!

וואו איך קום, דערקען איך: דא איז אויף א ווײלע מיין היים געווען... דא האב איך געבלוטיגט און געשטראלט. נאר די ערד האט מיך קיינמאל נישט גערן געהאט און האט מיר גארנישט באהאלטען!

קיין איינציגען טראפען בלוט פון הארץ, קיין איינציגען שטראל פון מיין נשמה, קיין קלאנג פון דער קעניגליכער הארפע, קיין פאדעם פון מיין קעניגליך־אויסגעשטראלטען מאנטעל... און די קרוין האט זי מיר איינגעשלונגען...

די שמעקענדיגע בלומען, וואס איך האב אויף איהר פרוכט־בארען שוים געשפּרייט, האט זי, די שטיף־מוטער, נישט גענעהרט; נישט אויסגעשפּראצט זענען מיינע בלומען...

אייפערזיכטיג איז די נידער...

אויף איהר זילבער־גלאנציגען מאַד־געלעגער האב איך גערוהט און פרעמדע חלומות געהאט; צו די ווייטע, אין נעבעל איינגעהיל־טע בערג געבענקט... אונטער איהר הימעל האב איך געוואנדערט, און דאך האבען מיך פרעמדע שטערען געפיהרט...

נישט היימליך איז מיר דא די ערד...

און איהרע קינדער און שטיף־קינדער זענען מיר פרעמד...

ועמען איך באגעגען אויף מיין וואנדער־וועג, קוק איך מיט

באַנגשאַפט און פאַרציטערטער האָפנונג אין די אויגען אַריין — קאַלט און פרעמד זענען זיי מיר...

קיין איינציגער שטראַהל פון אַ ברידערליך־האַרציגער נשמה, וואָס זאָל אין מיר צוריק אָנצינדען דאָס פאַרלאָשענע ליכט...

קאַלטע, פרעמדע אויגען!

נישט מיין פרייד, נישט מיין לייד, גאָרנישט פון דעם, פאַר־וואָס איך האָב געליטען; גאָרנישט פון דעם, צו וואָס איך האָב גע־האָפט...

מיד, שטערבליך מיד, וואַנדער איך, און זוך מיין פאַרלוירען גוטס, און געפין נישט...

און קיינער שטעלט זיך נישט אָפּ, דעם אָרעמען וואַנדערער צו גריסען; קיינער שטרעקט מיר פריינדליך נישט אויס די האַנט!

קיינער פרעגט נישט: וואו פיהרט, וואַנדערער, דיין וועג?

פרעמד ביסט דו דאָ, טרויער און בענקשאַפט פאַרנעבלען דיינע אויגען. צי לעבסט דו און וואַנדערסט און זוכסט תקון פאַר דער זינדיגער נשמה?...

קיינער וועט מיר נישט ווינשען:

לעבעדיג צי טויט, זאָל דיך גאָט טרייסטען, וואַנדערער! מיט פרישע מאַנדלען זאָל אויפבליהען דיין וואַנדער־שטאָק!

און צוריק צו דער היים, אויף די הויכע בערג, אָהן קרוין און מאַנטעל, אין בעטלער־קליידער מיט דער פאַרשטוממטער האַרפע — קאָן איך נישט...

---

אויף דער שמאָלער גרענעץ צווישען וואַלד און פעלד ליגט זי און דרימעלט...

ווער איז זי?

פאַרוואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט מיינע פיס? פאַרוואָס איז שטיל געבליבען מיין האַרץ?

אויף דער שמאָלער גרענעץ צווישען וואַלד און פעלד ליגט זי און דרימעלט...

אויף איהר ווייס־שטראַלענדיגען מאַנטעל ציטערט מיט באַנ־גער ליעבשאַפט אַ נעץ פון ליכט און שאָטען, אויסגעשפּינט פון פאַר'סוד'עטען וואַלד און געבענשטען פעלד...

ווער איז זי?

שווארץ איז זי און בלאס, און וואונדער־שעהן — וועמעס וויינ־גארטען היט זי, די שולמית?

קעניגליך־שטאלץ און שטרענג איז געוועלבט די פעך־שוואר־צע ברעם, און לוסטיגע ליכט־פלעקען גליטשען זיך שפילענדיג אי־בער איהר עבען־קרוין...

א ווילדער מאן פון פעלד ווארפט א הייסען גלאנץ איבער איהר בלאסען, הויכען שטערן; ארום די האלב־אפענע ליפען שוועבט א רעטעניש — א שמייכעל — טרויעריג און זיס!

מיט צוטרויען און ליעבע דריקט זיך דער שלאנקער לייב צום ווייכען, גרויען ערד־געלעגער, דאך אומרוהיג, דאכט זיך, הויבט זיך און פאלט איהר ברוסט...

וואס חלומ'ט זיך איהר?

---

אויף דער אלטער הארפע ציטערט א ניי־אויפגעשפּינטע סטרונע...

ציטעריג בליהט מיר א נייע האפנונג אין הארץ — און עס וועקט זיך דער לאנג געשטארבענער ווילען אין מיר: „זאל זי די אויגען עפענען!" און מיין ווילען איז געשעהען!

עס הויבען זיך די שווערע ברעמען אויף, און עס עפענען זיך גרויסע, גרויסע אויגען, מיט א שטאלץ־פארוואונדערטען, האלב־צארניגען בליק...

וואס איך קוק אויף דיר?

ווער עס האט מיר ערלויבט?

אַ, שטאלצע! דאס האט מיך נאך קיין שטערן נישט געפרעגט. און די זון, ווען איך פלעג איהר גלייך אין די אויגען ארייננקוקען — אויך נישט!

צי איך וויים, ווער דו ביסט?

איך וויים!

דו ביסט די יאהרען־יאהרען־לאנג געהאפטע... אין די שטילס־טע, טרויעריגסטע נעכט קוים אויסגע'חלומ'טע...

דאָס אין טרערען צוגאָסען, אין בלוט צוגאַנגען, פאַר׳יתום׳ט הארץ האָט דיך אויסגעבענקט.

און אויף מיין וואַנדער־וועג, אין דער פינסטערער נאַכט, ווען דער לעצטער וועג־ווייזער אין הימעל האָט זיך פאַרלאָשען, האָט דיך אין אַנגסטען און טויט־שרעק מיין נשמה קוים אויסגעבעטען. קוים אויסגעבעטעלט ביי גאָט!

---

טרייב מיך נישט אַוועק.

לאָז דעם מידען וואַנדערער דיר צופוסענס זיצען און, ווי צו אַ הייליגער ריינינקייט, צולעגען האַרציג און פרום די לעכצענדיג־צר־פּלאַצטע ליפּען צום זוים פון דיין קלייד.

איך וועל עס נישט באַפלעקען...

זינדיג בין איך... נאָר פאָר זינד־געפאַרבטע פאַרלאַנגען איז דיין קעניגליך־שטאָלצע און שטרענג געוועלבטע ברעם קיין רעגענבויגען נישט...

אויף דיין בלאַס פּנים דער שמייכעל איז דער אָפּגלאַנץ פון ריינסטען בלויען הימעל אויף דעם אייביג־בליצענדען שניי אויפ׳ן חרמון־באַרג אין הייליגסטען לאַנד...

כּרובים מיט בלאַנקע שווערטען אין די הענט היטען דאָס טויער פון גן־עדן פאַר׳ן זינדיג־פאַרטריבענעם מענש; דער גלאַנץ פון זייער שווערט בליצט אין דיינע אויגען...

לאָז דעם מידען וואַנדערער דיר צופוסענס זיצען און זינגען שטיל דיין לויב...

---

קוק נישט, וואָס איך בין אַזוי שוואַך און מיד; אויף מיינע צוריסענע קליידער קוק נישט; זאָל דיך מיין אָרעמער וואַנדער־שטאָק נישט שרעקען...

גאָט האָט מיר זיין טרייסט געשיקט... עס קוועלט אין מיר פרישע קראַפט; רויזען בליהען אויף אין האַרץ; די סטרונעס פון דער אַלטער האַרפע ציטערען, וועקען זיך צום נייעם הללויה... עס ציטערט אויך מיין וואַנדער־שטעקען אין מיין האַנט — ער וועט

אנהויבען בליהען, מיט פרישע מאנדלען בליהען...

איך בין שטארק, איך בין רייך!

פון די טייכען אין גן־עדן וועל איך אפשוימען די פערעל צו דיין האלז... פון אומבאטרעטענע טיפסטע וועלדער וועל איך דיר ברענגען זאנג און קלאנג... פעלדער און וויזען וועל איך בארויבען און די שענסטע בלומען שטרייען פאר דיינע פיס — — דעם כסא־הכבוד וועל איך פון די טייערסטע שטיינער בארויבען און דיין פוסען־בענקעלע צירען — —

איך וועל דיר וועלטען באשאפען — — —

ווער איך בין?

---

ווער איך בין, פרעגסט דו — —

ווילסט מיין נאמען וויסען?

טויזענטער טראגען איהם; דארפסט דו איינעם פון טויזענטער?

וואס איך בין?

— דאס ווענדט זיך: מיט אדער אהן דיר?

אהן דיר בין איך א צאנקענדיג לעמפעל ביי א גוסס צוקאפענס, און פארוויבער מיין לעצטען טראפען צו באשיינען די העויות פון דער גסיסה.

מיט דיר בין איך א פלאקער אין ליכטיגען גאטס האנט, א פייערדיגע זייל, וואס פיהרט איבער סטעפען צום הייליגען לאנד...

אהן דיר בין איך א חורבה פון א פארלאשענעם מזבח, פון גאט און לייט פארגעסען... די ווינטען האבען שוין לאנג זיין אש צושפרייט... פארהונגערטע קראהען שטעלען זיך אפ אמאל און זוכען שירים פון אלטע קרבנות, און געפינען נישט און פליהען אוועק, און שילטען...

מיט דיר בין איך א כהן־גדול אין קדשי־קדשים — מיט א גאלדענער ווייווויד־פאן אין דער האנט, א בליצענדער קרוין איבער'ן שטערן, די טייערסטע שטיינער אויף דער ברוסט, וועלט־הארמאניש קלינגען די גאלדענע גלעקלעך ביים זוים פון מיין קלייד און, אין גאטס וואלקען איינגעהילט, בעט איך פאר דער פאראומגליקטער וועלט...

אַהן דיר בין איך אַ געפאַלענער, אַן אָפּטריניגער...

פאַרביי איז געגאַנגען אַ העלדען־אַרמיי וועלטען חרוב צו מאַכען, נייע צו בויען; איך בין געווען איינער פון זיי, איינער פון די גרעסטע — און בין אויפ׳ן וועג געבליבען... און איבערגעלאָזט האָבען זיי דעם שוואַכען... טייל—מיט אַ באַרמהאַרציגער טרער אין אויג, אַנדערע האָבען פאַר מיר נאָר שפּייעכץ געהאַט אין מויל, נאָך אַנדערע האָבען מיך מיט די פיס אָפּגעשטופּט און זיך דעם וועג באַפרייט. — —

און וויל — האָב איך גאָטס שופר אין האַנט; בלאָז איך. קומען נייע, נאָך נישט־באַשאַפענע גבורים פאַר נאָך נישט־אויס־געטראַכטע וועלטען, שטאַרקע, פלאַמענדיגע, שטראַלענדיג באַוואָ־פענטע, און זיי קניען פאַר מיר און בויגען פאַהן און געוועהר פאַר מיר, איך זאָל זיי בענשען...

זעה! עס וועקט זיך די אַלטע האַרפע, דער וואַנדער־שטאַק ציטערט אין מיין האַנט, אויפבליהען וויל ער... אַ ניי לעבען וועקט זיך אין מיר; דרעה נישט אַוועק דיין געבענשטען קאָפּ פון מיר, איבערענטפער מיך נישט צוריק דעם טויט און זיינע שרעקען...

---

— וואַנדערער, איך פאַרשטעה דיך נישט!

פרעמד קלינגט מיר אין אויער דיין שטימע; איך פאַרשטעה דיין שפּראַך נישט!

פון די הויכע, וויטע, אין נעבעל איינגעהילטע בערג, קומסט דו, וואַנדערער; פון די בערג, וואו עס לאַרמט דער אייביגער קריג צווישען שטורמען און אַדלערס, קומסט דו; ביזט אפשר איינער פון זיי, פון די ברייט און שטאַרק געפליגעלטע; איך בין די שטילע שוואַלב פון טאָל — און פאַרשטעה דיך נישט...

דיינע ווערטער הער איך, און פאַרשטעה זיי נישט...

עס צאַפּעלט אין זיי אַ הייס־פאַרבלוטיגט האַרץ — אַ פאַר־בענקטע נשמה צוגיסט זיך אין זיי — ווי רויטע בלוטיגע פלאַמען שוועבען זיי פאַר מיר אין דער לופט, זיי שרעקען מיך. נאָר איך פאַרשטעה נישט דיינע ליידען...

מיר זענען זיך אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד...

אוועקגעגאנגען איז דאס ריינע, שטראלענדיגע קינד פון טאל—
דו ביסט דער אדלער פון די הויכע בערג; איך — די שטילע
שוואלב פון נידעריגען טאל — וואס האסט דו צו מיר?
און זי הויבט זיך אויף און געהט...

---

מיר צופוסענס האט זי געלאזט דאס בליצענדיגע דיאדעם, מיט וועלכען איך האב איהר געבענשטען קאפ געקרוינט, און דעם אויס־געשטערענטען מאנטעל, מיט וועלכען איך האב איהר שלאנקען לייב באדעקט...

אוועקגעפלויגען איז דער ליכטיגער שטראל פון טאל...

---

זיי באגריסט!

זיי באגריסט, די צוריקגעקומענע שטאלצע, הייליגע אין זיל־בערנעם, שטיל־פאר'כשופ'טען אוועגט־גלאנץ...

זיי געבענשט!...

און געבענשט זאל זיין דיין אומפארהאפט ערשיינען אין דער זילבער־פליסענדיגער געטליכער גנאד!

אין דער שטיל־פארחלום'טער, פאר'כשופ'טער אקציען־אלעע...

שטיל ציטערען די שנייעלעד־בליטען אויף די געבענשטע אקאַ־ציען־קעפ; און אויפ'ם ניי הויבט אן צו בליהען מיין הארץ, וואס האט שוין געזאלט פארגעהן...

און נאך אמאל איז אויפגעגאנגען א ליכט אין מיר; אין מיין פאר'יתום'ט פארשאטענטער נשמה... און אנטפלעקט איז מיר גע־ווארען דער סוד פון הייליג שטילען אווענט...

מיט מיר צוזאמען האט מיט באנגער ליעבשאפט די בלויע טי־פע הויך אויף דיר געוואַרט...

מיט מיר צוזאמען האט די פרום־זילבער־פליסענדיגע לבנה און די קינדיש־דריינע, גאלד־שפינענדיגע שטערענדלעך צו דיר גע־בענקט...

און דיר וועבען זיי עס פון די צארטסטע גאלד־ און זילבער־פעדים דעם חלום פון גאט־געבענשטען אווענט...

זעה, אין זילבער־פלוס פאַרזונקען, אָטעמט צו דיר איהר שמע־קענדיגע נשמה אוים די פאַר׳כשופ׳טע אקאַציע...

דער זיסער אָטעם פון ליכט־באַגאָסענעם טאָל הויבט זיך צו דיר אויף די שטילע אוועגט־פליגעל אויף, און קושט פאַרליבט פון דיין מאַנטעל דעם זוים...

און הויבט זיך העכער, און רייסט די שנייעלער־בליטען פון די פאַר׳חלומ׳טע אקאַציען־קעפּ און שטרויט פאַר דיינע טריט...

און ווייסט דו, וואָס דער זיסער פויגעל זינגט ?

ער זינגט פון זיסען בליטען־טויט אונטער דיינע פיס...

פאַרציטערט טשעפּעט זיך דאָס פון דער בלויער הויך אוים־געפלאָסענע ליכט צו דיין געבענשטען קאָפּ... באַגליקט ציטערען די גלאַנצען אויף דיין עבען־קרוין, נאַר די, וואָס טרעפען זיך מיט דיין אויג, פראַלען צוריק פאַרשעמט און דערשראָקען פאַר׳ן שעפּפער־ליכט, פאַר׳ן ליכט פון די וואונדערליכע ערשטע זיבען טעג, וואָס שטראַלט ארוים פון זיי...

דו ביסט געקומען, און זעה — מיט פרישע מאַנדלען האָט אויפגעבליהט מיין וואנדער־שטאָק און וואונדער־בלומען שפּראָצען מיר אין האַרץ...

פון ניי־געבוירענע וואונדער־שטראַלען האָבען זיי אויסגע־שפּינט סטרונעס איף דער גינגאָלדענער האַרפע, פון זיי וועט זיך אָפּרייסען דאָס הייליגע ליעד פון אויפערשטעהן !

דו ביסט שוין נישט די שוואַלב פון טאָל...

אין דער שטילער נאַכט זענען וואונדער געשעהען...

צוריק בליצט דאָס דיאַדעם אויף דיין געבענשטען קאָפּ, און דער אויסגעשטערענטער מאַנטעל שטראַלט אויף דיין שלאַנקען לייב — —

קום, ליעבע, ריינע, שטאָלצע, הייליג־שטראַלענדיגע ! אין דער וואונדער־נאַכט וועלען מיר וואַנדערען און ביים שעפּפער־ליכט פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגען אויפזוכען סצעפּטער און קרוין —

אין דער שטיל־געבענשטער, מיט גאָטס גענאַד באַפלאָסענער נאַכט, מוזען וואונדער געשעהען...

— מאָן, פון די הויכע בערג, עס וועלען קיין וואונדער נישט געשעהען...

בענקשאַפט האַסט דו פאַרזייהט אין שטילען שוואַלבען־האַרץ;

דאס באנגע הארץ האט מיך צו דיר געטריבען; איצט שרעק איך מיך פאר דיר, לאז מיך געהן!

— א, שרעק דיך נישט, קינד!

וויל נאר, און דיין ווילען וועט געשעהען! געהויכט וועסט דו ווערען! פון דער נידער, מיט איהרע טרויעריגע שאטען, צו די הויכע, זיך אין ליכט באדענדיגע בערג...

— מיך ש־רעקט די הויך; מיר האבען, געהענדיג, א שטיק נאכט פארבראכט, און מיך זענען מיינע פיס...

— זארג נישט, קינד, פאר די מידע פיס... און שרעק דיך נישט פאר דער הויך!

אין דער שטילער, פון גאט געבענשטער נאכט זענען שוין מאנכע וואונדער געשעהען... זעה, ביי דיינע רעד, אין שטראל פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגען, זענען מיר ווייטע, ברייטע און שטארקע פליגעל אויסגעשפראצט; אויף זיי וועל איך דיך טראגען צו די ווייטע, הויכע און ווייסע בערג...

— א בענקשאפט, ליעבער, האסט דו אין מיין שטילען הארץ פארזייהט, און זי האט געוואקסען... און האט מיך געטריבען צי דיר. אין מאנכע שטילע נעכט האב איך וואונדערליכע חלומות געהאט... עס האט זיך מיר דיין היים גע'חלומ'ט, די ווייטע, הויכע בערג, און איך האב געבענקט צום אפגלאנץ אויף זייער אייביגען שניי און צום עדעל־ווייס, וואס בויגט זיך איבער'ן שווינדעלדיגען אפגרונט...

און איצט שרעק איך מיך!

נאר נישט קיין עדעל־ווייס וועלען מיר זוכען; און נישט קיין שניי בליצט אויף זייערע שטילע רוקענס...

דאס בליצען ווייסע תכריכים...

עס האבען דארט מענשען געלעבט, א שלעכט לעבען געפיהרט און דאס גלויבען אין לעבען פארלוירען, זיי האבען געגלויבט נאר אין טויט, אין ווייסען טויט, וואס רייניגט אלע זינד...

און זיי האבען זיך לעבעריגערהייט תכריכים גענעהט, לעבעדיגערהייט זיך אין תכריכים באקליידט, אויף די שטילע בערג־רוקענס זיך געלעגט און די אויגען פארשלאסען צום שטארבען...

און נאט האט אויף זיי פאר רחמנות א שטילען שלאף גע־

שיקט... און זיי שלאָפֿן... ביז דער שופר אין משיח'ס האַנט וועט זיי וועקן, — האָט גאָט געזאָגט — זאָלן זיי שלאָפֿן!

— קום, קינד, מיר וועלן די טויטע וועקן...

זעה, גאָטס שופר האָב איך אין דער האַנט; בלאָז איך, ער־וואַכן די טויטע!

קום! ריינער שטערן־געזאַנג איז דיין שטימע! מיט וואונדער־שטראַלן איז אויפגעצויגן די גאָלדענע האַרפע — —

קום! מיר וועלן זיי זינגען און שפּילן דאָס הייליגע ליעד; דאָס ליעד פון אויפערשטעהן!

אין דער שטילער, מיט גאָטס גענאָד באַפלאַסענער נאַכט, מו־זען וואונדער געשעהן!

---

— ליעבער, ליעבער מאַן, עס וועלן קיין וואונדער געשעהן!

נישט דאָס, וואָס דו מיינסט, בין איך — מיך שרעקט די שווינדעלדיגע הויך; מיך שרעקן דיינע וואונדער...

די בענקשאַפט, וואָס דו האָסט פאַרזייהט אין מיין האַרץ, האָט אויסגעשפּראָצט און זי האָט מיך געטריבען צו דיר; פון דער זי־סער, שטילער הים געיאָגט צום מאַן פון די הויכע בערג; דאָך נ ע ה ן מיט דיר, קאָן איך נישט!

שוואַך איז מיין ברוסט, ליעבער, מיט וואָס וועל איך אָטעמען אויף די הויכע בערג?

פון בוימער גאַל זענען זיי, די הויכע בערג, וואו וועט רוהען, אויף וואָס וועט נעסטען די שוואַכע שוואַלב — די שוואַך־געפלי־געלטע שוואַלב פון טאַל?

און רעד מיר פון אויפערשטעהן נישט — ווייסע תכריכים־פלעקען בלענדען מיר די אויגען; זיי שווימען פאַר מיר אַרום אין דער לופט און שרעקען מיך!

שוואַך איז דאָס קינד פון טאַל; אויף בערג געהן קאָן זי נישט, די שוואַכע...

און טראָג מיך נישט אַרויף, נעם מיך נישט אויף דיינע פלי־געל; עס שווינדעלט אין דער הויך; איך וועל מיך אַראָפּגליטשען פון זיי; איך וועל פאַלען, ערגעץ אין אַ אָפּגרונט אריין פאַלען;

און דו, אין שלאכט מיט ווינט און שטורעם, וועסט עס נישט מער־קען; וועסט גארנישט ווייסן, ווען און וואו דו האסט מיך פאר־לוירען!

---

הער, מאן פון די הויכע בערג, די רעד פון קינד פון טאל!

ליעב ביסט דו מיר, מאן פון די הויכע בערג, נאר גייען מיט דיר קאן איך נישט...

מיט טויזענטער פעדים בין איך צוגעבונדען צום טאל, צו מיין שטילער היים; רייס זיי נישט איבער; עס וועט מיר וויי טון דאס הארץ!

די קליינע שטערענדלעך, די זילבער־שטראלענדיגע, פינקעל־דיגע שטערענדלעך, וואס שווימען איבער מיין היים, מיין שטילער היים, זיי האבען מיין נשמה אויסגעשפינט; רוף מיך נישט אוועק פון זיי, אויסגעלאשען וועט זי ווערען אונטער פרעמדע הימלען, אויסגייען וועט זי, ווי א ליכט...

און מיין שטימע, וואס וועקט די בלומען אין דיין הארץ, איז נאר דער אפקלאנג פון די קליינע, שטיל־רוישענדיגע וואסערלעך אין טאל... און דער גאלדענער שטראל, וואס בליצט אמאל פון מיין אויג ארויס, איז דער אפגלאנץ פון גאלדיגען זאמד פון דער נידער....

נישט דיין פרייד איז מיינע; נישט דיין לייד איז מיין!

אין פונקען — פון גליה־ווערים צושפריצט זיך מיין פרייד; און מיין שטילע טרויער קומט פון די שיטערע, פארהונגערטע זאנגען, וואס קלאגען זיך אין שטילען געריוש אויפ׳ן ארעמען, זאמדיגען פעלד!

---

מיט טויזענטער שטראלענדיגע פעדים בין איך צוגעבונדען צום טאל; איך האב די נידער ל י ע ב...

איך האב ליעב דאס גאלדיג־פינקעלדיגע זאמד און די קליינע, פארקריפעלטע ביימעלעך, וואס היטען דאס גאלד!

איך האב ליעב די נידער אין גרינעם מאנטעל אין געלע שוואם־פלעקען געהילט; און די שטילע ברידערלעך, די שטיל־שמעקענדיגע,

הימעל־בלויע ברידערלעך, וואָס שמייכלען מיר אַרויס פון שטיל־רוישענדיגען גראָז...

און בענק איך אַמאָל, לעג איך מיך אויף דער גרענעץ צווישען פעלד און וואַלד, אויף דער ווייכער שוים פון טאָל, באַהאַלט דאָס פּנים אין לילאַ, רייך אָיפגעבליטען היידע־קרויט, זאַפּ איין דעם שטילען, פייכטען אָטעם פון דער אויפגעבליטער ערד, און זיס־רו־היג ווערט מיין שוואַלבען־האַרץ; און קומט אַמאָל אַ פרעמדער חלום — אַ רעטעניש, אַ בענקעניש — לאָז איך מיך נישט אויס—געה איך אין וואַלד צו דער היימישער כשוף־מאַכעריןן, און זי גיט מיר באַשייד: קוקו, קוקו, קוקו....

---

ליעב ביסט דו מיר, פרעמדער מאַן פון די בערג, אַ בענקשאַפט טרייבט מיך צו דיר, נאָר ביי דיר בלייבען, מיט דיר געהן — קאָן איך נישט!

אונזערע וועגען לויפען נישט צוזאַמען... דו ביסט דער אַדלער פון די בערג, איך נאָר די שוואַלב פון טאָל...

מיט טויזענטער פעדים בין איך צוגעבונדען צו מיין שטילער היים; נישט איבערצורייסען...

לאָז מיך רוהען דאָ... איך בין מיד פון לאַנגען גאַנג, פון קרוין און סצעפּטער זוכען — זעץ דיך לעבען מיר...

האָסט אַ גאָלדענע האַרפע, זינג אַ צויבער־ליעד דער שוואַ־כער שוואַלב פון טאָל, דעם שוואַכען גלות־קינד...

נאָר זינג מיר נישט פון הויכע בערג, זינג מיר נישט פון אויפערשטעהן — נאָר פון מיין זיסער, שטילער היים...

---

זינג מיר אַ ליעד, אַ גאָלדען ליעד, פון גאָלד־שטראַלענדיגען זאַמד, פון קליינע, שטיל־רוישענדיגע בוימעלעך געהיט...

זינג מיר פון די שטיל־שמעקענדיגע ברידערלעך, וואָס קוקען אַרויס אַזוי ליעב צו מיר, מיט די הימעל־בלויע אויגעלעך, פון זייער באַהעלטעניש אַרויס אין שטילען גרינעם גראָז...

זינג מיר פון דער גרויער, ליעבער שוואלב אין טאָל, וואָס שוועבט אויף שוואכע, נאַר ליעבליך־רוישענדיגע פליגעלעך, און נעסט אין אַלע חורבות־לעכער, וואו זי באהאלט זיך פאר שטורעם און ווינט!

זינג מיר פון מזל'דיגען שטאָרך, וואס שפרייזט אויף דער נאַסער לאָנקע, הינטער'ן שטילען דאָרף, אויף די לאַנגע פיס און וואוינט אויפ'ן נידעריגען דאך פון קליינעם פויערען־הויז...

פון פאַרלאָזטע, ווילד־פאַרוואקסענע פארקען זינג; פון חורבות, פון אַלטע פּאַלאַצען, וואו פאר'כשופ'טע זייגערס וועקען זיך און קלינגען האלבער נאַכט...

אָדער פון פאַר'כשופ'טע בת מלכה'ס זינג, וואָס ווערען אויסגעלעזט און אויפגעוועקט מיט א ליעב־האַרציגען קוש...

---

און שלאָף איך, ליעבער, איין, זיי מיר גוט...
נעם מיר דיין געשאנק — דעם שטראַלענדיגען דיאדעם פון קאָפּ נישט אראָפּ; אייביג טרויערען וועל איך נאָכ'ן דיאדעם...
און ציה מיר דעם אויסגעשטראַלטען מאַנטעל אראָפּ; פאַרצייה דעם שוואכען גלות־קינד — דער שוואלב פון טאָל...

---

נעשלאָסען זענען די געבענשטע אויגען — פאַרשוואונדען איז דער כשוף פון דער שטילער נאַכט... צוריק פאַרלאָשען איז מיין נשמה; פאַרציטערט הילט זי זיך צוריק אין איהרע שאָטען איין, און די נייַ־אויפגעשפּראָצטע בלומען אין האַרץ וועלקען אָפּ און שטאַרבען...

צורונען איז דער זילבער־פליסענדיגער כשוף פון דער גאָטגעבענשטער נאַכט; די קראַפט, זי אויף הויכע בערג צו טראָגען, האָט מיר גאָט פאַרזאָגט!

ער האָט זיך אויף מיר נישט דערבאַרעמט; נישט פאַרגעבען מיינע זינד...

שטום, אָהן סטרונעס, ליגט די האַרפּע; דאָר און אָפּגעשיילט דער וואַנדער־שטאָק...

שלאָף זיס, ליכט־שטראַלענדיג קינד פון טאָל; זיסע, שטילע חלומות אויף דיין קעפּעלע, און פאַרצייה!

פאַרצייה דעם וואַנדערער, וואָס האָט דיך אויפ׳ן וועג געטראָפען און בענקשאַפט אין דיין שטילען האַרץ פאַרזייהט...

---

עס בלייכט זיך די נאַכט, עס לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן — —

שטיל ציטערט די נאַכט — —

גאָט האָט איהר אומפּרוכטבאַרע שויס געבענשט; זי האָט אַ גאָלדענעם שטראַל געבוירען; עס רויטעלט זיך דער מזרח־זוים...

אויף די פרישע פריה־מאָרגען פליגעל שווימט אַ הימליש־זיסער האַרפען־קלאַנג; אַ בשורה פאַר דער וועלט: געבוירען ווערט דער טאָג...

אויפפלאַמען, אויפפלאַקערען וועט דער נייער טאָג, און וועט אויסלעזען די וועלט. די פאַרמאַטערטע וועלט, נאָר — נישט מיך!

אויף מיר וועט זיך גאָט נישט דערבאַרמען, נישט פאַרגעבען מיינע זינד, און נישט אויסלעזען פון טויט און זיינע שרעקען!

נעם, וואַנדערער, דעם וואַנדער־שטאָק און געה...
מיט אַ נייער וואונד אין האַרץ, מיט אַ נייעם וועה...
עס זענען קיין וואונדער געשעהען...

## צום נייעם יאָהר.

— און דו ווערסט אליין שווייגען?

— ווילסט, איך זאָל רעדען?

— הײנט וויל איך. מיך שרעקען דיינע רייד, ביטער און שטע־כענדיג זענען זיי; ערגער אבער איז דיין שווייגען. עס פארמא־טערט.

זעה, עס טראָגט זיך איבעראל א טרויער ארום...

אין דער הויך טראָגען זיך פארוואָגעלטע, פארגליווערטע שטי־קער וואלקען; אזוי נאָהנט צו דער זון, און זיי פרירען!

אונטען — די פארגעלטע בוימלעך; שעהן זענען זיי, נאר טרויעריג איז זייער שעהנקייט, ווי א שטילען ודוי רוישען די בוימ־לעך אוים...

און די ווייןֿלויבע פלאמט; פלאמענדיג שטאַרבט דער וויין.

און א יאָהר שטאַרבט...

רעד צו מיר!

— טרייסט דיך, ליעב קינד, — א נייעס ווערט געבוירען!

— נו, ווינש מיר צום נייעם יאָהר!

— אויף דער טאָץ פאר דיר ליגען גענוג ווינש־קארטען...

— און דאָך — נישט גענוג...

— וואס ווינשען דיר אנדערע, קינד!?

— א טראדיציאָנעלע, געדרוקטע קארטע שיקט דער טאטע: „לשנה טובה תכתבי“...

אזא קארטע שיקט אויך די מאמע; זי שרייבט נאָך צו: „זיי, טאָכטער, געזונט און שטארק, און גליקליך“...

— א שווער וואָרט!

— „און עלטער דיך אין פריידען“ —

— און דיך שרעקט עס?

— וואס?
— דאס עלטערען זיך! דיין שטימע האט געציטערט...
— מעגליך... אט קארטען פון חבר'טארינס... געדרוקטע, פאר־שידענע שפראכען...
— און — — באקאנטע? די בעסערע פון זיי?
— אט איינער, א בעסערער...
מיט טרוקענע פיס, ווינשט ער מיר, זאל איך געהן איבער די פאליעס פון לעבען...
— איבסען!
— אן אנדערער הייסט מיר דורכגעהן דאס בלוטיגע לעבען אומבאפלעקט, ווי א ווייסער שוואן...
— דאס פאלק זאגט: א ווייסע גאנז. און דאס לעבען איז נאך ביי אונז מעהר שוויסיג, אלס בלוטיג...
— ביטערער מענש! ווינש מיר דו!
— איך? איך קען דיך צו ווייניג... איך קאן מיר דיין מאר־גען און איבערמארגען קוים פארשטעלען... דיין שמייכעל, ווען דיין ווייין האט געבליהט און דער עפעל־בוים האט זיך אונטער זיין לאסט געבויגען, האט מיך צו דיר געצויגען, און דיין יעצטיגער טרויער בינדט מיך צו דיר, נאר פרעמד ביסט דו מיר נאך!
— דאך, ווינש מיר!
— ווי דו ווילסט...
איך קען דיינע וועגען נישט...
נאר הער, קינד, וואס טוסט דו, ווען דו געהסט פארביי פאר א שמידעריי?
— וואס פאלט דיר איין?
— דאך!
— ביי טאג שטעל איך מיך נישט אפ... פארנאכט האב איך ליעב מיך אויפ'ן גראז פאר דער שמידעריי צו לעגען און קוקען אויף די פונקען, אויף די גליה־ווערים, וואס צושפריצען און צור־פליהען זיך אין דער הויך...
— א קליין פארגעניגען... פון דיינע אויגען שפריצען מעהר און שענערע פונקען...
איך ווינש דיר בעסער: געה אריין צום שמיד, דריק איהם די

שווערע האנט און פרעג איהם, וואס ער טוט...

און ענטפערט ער, ער קאוועט גראב־ און אקער־אייזען, זאג איהם: עס איז ניצליך. דאך איז פאראן ניצליכערע ארבייט... עס איז צייט אויף ברעד־אייזען, אויף האק און האמער; פאראן אזוי פיעל מויערען צו ברעכען!

— ער וועט מיך פאלגען?

— קוק אויף איהם, וועט ער פאלגען; און דיינע אויגען ליגט די הערשאפט...

— דו שפאסט...

— ניין... און וואס טוסט דו, קינד, ביים ברעג פון ים?...

— אך, דעם האב איך ליעב!

איך האב ליעב צו ליגען אויפ'ן זאמד ביים ברעג פון ים, און אויסצושטרעקען די נאקעטע פיס, ער זאל זיי מיר וואשען און גלעטען...

— און איך ווינש דיר, קינד, האב נישט ליעב דעם ים, ווען ער לאשטשעט זיך צו דיר, ווי א קאץ, נאר ווען ער וועקט זיך אויף אלם לייב! געה מיט מיט די, וואס בארען זיך מיט אט דעם לייב! קוק אויף זיי, ווען זיי פיהרען די שיף, און שטראל־אויס אויף זיי די ליכטיגע קראפט...

— דו האלסט מיך אזוי שטארק!...

— און טאנצען, קינד, קאנסט דו?

— וויטער דער ביטערער טאן!

— ניין, קינד! דאס נייע יאהר מאכט מיך אויך וויך, ווע־ניגסטענס — ביי דיר... נאר הער, א שעהן ווייב קומט גאנץ אפט פאר צווישען שווערדען צו טאנצען...

— וואס דו רעדסט!

— ווינש איך דיר, קינד! בלייב שטעהן, רייס אוים איינע, די שארפסטע, און פאר דעם, וואס הייסט טאנצען צווישען שווער־דען...

— דו שרעקסט מיך, מענש!

— איך האב דאך דיין ווילען געטאן...

און אויב דו ווילסט, האב איך פאר דיר א לייכטערן וואונש!

ווענינ בלוט האסט דו, קינד! דער העלער, הייסער טאג איז דיר צו לעסטיג, צו רווישענדיג, ער באטויבט דיך!

— געוויס...

— האָסט ליעב דעם שטילען אָוועגט...

— דעם שטילען, טרויעריג־שטילען אָוועגט; דאָס שטילע אויפשטראַלען פון די שטערענדלעך...

— און דעם בליצענדיגען זיג־זאַג פון די, וואָס פאַלען...

— אַך, מענש!

— און איך ווינש דיר, אויב דער טאָג מיט זיין ארבייט איז דיר צו לעסטיג, האָב ליעב דעם פריה־מאָרגען... דאָס אויפשטראַ־לען פון נייעם טאָג...

טרויעריג ביסט דו, קינד. און דאָס פארגעהן פון זינקענדיגען טאָג מאַכט דיך נאָך שוואַך און באַנג... פאַרשלאָף דעם זיסען סם פון גוסס'דיגען אָוועגט, און לעב צו־מאָרגענס, ווען עס וועקט זיך דאָס נייע לעבען, ווען עס שפּינט זיך אוים דער נייער ווילען צום לעבען... עס וועט דיך מיטרייסען, קינד!

איז דאָס אויך איבער דיין קראַפט?

# אינהאלט:

## ערצעהלונגען.


זייט

וועגוס און שולמית — 7
פון וואנען נעמט זיך: „ער שפילט פאר'ן טייוועל?“ — 14
צוריקגעקומען — 17
אן אומבאקאנטע — 21
זינדיג בלוט — 24
אויפ'ן געלעגער — 37
אהין נדן איז ערגער ווי פאקען — 40
דער סימן — 49
נישט גוט — 52
ווי אזוי די וואלד־ישיבה איז בטל געווארען — 64
דער חשוב ביים קאניאק — 74
א קלעזמער־טויט — 87
אין חדר אריין שקצים — 92
דער חלום — 96
די לעזעריין — 104
דער עפעל — 106
דאס זיבעטע בענש־ליכטעל — 110
ס'הערצעל צאפעלט — 114
די מילדע בריאה — 116
די לבנה דערצעהלט — 124
קינדער שפיל — 126
אויך א קרבן — 132

## מעשה׳לעך

זייט

וואָס מתים דערציילן — — — — — — — — — — — 3

ביים פּאָקיר — — — — — — — — — — — — — — 17

באַנייט אַ תּליה — — — — — — — — — — — — 23

וועגן אַ שוּוימער, אַ דאַך באַשלעגער און אַ פּאָרצעלייען
מיידעלע — — — — — — — — — — — — — — 27

דער באָרד — — — — — — — — — — — — — — — 35

דער שטראַל — — — — — — — — — — — — — — 42

לבנה־פּערל און אַלטוואַרג — — — — — — — — — — 58

דריי מאָל געווונען — — — — — — — — — — — — 64

אַ רייזע אין דער צייט — — — — — — — — — — — 79

## פּאָעמען אין פּראָזע

גיי ניט מיט מיר — — — — — — — — — — — — 3

עס זענען קיין וואונדער געשעהן — — — — — — — — 7

צום נייעם יאָהר — — — — — — — — — — — — — 24